STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06697

IDISHE DENKER UN POETEN IN MITEL-ALTER

I. Ginzburg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר ל. גינזבורג

אידישע דענקער און פּאָעטען

אין מיטעל־אַלטער

(ערשטער באַנד)

פון

דר. א. גינזבורג

„פאָרווערטס“ אויסגאַבע

1918

Copyright 1918
By Dr. I. Ginzburg
(All rights reserved)

אינהאלט פערצייכניס.

קאפיטעל איינס:

דער שלוס פון תלמוד. די „רבנן סבוראי" און די ערשטע גאונים. דער מנהג אנצוגעבען פאלשע מחברים אויף די אייגענע ווערק (פסעוודאָ־עפיגראפיע). די ליטעראטור פון יענער צייט. דער ארויסטרעטען פון מ א ה א מ ע ד. ע נ ן ב ן ד ו ד, דער גרינדער פון דער „קראים"־סעקטע. זייער איינפלוס אויף די אידען.
20—9

קאפיטעל צוויי:

די יוגענד פון סעדיה. זיינע ווערק. ח י ו י א ל ב ל כ י. סעדיה ווערט גאון אין ס ו ר א. זיין קריעג מיט דעם גלות־פירסט ד ו ד ב ן ז כ א י. סעדיה ווערט ארייגעלעגט אין חרם און ווערט מיט פיער יאהר שפעטער צוריק גאון. זיין גרעסטע ווערק „האמונות והדעות". זיין פילאזאפיע.
33—21

קאפיטעל דריי:

ארץ ישראל און בבל. די אלטקייט פון דעם אידישען ישוב אין בבל. ווען די ראש גלותא'ס האבען זיך אנגעפאנגען. די גרינדונג פון די גרויסע ישיבות אין ס ו ר א און פ ו מ ב ד י ת א. דער אונטערגאנג פון די ישיבות צוזאמען מיט דעם אמט פון „ראש גלותא". די אורזאכען דערפון. נייע צענטרען ווערען געגרינדעט. רבינו גרשום „מאור הגולה אין פראנקרייך און משה בן חנוך אין שפאניען.
44—34

קאפיטעל פיער:

די שוידערליכע לאגע פון די אידען אין שפאניען אונטער די קריסטליכע הערשער. די לאגע ווערט בעסער אונטער די מאהאמעדאנישע קאליפען. מ נ ח ם ב ן ס ר ו ק און ד ו נ ש ב ן ל ב ר ט. זייער איינפלוס אויף דער העברעאישער פאעזי. א ל ד ד ה ד נ י ' ס

וואונדער מעשיות בעוועגען חסדאי'ן נאכצופרעגען זיך וועגען אידישע מלוכות. חסדאי'ס בריעף צום קעניג פון די כאזארען און דעם קעניג'ס ענטפער. חסדאי'ס פלאץ צווישען די אידישע געלעהרטע און פאעטען.

55—45

קאפיטעל פינף :

ר' שמואל הנגיד און זיין יוגענד. ווי אזוי ער איז געווארען וויזיר. זיינע תלמודישע ווערק. זיינע ליעדער. די פאעטען פון יענער צייט און זייער פערשקלאפונג צו דער פארמע. מאנכע פון זיינע וועניגער בעריהמטע צייט־גענאסען. ר' יצחק אבן גאות און זיין פאעזי.

65—56

קאפיטעל זעקס :

בחיי און זיינע לעהרען. די פליכטען פון די גליעדער און די פליכטען פון די הערצער. בחיי'ס פילאזאפיע. זיינע ראיות וועגען דער עקזיס־טענץ און איינהייט פון גאט. בחיי אלס מיסטיק און דער איינפלוס פון די סופים". זיין מיינונג וועגען פרייען ווילען. בחיי'ס פאעזיע.

77—66

קאפיטעל זיעבען :

ר' שלמה אבן גבירול — דער פאעט פון טרויער. זיינע פערזענליכע ליידען און זייער איינפלוס אויף זיין פאעזי. די לעגענדע וועגען זיין טויט. זיינע ליעדער: פערזענליכע, נאציאנאלע און רעליגיעז־פילאזאפישע. דער לאטיינישער „פאנס־וויטא" און דער העברעאישער „מקור חיים". אבן גבירול'ס שטה אין דער פילאזאפיע. וואס ער האט מחדש געווען אין דעם „ניי־פלאטאניזם". זיין לעהרע פון „ווילען" אלס די שעפענדע קראפט. איהר ווירקונג אויף דער קבלה. ווארום זיין פילאזאפיע איז ווענינ בעקאנט ביי אידען.

106—78

קאפיטעל אכט :

ר' יצחק אלפסי און זיין דור. ער ווערט געצוואונגען צו פערלאזען פאס אין דער עלטער פון פינף און זיעבציג יאהר צו־ליעב א מסירה. די בעדייטונג פון זיין גרויסע תלמודישע ווערק „דער אלפס". זיינע תלמידים. יוסף אבן מיגאש. יוסף אבן צדיק און זיין פילאזאפיע. זיין ספר „עולם קטן". אברהם בן חייא הנשיא אדער אברהם סאוואסארדא. דער ערשטער העברעאישער שרייבער פון וויסענשאפטליכע ספרים. זיינע ווערקע און זיין פילאזאפיע.

119—107

קאפיטעל ניין :

ר' משה אבן עזרא און זיין אונגליקליכע ליעבע. דער איינפלוס דערפון אויף זיין פאעזיע. זיינע וועלטליכע און רעליגיעזע ליעדער. משה אבן עזרא אלס ליטעראטור קריטיקער. זיין פילאזאפיע

130—120

קאפיטעל צעהן:

ר' יהודה הלוי'ס יוגענד. זיינע ליעדער פון יענער צייט. ר' יהודה הלוי אלס דאקטאר. זיין בעשלוס צו פאהרען אין ארץ ישראל. זיין שטורענדיגע רייזע אויפ'ן ים. זיין אויפהאלט אין מצרים. זיין אנ־קומען אין ארץ ישראל. זיין בעריהמטע קלאג־ליעד: „ציון, הלא תשאלי?“ און די לעגענדע וועגען זיין טראגישען טויט. זיין נא־ציאנאלע און רעליגיעז־פילאזאפישע פאעזיע. זיין פילאזאפיע און דער „כוזרי“.

170—131

קאפיטעל עלף:

ר' אברהם אבן עזרא און זיין כאראקטער. דער פיעל־זייטיגסטער פון אלע זיינע צייט־גענאסען. זיין בעדייטונג אלס ביבעל־קריטיקער און קאמענטאטאר. זיין פאעזיע. די פערפאלגונגען פון די אלמאהאדען געגען די אידען. דער אבן עזרא פערלאזט שפאניען און פאנגט אן זיין וואנדער־לעבען. זיינע וויסענשאפטליכע און מאטהעמאטישע ספרים. זיין פילאזאפיע. דער אבן עזרא איז איינער פון די ערשטע, וואס מאכט בעקאנט אייראפא מיט דער אידיש־שפאנישער קולטור.

191—171

קאפיטעל צוועלף:

אברהם אבן דאוד ליידט א מארטירער־טויט. זיין ספר איבער אסטראנאמיע. זיין „סדר הקבלה“ איבער אידישע היסטאריע. אבן־דאוד דער ערשטער אריסטאטעליאנער אין דער אידישער ליטע־ראטור. זיין ספר „אמונה רמה“ איבער פילאזאפיע, ווי ער בעווייזט די עקזיסטענץ פון גאט. זיין מיינונג וועגען גוט און שלעכט, און וועגען פרייען ווילען.

205—192

קאפיטעל דרייצעהן:

דעם רמב"ם'ס יוגענד. זיין וואנדער־לעבען. האט דעם רמב"ם'ס פא־מיליע אנגענומען דעם מאהאמעדאניזם? רבי מימון און זיין פאמיליע אנטלויפט פון צפון אפריקא אין ארץ ישראל. דער רמב"ם בעזעצט זיך אין עגיפטען. דעם רמב"ם'ס „מאמר קדוש השם“. די אידען פערפאלגונגען אין תימן. דער פאלשער משיח דוד אל־ראי. דעם רמב"ם'ס „אגרת תימן“.

218—206

קאפיטעל פיערצעהן:

דעם רמב"ם'ס קוק אויף מעדיצין. זיינע מעדיצינישע ספרים. לע־גענדען וועגען איהם אלס דאקטאר.

226—219

קאפיטעל פופצעהן:

דעם רמב"ם'ס תלמודישע ספרים. וואס ער האט בעצוועקט מיט זיין פירוש אויף דער משנה. זיין „משנה תורה“, איהרע מעלות און

חסרונות. ווארום די „משנה תורה“ האט ארויסגערופען אונצופריע־ דענהייט אין געוויסע קרייזען.

240—227

קאפיטעל זעכצעהן:

דער „מורה נבוכים“. וואס דער רמב״ם האט מיט איהם בעצוועקט און פאר וועמען ער האט איהם געשריבען. דער רמב״ם אלס אללעגא־ ריקער. וואס איז „סתרי תורה“ און ווארום זיי זיינען געשריבען פארשטעלט. דעם רמב״ם'ס לעהרען וועגען די געטליכע אטריבוטען. דער תכלית פון דער וועלט. וואס מיינט גאט'ס השגחה? גאט'ס וויסען און דער מענשליכער פרייער ווילען. וואס איז נבואה און ווער קען זיין א נביא? אונשטערבליכקייט און ווער איז דערצו זוכה? דעם רמב״ם'ס קריטיק פון דער פילאזאפיע פון די „מדברים“. איז די וועלט אייביג אדער בעשאפען?

277—241

קאפיטעל זיעבצעהן:

די עטהיק פון רמב״ם. ניט ג ו ט און ש ל ע כ ט, נאר א מ ת און ש ק ר איז דער יסוד פון מאראל. דער פאלקאמענער מענש און די געזעלשאפט. די מענשהייט ווערט איינגעטהיילט אין זעקס קלאסען. אלץ וואס עס איז בעשאפען געווארען איז גוט. שלעכטס איז ניט בעשאפען געווארען; עס איז בלויז אן א ב װ ע ז ע נ־ ה י י ט פון גוטס.

289—278

קאפיטעל אכטצעהן:

די מחלוקה וועגען רמב״ם. די צדדים אין דער מחלוקה. דער ראב״ד און זיין קריטיק. ר׳ מאיר א ב ו ל א פ י א און ר׳ יהודה א ל פ א כ א ר. דער פאנאטיק ר׳ מאיר און מ א נ פ ע ל י ע און זיין מסירה. די שטעלונג פון ר מ ב ׳ ן. דער „מורה נבוכים“ ווערט פערברענט.

299־290

.I

דער שלום פון תלמוד.—די „רבנן סבוראי" און דיא ערשטע „גאונים".— דער מנהג אנצוגעבען פאלשע מחברים אויף דיא אייגענע ווערק (פסעוודאָ־ עפּיגראפיע). — די ליטעראטור פון יענער צייט. — דער ארויסטרעטען פון מאהאמעד). — ע נ ן ב ן ד ו ד ד ע ר ג ר י נ ד ע ר פון דער קראים סעקטע. — זייער איינפלוס אויף דיא אידען.

איינע פון דיא דונקעלסטע פעריאָדען אין דער אידישער געשיכטע איז די צייט אין וועלכע עס האָבען געלעבט און געווירקט דיא „ר ב נ ן ס ב ו ר א י" און זייערע באַלדיגע נאָכפאָלגער, דיא ערשטע „ג א ו נ י ם". עס איז נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט געלונגען דיא פאָרשער און דיא היסטאָריקער צו געפינען גענוג מאַטעריאל, אום צו בעלייכטען יענע צייט.

דער באַבילאָנישער תלמוד (תלמוד בבלי) איז צוזאַ־מענגעשטעלט געוואָרען פון ר ב א ש י, און איז דער־ענדיגט און אין גאַנצען געשלאָסען געוואָרען פון ר ב י נ א. דאָס איז פאָרגעקומען אין דיא יאָהרען פון 450 ביז 475. דיא אורזאַכע דערפון איז געוועו, וואָס זיי האָבען מורא געהאַט, אז צוליעב דיא שווערע צייטען און דיא אלערליי גזרות זאָל דער תלמוד אין גאַנצען ניט פערגעסען ווערען. דאָס איז געוועו דיא זעלבע אורזאַכע, וואָס האָט אין זיין צייט געצוואונגען ר ב י י ה ו ד ה ה נ ש י א צוזאַמענ־צושטעלען און צו שליסען דיא „משנה". פאַר אַ קורצע צייט נאָכדעם זיינען, וויא עס ווייזט אויס, דיא גרויסע ישיבות פון ס ו ר א און פ ו מ ב ד י ת א אין גאַנצען פערמאַכט געוואָרען. ווען זיי זיינען שפּעטער, אונטער

גינסטיגערע פּאָליטישע בעדינגונגען, וויעדער געעפענט געוואָרען, האָבען דיא נייע ראשי־ישיבות שוין בעטראַכט דעם תלמוד אַלס געשלאָסען. זיי האָבען זיך דארום, מיט גאַנץ וועניג קליינע אויסנאַהמען, ניט ערלויבט עטוואָס צו צושטעלען צו איהם. זיי האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבען איהם ערקלערט, מ ס ב י ר געווען. דער־פאר טאַקע הייסען זיי ס ב ו ר א י, ערקלעהרער, מ ס ב י ר י ם.

דיא צייט פון דיא „רבנן סבוראי“ איז געווען אַ גאַנץ קורצע, אַן ערך פון הונדערט און פופציג יאָהר. נאָך זיי זיינען געקומען דיא „גאונים“. *) דער ערשטער גאון זאָל געווען זיין אין יאָהר 589, דער לעצטער אין 1038. דיא עפּאָכע פון דיא „גאונים“ האָט אַלזאָ געדויערט קנאַפּע 450 יאָהר.

דיא עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון דיא אידען אין ב ב ל און אין א ר ץ י ש ר א ל איז ווייט ניט געווען קיין גלענצענדע. פּאָליטיש האָבען דיא אידען אפילו געהאַט אַ געוויסען גראַד פון זעלבסטשטענדיגקייט, עטוואָס אַזעלכעס, וואָס מען וואָלט היינט גערופען קולטורעלע אויטאָנאָמיע. איבער דיא אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון דיא אידען און דיא אידישע קהלות האָבען געהאַט צו זאָגען דער „ראש־גלותא“ (דער גלות־פירשט) מיט דיא „גאונים“, אָבער דאָס איז אין גאַנצען געווען אַבהענגיג פון דעם קאַפּריז פון דעם הערשער. איז ער געווען גוט און גנעדיג, האָט ער דיא אידען געשאָנקען דיא דאָ[...]גע כלומר'שטדיגע זעלבסט־שטענדיגקייט; איז ער געווען שלעכט און בייז, האָט ער עס צוריקגענומען. אין בעסטען פאַל האָבען דיא אידען געדאַרפט בעצאָהלען מיט שווערע שטייערען פאַר דעם ראָזיגען חסד. דיא דאָזיגע שטייערען זיינען געווען דאָ־

---

*) לויט ג ר ע ט ץ איז דער טיטול „גאון“ פון אַראַבישער אַבשטאַמונג. אַנדערע געלעהרטע זיינען מיט דער מיינונג, אַז ער שטאַמט פון דעם העברייאישען וואָרט „גאון“. דער טיטול גאון געפינט זיך שוין אין תלמוד.

פעלטע: שטייערען פאר דעם הערשער פון לאנד און שטייערען פאר דעם „ראש־גלותא“ גופא, וועלכער האט אליין געפיהרט א קעניגליכען שטאאט. דיא שטייערען פלעגען ווערען געזאמעלט אונטער דער אויפזיכט פון דעם ראש־גלותא, צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען מאנכע וואס האבען געהערשט מיט א שווערער האנד און האבען גאנץ ווענינ געשאנעוועט דעם ארימען עולם.

דער גייסט פון רעוואלט און וויעדערשטאנד, מיט וועלכען דאס אידישע פאלק האט זיך געהאט אויסגעצייכענט אין דיא עלטערע צייטען, אין דיא פריהערדיגע יאהר־הונדערטע, איז שוין לאנג צוריק געבראכען און פערניכטעט געווארען. דיא שרעקליכע רעזולטאטען פון דיא פערשיע־דענע אויפשטענדע געגען דיא רוימער האט געבראכט דערצו, וואס דאס אידישע פאלק איז אנטלאפען פון דער גרויסער וועלט אין דער ענגער וועלט פון זיינע שוהלען און בתי־מדרשים, האט זיך בעגראבען אין די „פיער איילען פון דער הלכה“, וואו עס האט געזוכט טרייסט און האפנונג. דא און דארטען האבען זיך נאך געפונען א פאר אידישע שטאמען, וועלכע האבען ארויסגעצייגט א וויעדערשטאנד געגען זייערע שונאים און האבען זיי צוריקגעשטויסען מיט'ן שווערד אין האנד, אבער דאס זיינען געווען זעלטענע אויסנאהמען. אין אלגעמיין האט דאס אידישע פאלק דאן שוין אזוי וויא שלום געמאכט מיט זיין שיקזאל, מיט דעם שיקזאל פון א גלות־פאלק, און האט זיך געטרייסט מיט א האפנונג אויף א וואונדערבארע און איבערנאטירליכע אויס־לייזונג, אויף וועלכע עס האט געדולדיג געווארט און וועגען וועלכע עס האט פאנטאסטיש געטרוימט.

דאס קריסטענטהום האט שוין דאמאלסט זיך געהאט ער־ווארבען גרויס אנזעהן און מאכט. דער „היילינער“ קאנ־סטאנטין האט איהר מיט א צייט פריהער, אין פיערטען יאהר־הונדערט, ערקלעהרט אלס די שטאאטס־רעליגיאן. „די רעליגיאן פון ליעבע“ האט באלד פערגעסען די פערפאלגונ־

גען, וואָס זי האָט ניט לאַנג צוריק אַליין געהאַט אַריבערצו־
טראָגען און האָט זיך גענומען צו פערפאָלגען די אידען. די
דאָזיגע רדיפות און גזירות, וואָס די אידען האָבען געהאַט
אויסצושטעהן פון אַלע זייטען, האָט אין גאַנצען אונטער־
דריקט דעם גייסט פון דעם אידישען פאָלק און דאָס האָט
געבראַכט דערצו, וואָס אפילו די פאָרשונג וועגען דער
„הלכה“ (געזעץ) און דער פלפול, מיט וועלכע די פריהער־
דיגע דורות פון די „א מ ו ר א י ם“ האָבען זיך אויסגעצייי־
כענט, איז געבליעבען אויף אַ שטיל־שטאַנד. ניט די „רבנן־
סבוראי“, ניט די ערשטע „גאונים“ האָבען נאָך זיך עטוואָס
איבערגעלאָזען, וואָס זאָל בעווייזען, אז זיי האָבען וואָס־עס־
איז בעדייטענדעס אויפגעטהאָן אפילו אויף דעם דאָזיגען
פעלד.

ווי אין אַלע שווערע צייטען פון דער אידישער געשיכ־
טע, האָט זיך אויך דאַמאָלסט ביי אידען שטאַרק ענטוויי־
קעלט די מיסטישע ליטעראַטור. די אידען האָבען ניט גע־
קענט האָבען קיין ירושלים אויף דער וועלט, האָבען זיי זיך
אויפגעבויט אַ פאַנטאַסטישע ירושלים אויפ׳ן הימעל. און
אַזוי האָט עס פאַסירט, דאָס וועהרענד יענע עפּאָכע איז גע־
ווען אַרעם אין פילאָזאָפישע געדאַנקען און אין ספרים ווע־
גען דער „הלכה“, איז זיא דאַגעגען געווען רייך אין פערשי־
דענע „קבלה“־ספרים און אין מדרשים. כאַראַקטעריסטיש
פאַר יענער צייט איז, וואָס זייערע קבלה־ספרים האָבען זיך
ניט אויסגעצייכענט מיט די טיעפע פילאָזאָפישע געדאַנקען
און בעטראַכטונגען, ווי די עלטערע „מעשי־בראשית“ און
„מעשי מרכבה“ אָדער ווי די שפּעטערע ספרים פון דער טהע־
אָרעטישער קבלה. דאָס זיינען מייסטענס געווען ספרים אי־
בער דער פּראַקטישער קבלה, פול מיט אַלערליי אבערגלוי־
בענס, סגולות און אבשפּרעכונגען. זייער בעגריעף פון גאָט
איז געווען אַ גראָבער, ווי פון אַ מענשען־עהנליכען וועזען,
וועמעס הויף און ליינג זיי האָבען געמאָסטען אין מיילען.
צווישען די דאָזיגע ספרים געפינען זיך: „ספר שם בן־

נוח", וועגען פראקטישע קבלה; „שיעור קומה", „ספר הרזים", „היכלות רבתי" און „היכלות זוטרתי" און אנדערע. דער איינציגער קבלה־ספר פון יענער צייט, וואס האט א טהעאָרעטישען ווערטה איז דער „ספר יצירה", וועמעס מחבר איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען אונטער דעם איינפלוס פון די נייפּיטהאגאָרישע און די ניי־פּלאטאָנישע פילאָזאָפען. זיינען טאקע אנדערע מיט דער מיינונג, אז דער „ספר יצירה" שטאמט פון א פריהערדיגער צייט. אויך די מדרשים פון יענער צייט צייכנען זיך ניט אויס מיט דער פיינקייט פון דער שפראך, מיט דעם פּאָעטישען שוואונג, מיט דער רייכקייט פון די בילדער און געדאנקען, ווי די פריהערדיגע מדרשים. דאס רוב בעשטעהען זיי פון עלטערע זאמלונגען, וועלכע מען קען דערקענען אן די אלע מעלות וואס זיינען אויבען דערמאָנט געוואָרן, געמישט מיט שפּעטערע הוספות, וועלכע טראָגען שוין א גאנץ אנדער כאראקטער.

די מאָדע פון נעהמען פרעמדע ליטעראַרישע ווערק און אונטערשרייבען דעם אייגענעם נאָמען איז נאָך דאמאָלסט אין גאנצען געווען אונבעקאנט. די מחברים פלעגען זייערע נעמען ניט אונטערשרייבען זאָגאר אויף זייערע אייגענע ארבייטען. דאמאָלסט איז אָבער געווען אן אנדער מנהג, וואס איז אין מאנכע הינזיכטען נאָך געווען שעדליכער ווי ליטעראַרישע גנבה. דאס איז געווען דער מנהג ארויפצושטעלען פ ר ע מ ד ע נעמען אויף די אייגענע ווערק. די נעמען פלעגען זיי נאטירליך אויסקלייבען פון וואויל־בעקאנטע, גרויסע מענשען, כדי צו געבען מעהר וויכטיגקייט און אנזעהן צו גאנץ צווייפעלהאפטע און בעדייטונגסלאָזע ליטעראַרישע ארבייטען. דיא כונה דערביי איז אָהן צווייפעל געווען א גוטע. די מחברים האָבען דערמיט ניט געזוכט, ניט קיין כבוד און ניט קיין געלד און אויך ניט קיינע אנדערע פּערזענליכע נוטצען פאר זיך. זיי האָבען געהאט איין פערלאנג און איין אויפגאבע, צו פערשפּרייטען זייערע געדאנקען און לעהרען, דאס וואס זיי האָבען גערעכענט פאר אמת

און גוט, צווישען דעם עולם. זיי האָבען, ניט אָהן גרונד, גע־רעכענט, אז מיט דעם ארויפשטעלען פון דעם נאָמען פון א גרויסען מענשען אלס דעם מחבר, וועלען זיך זייערע ספרים גיכער פערנאנדערגעהן און גיכער פערשפּרייטען. מען וועט זיך איבערהויפּט בעציהען צו די דאָזיגע ספרים מיט מעהר ערנסט און אויפמערקזאמקייט.

דער דאָזיגער מנהג איז ניט געוועזען קיין נייער. די אַלטע גריכען און די אַלטע רוימער האָבען דאָס אויך געטהאָן. זעהר שטאַרק איז דער מנהג געוועזען פערשפּרייט ביי די אידישע מחברים אין דער צייט פון דעם צווייטען בית־המקדש, הויפּטזעכליך אין זייער פּראָפּאַגאַנדא־ליטעראַטור, וואו זיי האָבען געזוכט בעקאַנט צו מאַכען די גריכען און די רוימער מיט דיא לעהרען און געדאַנקען פון דעם יודענטהום. אויף מאַנכע פון זייערע ווערק האָבען זיי ארויפגעשטעלט די נע־מען פון גריכישע פּערזענליכקייטען און זאָגאַר גריכישע נביאות׳טעס.

דאָס זעלבע האָבען געטהאָן מיט זייערע ווערק די מחברים פון דער צייט פון וועלכער מירריידען דאָ. אזוי צום ביישפּיעל ווערט אָנגעגעבען, אז דער פערפאַסער פון דעם „ספר יצירה“ איז אברהם אבינו; דער פערפאַסער פון „ספר הרזים“ איז רזיאל המלאך; „היכלות רבתי“, „היכלות זוטרתי“ און „שיעור קומה“ פון ר׳ ישמעאל און אזוי כסדר (זעה דור, דור ודורשיו פון ו ו י י ס, חלק ד״).

די דאָזיגע פעלשונגען האָבען אָנגעטהאָן גרויס שאַדען דערמיט, וואָס די ספרים האָבען דורך דעם געקראָגען א גרע־סערע בעדייטונג און אויסגעאיבט א שטאַרקערען איינ־פלוס, ווי זיי האָבען עס פערדיענט. ספרים אויף וועלכע קיי־נער וואָלט זיך ניט ארומגעקוקט, ווען מען וואָלט געוואוסט ווער די אמת׳ע מחברים זיינען, האָבען אויף אזא אופן אָנגע־פאַנגען צו שפּיעלען א גרויסע ראָלע. די אַלע דומהייטען און ווילדקייטען, וואָס האָבען זיך געפונען אין מאַנכע פון די אויבענדערמאָנטע ספרים, האָבען אָנגעפאַנגען בעטראַכט צו

ווערען אלס הייליגע אמת'ען אין וועלכע מען טאָר ניט צווייפלען. זייער איינפלוס איז געווען שטאַרק ניט בלויז אויף זייער צייט, נאָר אויך אויף די שפּעטערע דורות, וועלכע האָבען זיך אויף די דאָזיגע ספרים פערלאָזען אלס אויף די גרעסטע אויטאָריטעטען. ערשט מיט דעם אריינטרעטען פון דער נייער צייט, דורך דער מאָדערנער קריטיק, איז עס געלונגען אראָבצורייסען פון זיי זייער געפעלשטען הייליגען מאנטעל.

ווי עס איז צו זעהן איז די לאגע פון דעם אידישען פאָלק אין יענער צייט געווען א גאנץ טרויעריגע, ניט בלויז אין עקאָנאָמישען און פּאָליטישען זינן, נאָר אויך אין גייסטיגען. אלערליי פאלשע אמונות און אבערגלויבענס האָבען זיך פערמעהרט. אפילו דער גלויבען אין גאָט האָט ביי גאָר פיעלע אָנגענומען א גראָבען, גשמיות'דיגען, כאראַקטער. דער שאַפענדער גייסט פון דעם אידישען פאָלק איז אזוי ווי אויסגעמאַטערט געוואָרען דורך די שווערע צרות און יסורים, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט אריבערצוטראָגען.

צוויי גרויסע פאסירונגען זיינען דאמאָלסט פארגעקומען וואָס האָבען א טרייסעל געטהאָן דעם גאנצען בנין פון יודענטהום און האָבען אויפגעוועקט דעם פאָלק פון זיין לעטהארגישען שלאָף. איינע איז געקומען פון דרויסען; די אנדערע פון אינעווניג.

די ערשטע גרויסע פאסירונג איז געווען דער ארויסטרעטען פון מ א ה א מ ע ד*) מיט זיין נייער רעליגיאָן. די נייע רעליגיאָן האָט זיך פערשפּרייט מיט א געוואלדיגע שנעליגקייט צווישען די אראבישע שטאמען און פעלקערשאַפטען. פון אָנפאנג זיינען מאהאמעד'ס בעציהונגען צו די אידען געווען זעהר פריינדליכע. ער האָט נאָך דאמאָלסט געהאָפט, אז אויך די אידען וועלען איהם אנערקענען. דאָס

*) מאהאמעד איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 569. צו פיערציג יאָהר איז ער ארויסגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט אלס שליח און נביא פון גאָט. דאָס איז אלזאָ געווען אין דיא צייטען פון דיא ערשטע גאונים.

וואָלט ער אליין בעטראכט אלס דעם זיכערסטען סימן פון זיין געטליכקייט. שפּעטער, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אז ער קען מיט די אידען גאָר ניט מאכען, אז זיי מאַכען גאָר חוזק פון איהם און זיינע פּרעטענזיעס, איז ער געוואָרען פיינדליך צו זיי. איהם איז זאָגאר אויסגעקומען צו פיהרען מלחמות מיט מאנכע אידישע שטאַמען. די מעהרסטע פון זיינע לעהרען זיינען גענומען פון יודענטהום, הויפּטזעכליך פון דעם יודענטהום פון יענער צייט. דער גאנצער „קאָראן" איז פול מיט פּסוקים פון די אידישע היילינע שריפטען און מיט אידישע לעגענדען וועגען די „אבות" און משה'ן, ווי זיי זיינען דאמאָלסט בעקאַנט געווען צווישען די אידען. דיעזע געוואלדיגע רעליגיעזע בעוועגונג, וועלכע איז געווען כמעט אין גאנצען געבוים אויף דעם יודענטהום און אויף די אידישע טראדיציעס, האָט נאטירליך ניט געקענט לאָזען אין גאנצען אונבעריהרט דעם אידישען פאָלק גופא. דאָס אידישע פאָלק האָט ווילענדיג ניט ווילענדיג געמוזט זיך איינהערען צו דיא טענות פון די מאהאמעדאנער און זיך פארבערייטען צו בעשיטצען זיין רעליגיאָן און זיינע טראדיציאָנען געגען דעם נייען מעכטיגען שונא.

ניט לאנג נאָך מ א ה א מ ע ד'ס טוידט האָבען אין דעם מאהאמעדאניזם גענומען ארויסשפּראָטצען פערשיעדענע סעקטען. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען דער פראגע פון פּראָאויס-בעשטימונג און פון פרייען ווילען, פון „ידיעה און בחירה". די ארטאדאקסען, די „אשאריאיטען", האָבען געגלויבט, אז א מענש האָט ניט קיין פרייען ווילען, אז אלץ איז בעשטימט פון פּאָראויס. די פרייערע ריכטונג, די „מו־טאזיליטען", האָבען געגלויבט, אז דער מענש האָט יע א פרייען ווילען. דאָס איז געווען א ריין־פילאָזאָפישע פראגע, און אויף אזא אופן איז ארייננעבראכט געוואָרען די פילאָזאָפיע אין די רעליגיעזע וכוחים. דאָס איז געווען דער ערשטער שטויס צו דער בילדונג פון דער „אראבישער שוהלע" אין דער פילאָזאָפיע. דערצו זיינען צווישען די מאהאמעדא־

נער געווען אזעלכע, וואָס האָבען נאָר געגלויבט אין „תורה שבכתב“, אין דעם געשריעבענעם קאָראן און האָבען ניט געוואָלט וויסען פון קיינע איבערליפערונגען און טראדיציאָנען, פון קיין „תורה־שבעל־פה“. אנדערע דאגעגען האָבען געגלויבט א חוץ איג'ם קאָראן אויך אין די איבערליפערונגען פון זיינע תלמידים און קרובים, אין דער מאהאמעדאנישער „תורה־שבעל־פה“. דיעזע אלע רעליגיעזע וכוחים און רייבערייען האָבען אויך געהאַט זייער איינפלוס אויף די אידען.

דיא צווייטע גרויסע פאסירונג, וואָס איז געקומען פון א י נ ג ו ו ע נ י ג און האָט דארום געהאַט נאָך א גרעסערע בעדייטונג און א שטאַרקערע ווירקונג, איז געווען דער ארויסטרעטען פון ע נ ן ב ן ד ו ד, דער גרינדער פון די „קראים“ אָדער „בעלי־מקרא“ סעקטע (די קאַראאימען). דאָס האָט פאסירט צווישען 760 און 767.

ע נ ן ב ן ד ו ד איז געווען איינער פון די גרעסטע און אנגעזעהענסטע מענשען ביים אידישען פאָלק פון יענער צייט. ער איז געווען א גרויסער יחסן, אן אבשטאמונג פון די „ראש־גלותא'ס“, א גרויסער תלמודיסט און איז אויך געווען בעקאַנט מיט אנדערע וויסענשאַפטען. נאָך דעם טוידט פון זיין אָנקעל האָט ענן געדאַרפט פערנעהמען זיין פלאַטץ און ווערען דער גלות־פירסט, אָבער די גאונים און זייערע תלמידים פון דיביידע ישיבות האָבען אָנגעווענדעט זייער גאנצען איינפלוס געגען איהם. אנשטאָדט איהם איז ערוועהלט געוואָרען זיינער א אינגערער ברודער, וועלכער איז נאָך דערצו ווייט ניט געווען אזא געלערענטער און חשובער מענש ווי ער. דאָס האָט ענג'ען זעהר שטאַרק פערדראָסען און אוים כעס אויף די גאונים איז ער ארויסגעטראָטען געגען דעם גאנצען ראבינערטהום, געגען דעם גאנצען תלמוד, און האָט געגרינדעט די „קראים“־סעקטע. דאָס איז, ווי די מעשה ווערט איבערגעגעבען אין די „רבנישע“ קוועלען.

די קאַראאימען דאגעגען דערצעהלען, אז ענן איז יע ערוועהלט געוואָרען אלס גלות־פירסט. אריבערנעהמענדיג דעם

אמט און קריגענדיג די מאכט, האט ער בעשלאסען, אז די צייט איז געקומען אבצושאפען די נייע תורות און די נייע איינפיהרונגען און אליץ מאכען ווי עס איז געווען אין די אלטע צייטען. די רבנים האבען איהם פערמוסרט פאר דעם קאליף, אבער גאט האט איהם געראטעוועט פון טוידט. ע נ ן האט דאן אויפגעגעבען זיין אמט און איז אבגעפאהרען קיין ירושלים.

דא איז ניט דער פלאטץ מאריך צו זיין וועגען דעם לעבען און די טהעטיגקייט פון ענג׳ען. עס לייגט זיך אבער קוים אויפ׳ן שכל, אז צוליעב א פערזענליכע בעליידיגונג אדער א פערזענליכען אונרעכט, וואס איז בעגאנגען געווארען געגען איהם, זאל ע נ ן האבען געווארען א גרינדער פון א נייער רעליגיעזער סעקטע. עס איז גיכער אנצונעהמען, אז ע נ ן האט זיך נאך פון פריהער ארומגעטראגען מיט אזעלכע געדאנקען, אז איהם זיינען ניט געפעלען געווען די וועגען פון די גאונים און ווי זיי האבען אויסגעטייטשט די תורה שבעל פה. די גאונים, וועלכע האבען געוואוסט פון זיינע אנזיכטען האבען טאקע דארום איהם פערווארפען און האבען אויסגעקליעבען זיין ברודער. אויב אפילו ענן האט עס געטהאן בלויז אויס כעס, בעווייזט אבער זיין גרויסער ערפאלג, אז דער באדען איז געווען פארטיג און צוגעגרייט פאר אזא בעוועגונג. עס איז אהן צווייפעל, אז א גרויסער טהייל פון עולם איז געווען אונצופריעדען מיט דער שווערער הערשאפט פון די גאונים, מיט זייערע חומרות און גזרות. דער געבילדעטערער טהייל, וועלכער איז אויך געווען בעקאנט מיט די זייטיגע וויסענשאפטען און מיט דער פילאזאפיע, איז געווען אונצופריעדען מיט די גראבע אנזיכטען וועגען גאט און דער גלייכען, אין וועלכע מאנכע פון די גאונים גופא האבען געגלויבט. דערצו זיינען שוין געווען פון פריהער קליינע אידישע סעקטען, וועלכע זיינען ארויסגעטראטען געגען די גאונים. ס׳איז אויך מעגליך, אז צווישען די אידען האבען זיך נאך דאן געפונען איבערבלייבעצען פון די אלטע „צדוקים",

וואָס האָבען ניט אנערקענט דעם תלמוד. די דאָזיגע פערשיע־דענע עלעמענטען האָבען זיך פעראייניגט אונטער דער פיה־רערשאַפט פון ע נ ן ב ן ד ו ד אלס אן אָפּאָזיציע צום רבנישען אָדער תלמודישען יודענטהום.

איינע פון די הויפּט-לעהרען פון ענן׳ען האָט זיך אויסגע־דריקט אין די ווערטער: „חפישו באוריתא שפיר״ — זוכט גוט אין דער תורה. דאָס איז געווען א רוף צוריק צו דער בי־בעל. פּונקט ווי ל ו ט ה ע ר אין זיין צייט און די ערשטע משכילים מיט מ ע נ ד ע ל ס ז אָ ה ן אן דער שפּיצע אין זייער צייט, אזוי האָבען אויך די ערשטע „קראים״ גערופען צוריק צו דער ביבעל. טאַקע דערפאַר האָבען זיי זיך גערופען בעלי־מקרא. און פּונקט ווי ל ו ט ה ע ר האָט ארונטערגע־ריסען די אויטאָריטעט פון פּאַפּסט, אזוי האָט ע נ ן ארונ־טערגעריסען די אויטאָריטעט פון די רבנים און גאונים. ער האָט געפּרעדיגט, אז יעדער איינער, וואָס פערשטעהט די ביבעל, קען פון דאָרטען אליין ארויסקריגען ווי זיך אויפצו־פיהרען, לויט זיין אייגענע פערשטענדניס. עס מאַכט ניט אויס וואָס אין דער פּראַקטיק האָט זיך די דאָזיגע לעהרע זיינע ארויסגעוויזען אלס אונמעגליך און וואָלט געבראַכט דערצו, אז יעדער איינער וואָלט זיך געהאַט זיין אייגענע תורה; עס מאַכט ניט אויס, וואָס ער אליין האָט זיך געפונען געצוואונגען צו מאַכען א מין אייגענעם תלמוד, און נאָך א שווערערען פון דעם רבנישען דערצו. דער רוף „חפישו באוריתא שפיר״ איז סאַי ווי סאַי געווען א ניצליכער פאַר זיין צייט און האָט געבראַכט גוטע פריכטע. די קראים האָ־בען זיך צוליעב דעם גענומען אָבגעבען מיט דעם שטודירען פון דער שפּראַך און איהר דקדוק, כדי בעסער צו פערשטעהן דעם תנ״ך, דעם פּשוט׳ען, איינפאַכען מיין, אָהן צודרעהטע דרשות און פּשט׳לעך.

דאָס אללעס האָט ניט געקענט בלייבען אָהן א ווירקונג אויף די „רבנים״, וועלכע האָבען געמוזט בעקעמפּפען די קראים מיט זייערע אייגענע וואַפּען. עס האָבען זיך אויך גע־

נומען בעווייזען צווישען די „רבנים" מענשען, וואָס האָבען זיך אָבגעגעבען מיט דער פאָרשונג פון דער שפּראַך און מיט דעם פשוט'ען זינן פון דער ביבעל. און פונקט ווי צווישען די קראים אזוי האָבען זיך אויך צווישען די רבנים געפונען מענשען, וואָס האָבען זיך גענומען אָבגעבען מיט דער פילאָזאָפיע און פּראָטעסטירען געגען די גשמיות'דיגע בעגריפע וועגען גאָט. זיי האָבען געזוכט צו בעווייזען, אז דער רבנישער יודענטהום איז ניט געגען דעם פשט און די פשוטע כונה פון דער תורה, אז פערקעהרט ער ערפילט און ערגענצט די געשריעבענע תורה. זיי האָבען אויך געזוכט צו בעווייזען, אז דער רבנישער יודענטהום איז און איז שטענדיג געווען געגען די גראָבע בעגריפע וועגען גאָט; זיי האָבען געזוכט צו בעווייזען, אז דאָס יודענטהום, דאָס רבנישע יודענטהום, קען און דאַרף געהן האנד אין האנד מיט דער פילאָזאָפיע.

דער ערשטער, וואָס האָט דאָס אַללעם געפּרובירט טהאָן אויף אַ סיסטעמאַטישען אופן איז געווען **רב סעדיה גאון.**

II.

די יוגענד פון סעדיה. — זיינע ערשטע ווערק. — חיוי אלבלכי. — סעדיה ווערט גאון אין סורא. — זיין קריעג מיט דעם גלות־פירסט דוד בן זכאי.— סעדיה ווערט אריינגעלעגט אין חרם און ווערט מיט פיער יאהר שפּעטער צוריק גאון. — זיין גרויסע ווערק „האמונות והדעות“. — זיין פילאָזאָפיע.

רב סעדיה גאון איז געבאָרען געוואָרען אין יאהר 892 אין אַ קליין שטעדטעל, דילאַץ, ניט ווייט פון פּאַיום (פתום) אין אָבער־עגיפּטען.

ווער עס זיינען געווען זיינע עלטערן איז ניט בעוואוסט. די איינציגע זאַך וואָס מען ווייס וועגען זיי איז, אַז זיין פאָטער'ס נאָמען איז געווען יוסף. מאַנכע פון זיינע געגנער האָבען זאָגאר בעהויפּטעט, אַז ער שטאַמט גאָר פון גרים. ער אַליין האָט זיך דאַגעגען בעריהמט, אַז ער שטאַמט פון שלה בן יהודה. צי האָט ער טאַקע געהאַט אַזאַ יחוס־בריעף אָדער דאָס איז געווען בלויז אַזאַ פּאָלעמישער מיטעל געגען זיינע שונאים, קען מען ניט וויסען. איינער פון זיינע אור־אור עלטערן, גיט ער אָן, איז געווען דער בעריהמטער חנינא בן דוסא, וועגען וועמען עס געפינט זיך אין תלמוד פערשיעדענע וואונדער־לעגענדען, אבער וועגען וועמען עס איז אַ וואָרט ניט דערמאָנט, אַז ער שטאַמט פון שבט יהודה.

ווער עס זיינען געווען זיינע לעהרער אין תלמוד, פילאָזאָפיע און אין די וויסענשאפטען, ווי זיי זיינען אין יענער צייט פערשטאַנען געוואָרען, ווייס מען אויך ניט. עס איז אבער קלאָר, אַז אין עגיפּטען האָבען זיך שוין דאַמאלס געמוזט געפינען

אזעלכע אידען, וואָס זיינען געווען בעקאַנט ניט בלויז מיט דעם תלמוד, נאָר אויך מיט דער פילאָזאָפיע, און פון זיי האָט עס ס ע ד י ה געקראָגען זיינע ידיעות. דאָס וואָס ער האָט געקראָגען זיין ערציהונג ווייט פון די גרויסע ישיבות און זייער איינפלוס, האָט וואהרשיינליך פיעל בייגעטראָגען דערצו, וואָס סעדיה האָט געקענט געניסען פון אַ וועלטלי־כער בילדונג א חוץ די געוועהנליך תלמודישע.

פון זיין פריהער יוגענד און זיינע רביים ווייסען מיר גאַנץ ווייניג, אבער דערפאר ווייסען מיר, אז ער איז ארויסגעטראָטען אויפ'ן ליטעראַרישען פעלד, ווען ער איז נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער מאַן. זיין ערסטע ווערק האָט ער אָנגעשריעבען, ווען ער איז אַלט געווען קנאַפּע איין און צוואַנציג יאהר. דאָס איז געווען אַ העברעאישער ווערטערבוך: „הארגון". זיין צווייטע בעדייטענדע ווערק, מיט צוויי יאהר שפּעטער, איז געווען אַ פּאָלעמיק אונטער דעם נאָמען „געגען־ענן". די לעצטע ווערק איז געווען געריכטעט געגען דעם גרינדער פון דער „קראים"־סעקטע.

שוין אין די דאָזיגע צוויי ערסטע ווערק פון סעדיה גאון קען מען קלאָר ארויסזעהן דעם כאַראַקטער און דעם גייסט פון דעם יונגען מחבר. דאָס זיינען ניט געווען קיין ספרים איבער כשר און טרפה, איבער אסור און מותר אדער אנדערע אזעלכע תלמודישע פראגען. דער מחבר האָט זיך געשטעלט העכערע אויפגאַבען, צו בעשיצען דעם גאַנצען תלמודישען יודענטהום פון זיינע אָנגרייפער, פון די ק ר א י ם. און אזוי ווי די קראים האָבען זיך געשטיצט און בעצויגען אויף דער ביבעל, האָט סעדיה געפונען פאַר נויטיג בעקאַנט צו מאַכען דעם אידישען עולם מעהר מיט דער העברעאישער גראַמאַטיק, כדי די ביבעל זאָל קענען גרינדליכער שטודירט ווערען. צו דיעזען צוועק האָט ער אַ חוץ דעם ווערטערבוך אויך פערפאַסט אַ גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך, פון וואָס עס איז געבליבען ווייניגע שטיקלעך. שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו איבער־זעצען די ביבעל אין אַראַביש און ערקלערען איהר לויט דעם

איינפאכען פשט, אָהן די אַלערליי דרשות פון זיינע פאָר־געגנער, די תלמודיסטען און די נאָך־תלמודישע אידישע געלעהרטע. ער האַלט זיך אָבער שטרענג אָן די תלמודישע אויסטייטשונג גענען די בעהויפטונגען פון די קראים, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען א דין.

זייענדיג כמעט דער ערסטער אויף דעם דאָזיגען פעלד, איז עס איהם ניט שטענדיג געלונגען. אין זיין ליעבע צום איינפאכען פשט איז ער אין פיעלע ערטער פערקראָכען אין נאָך ערגערע דרשות ווי די וואָס ער האָט געזוכט אויסצומיידען. גאַנץ אָפט האָט איהם פשוט געפעהלט דער חוש פאַר דער שעהנקייט פון דער העברעאישער פּאָעזיע און איהרע בילדער־רייכע אויסדריקע, וועלכע ער האָט געזוכט צו פער'פשוט'ען. אזוי, צום ביישפיעל, ערקלערט ער דעם פסוק: „האזינו השמים ותשמע הארץ" (פערנעהמט איהר הימלען, און זאָל די ערד אויך הערען), „זאָלען הערען די מלאכים פון הימעל און די מענשען פון דער ערד". איבערהויפט האָט ער געזוכט אויס־צוטייטשען יענע שטעלען אין דער ביבעל, וואו עס ווערט גערעדט ווי פון א קערפּערליכען גאָט, אז זיי זאָלען שטימען מיט זיינע פילאָזאָפישע בעגריפע. אזוי, צום ביישפיעל, פער־טייטשט ער: „ויאמר אלהים יהי אור", גאָט האָט געוואָלט עס זאָל זיין ליכט, ניט גאָט האָט געזאָגט. וועגען דעם שלאַנג וואָס האָט גערעדט צו חוה'ן און דעם עזעל פון בלעם, וואָס האָט אָנגעפאנגען צו רעדען, ערקלערט ער אז דאָס זיינען געווען מלאכים. אין מאנכע שטעלען ערלויבט ער זיך זאָגאר צו ענדערען אָדער צוצושטעלען א וואָרט צום טעקסט, כדי דער ענין זאָל ווערען פערשטענדליכער (זעה: דור, דור ודורשיו, חלק ד'). נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט די צייט אין וועלכע סעדיה האָט געלעבט, מוז מען צוגעבען אז זיין איבערזעצונג מיט אַלע איהרע פעהלערען איז שוין געווען א גרויסער שריט פאָרוועררטס, און עס האָט זיך געפאָדערט גרויס מוטה, אום עטוואָס אזעלכעם דאמאלס צו וואַגען.

כמעט אַלע זיינע ספרים, און זיי זיינען פיעל אין צאָהל, טראָגען דעם כאראקטער פון פּאָלעמיקס און דעבאטען. דאָס

איז געווען דער פאַל מיט זיין איבערזעצונג פון דער ביבעל און אפילו מיט זיין גרעסטע ווערק, דער „האמונות והדעות״, וואו ער ארבייט אויס זיין רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, אפילו זי טראָגט אויך אין פיעלע פלעצער דעם כאַראַקטער פון א פּאָלע־מיק. די ויכוחים ווערען געפיהרט דאָ געגען די וואָס גלויבען אין דער קערפּערליכקייט פון גאָט, דאָרטען געגען די קראים וואָס לייקענען אָב די טראַדיציע און אָן אַנדערש מאָל ווידער געגען די אפיקורסים און ניט־גלויביגע.

צו זיין גרויסען און אַלזייטיגען וויסען, האָט ס ע ד י ה בעזעסען די נאַטור פון א קעמפּפער, וועלכער האָט זיך פון קיין זאַך ניט צוריקגעהאַלטען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם, וואָס ער האָט בעטראַכט פאַר דעם אמת. לויט זיין טעמפּעראַמענט איז ס ע ד י ה אין זיינע יונגע יאָהרען געווען דאָס, וואָס מען וואָלט היינט גערופען א פּאַמפלעטיסט. פאַר זיין צייט איז ער געווען א פעהיגער שרייבער מיט א שאַרפער פעדער, וועלכע ער האָט געברויכט אונ׳ברחמנות׳דיג געגען זיינע געגנער. דעם גרינדער פון דער קראים־סעקטע ע נ ג׳ען, רופט ער אָן „א מענש מיט מעהר חוצפה ווי גאָטס־פאָרכטיגקייט. דעם פריידענקער און אפיקורס ח י ו י ה ב ל כ י רופט ער אָן ה כ ל ב י, דער הונד.

ח י ו י ה ב ל כ י אָדער א ל ב ל כ י האָט געלעבט מיט א דור אָדער צוויי פריהער ווי סעדיה גאון. ער איז געבאָרען געוואָרען אין פ ע ר ס י ע ן, וואו ער האָט זיך א פּנים בעקאַנט מיט די פילאָזאָפען פון דער פרייערער ריכטונג פון דעם מאהאָמעדאַניזם (די מוטאַזיליטען). איינער פון די דאָזיגע אַראַבישע פּאָעטען האָט זיך שוין דאַמאַלס ערלויבט צו זאָגען: „די וועלט איז איינגעטהיילט אין צוויי קלאַסען: אין אזעלכע וואָס האָבען שכל און ניט קיין גלויבען, און אין אזעלכע וואָס האָבען גלויבען און ניט קיין שכל״ (גרעטץ). חיוי אלבלכי איז אין גאַנצען געווען א ניט־גלויביגער. ער האָט ניט גע־גלויבט, אז גאָט האָט זיך ווען־עס־איז ענטפּלעקט צו אירגענד וועלכע מענשען, זאָל עס זיין מ ש ה, י ע ז ו ס אָדער מ א ה א־מ ע ד. די ביבעל בעטראַכט ער אַלס אַ ווערק געשריעבען און

צוזאמענגעשטעלט געוואָרען פון מענשען. דאָס צו בעווייזען האָט ער אָנגעשריעבען א בוך, וואו ער האָט ארויסגעשטעלט צוויי הונדערט טענות געגען דעם תנ"ך. ליידער איז זיין בוך פערלאָרען געגאנגען, און עס זיינען בלויז איבערגעבליבען פון איהם איינציגע טענות אין די ספרים פון זיינע געגנער. געגען איהם זיינען ארויסגעטראָטען סאַי די רבנישע אידען, ווי סעדיה גאון, סאַי די געלעהרטע פון דער קראים־סעקטע, ווי שלמון בן ירוחם.

חיוי אלבלכי פרעגט: צו וואָס האָט גאָט פערלאָזען די הימלען און די ריינע מלאכים און איז אראָב צווישען די אונריינע מענשען? צו וואָס דארף גאָט קרבנות און „לחם הפנים", ווען ער עסט ניט? צו וואָס דארף ער א מנורה מיט ליכט, ווען ער דארף קיין ליכטיגקייט ניט? ער לייקענט אויך אין גאנצען אָב די ניסים און זוכט זיי צו ערקלערען אויף א נאַטירליכען וועג: די אידען זיינען אריבער דעם ים אין דער צייט, ווען דאָס וואסער איז אבגעפאַלען (עבבע); דער „מן" וואָס זיי האָבען געגעסען אין דעם מדבר איז געווען אזא מין פפלאנצונג. ווי עס איז צו זעהן פון די דאָזיגע ווענינע טענות, איז חיוי אלבלכי געווען דער פאָטער פון דער ראַציאָנאַליסטיש־אפיקורסישע שולע פון ביבעל־קריטיק. אזעלכע זיינען אויך געווען אין די לעצטערע צייטען דער פראנצויז וואָלטער און דער וועניגער טיעפער אמעריקאנער אינגערסאָל, גאַנץ גלייך צי זיי זיינען אין זייערע טענות בעאיינפלוסט געוואָרען פון חיוי אדער ניט.

ווי עס איז געוועהנליך דער פאל אין פּאָלעמישע שריפטען, איז סעדיה ניט שטענדיג געווען גערעכט צו זיינע געגנער, איבערהויפט אין זיינע טענות געגען די קראים. ער האָט גאנץ אָפט אין גאנצען איגנאָרירט די ארגומענטען פון די קראים, און האָט מאנכע פון זייערע קשיות פערענטפערט מיט בויך־סברות, וואָס האָבען ניט געהאט קיין בעגרינדונג און בערעכטיגונג (זעה דור, דור ודורשיו חלק ד'). אין זיין פערלאנג צו פערהיטען די טראַדיציע (תורה שבעל פה) פון די קראים, איז ער אריבער צום אַנדערען עקסטרעם. ער האָט

זיך אזוי ווי אונטערגענומען צו פערטהיידיגען אלץ, אפילו דאָס וואָס האָט ניט געדארפט און ניט געקענט פערטהיידיגט ווערען. גאנץ ריכטיג מערקט אויף דעם אַן דער געלעהרטער ווייס, אז סעדיה האָט גיכער געזוכט צו פערשטאַרקערען די אמונה אין דער טראַדיציע ביי די רבנישע אידען גופא איידער צו בעקעהרען און צו איבערציינגען די קראים. די געפאַהר, אז די קראים־סעקטע זאָל זיך אלץ מעהר און מעהר פערשפּרייטען און אין גאַנצען ארויסשטופּען דעם רבנישען יודענטהום איז דאמאָלס גאָר ניט געווען אזא קליינע. דער ערפאָלג פון די קראים איז געווען פיעל גרעסער, ווי דאָס האָבען ערוואַרטעט די פאָרשטעהער פון דעם תלמודישען יודענטהום. די גאונים האָבען ניט געוואָלט אָדער טאַקע פּשוט ניט געקענט זיך אריינלאָזען אין ויכוחים מיט די קראים, וועלכע האָבען זיך אונטערדעסען אלץ געהאַלטען אין פערמעהרען. די „גלות־פירסטען" און די גאונים האָבען זיך בענוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבען פערפאָלגט און אונטערדריקט די קראים, אָבער דאָס האָט ווייניג געהאָלפען. סעדיה איז געווען דער ערסטער פון די „רבנים", וועלכער האָט אָנגעפאַנגען צו דיסקוטירען און צו דעבאַטירען מיט די קראים.

פון סעדיה'ס ווערק „געגען־ענן" און פון זיינע אנדערע פּאָלעמישע שריפטען זיינען נאָר געבליבען פערשיעדענע שטיקלעך. ווי עס איז שוין אויבען בעמערקט געוואָרען, איז ער ניט אימער געווען גערעכט צו זיינע געגנער, אָבער גאַנץ גלייך וואָס מיר דענקען איצטער וועגען זיינע פּאָלעמיקס, אין זיין צייט האָבען זיי געהאַט א געוואַלטיגע ווירקונג סאַי צווישען די „רבנים" און סאַי צווישען די קראים. די גרעסטע מענשען צווישען די קראים, סאַי די וואָס האָבען געלעבט אין סעדיה'ס צייטען און סאַי די וואָס האָבען געלעבט שפּעטער, האָבען געפונען פאַר נויטיג ארויסצוטרעטען געגען סעדיה. צווישען זיי זיינען די וויכטיגסטע שלמון בן ירוחם, עטוואָס עלטער פון סעדיה, און סהל בן מצליח, עטוואָס אינגער פון סעדיה. עס פערשטעהט זיך, אַז קיין זלזולים און בעליידיגונגען האָבען ניט געפעהלט אויף

אין זייערע שריפטען, אבער אין מאנכע הינזיכטען זיינען זיי געווען גערעכט.

צווישען די „רבנים" דאגעגען האָט זיך סעדיה ערוואָרבען א געוואלטיגען גרויסען נאָמען צוליעב זיינע ויכוחים מיט די קראים און מיט חיוי אלבלכי. זיי האָבען אין איהם געזעהן דעם רעטער און פערטהיידיגער פון דעם גלויבען.. אלס אזעלכער איז ער אויך בעטראכט געווען שפעטער, און דער ראב"ד זאָגט וועגען איהם: „ער האָט בעזיעגט די קראים און די אלע וואָס האָבען געלייקענט אין דער תורה פון זיין צייט."

סעדיה'ס נאָמען האָט געמוזט זיין זעהר גרויס, ווען אין דעם יאָהר 928, אין דעם עלטער פון זעקס און דרייסיג יאָהר, איז ער געוואָרען איינגעלאדען פון דעם גלות־פירסט, דוד בן זכאי, צו ווערען דער גאון פון דער גרויסער ישיבה אין סורא. ס'איז אמת, דער גלות־פירסט האָט געהאָט געוויסע חשבונות מיט דעם גאון פון פומבדיתא, רב כהן צדק, וועלכער האָט איבערהויפט ניט געוואָלט, אז די ישיבה פון סורא, וואָס איז געווען פערמאכט פינף יאהר, זאָל צוריק געעפענט ווערען. עס איז מעגליך, אז דער גלות־פירסט האָט אין דעם יונגען, ענערגישען סעדיה געזעהן א מיטעל צו בעקעמפפען זיין אלטען שונא, דעם גאון פון פומבדיתא. דאָס אלץ קען זיך זיין אמת, אבער דער פאקט, אז ער האָט אויס־געקליבען דעם יונגען סעדיה צו אזא הויכען אמט, א מענש וועלכער האָט נאָך דערצו געקראָגען זיין ערציהונג ניט אין די ישיבות, איז געווען פון א פרעמד לאנד און איז אליין ניט געווען קיין גרויסער יחסן און אויך ניט רייך, בעווייזט ווי בעריהמט ער האָט שוין דאמאלס געמוזט זיין.

אויב דער גלות־פירסט דוד בן זכאי האָט געהאָפט צו געפינען אין דעם יונגען געלעהרטען א לייכטען ווערקצייג אין זיינע הענד, האָט ער געמאכט א ביטערען טעות. סעדיה איז ניט געווען פון די נאטורען וואָס לאָזען זיך בויגען. עס האָט באלד אויסגעבראָכען א מחלוקה צווישען דעם גלות־פירסט און דעם יונגען גאון. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען

א גרויסע ירושה, אין וועלכע דער גלות־פירסט איז געווען פּערזענליך פּעראינטערעסירט. דוד בן זכאי האָט ארויס־געגעבען דעם פּסק, ווי עס האָט זיך געלוינט פאר איהם. צו מאַכען דעם דאָקומענט גזעצליך איז געווען נויטיג, אז די גאונים זאָלען זיך אויף אונטער'חתמ'ענען. דער גאון פון פּומבדיתא, כהן צדק, האָט זיך אונטערשריעבען. ווי עס איז געקומען צו סעדיה'ן האָט ער זיך ענטזאגט דאָס צו טהאָן. שפּעטער האָט דער גלות־פירסט געשיקט זיין זוהן איבערצור־רעדען מיט סעדיה'ן, און ווען דער לעצטער האָט זיך הארט־נעקיג ענטזאגט, האָט דעם פירסט'ס זוהן געוואָלט הויבען א האנד געגען סעדיה'ן. די תלמידים האָבען עס נאַטירליך ניט דערלאָזען און האָבען ארויסגעוואָרפען דעם אַנגרייפער פון הויז. דאָס איז געווען דער אָנפאנג פון דער מחלוקה. דער „ראש גלותא" האָט צוגענומען פון סעדיה'ן דעם טיטעל „גאון", אָנשטעלענדיג אן אנדערען אויף זיין פּלאַץ און אריינלעגענדיג איהם אין חרם. סעדיה פון זיין זייט האָט אריינגעוואָרפען אין חרם דעם ראש־גלותא, האָט פון איהם צוגענומען דעם טיטול ראש - גלותא און האָט אויסגעקליבען זיין איינגערען ברודער אויף זיין אָרט. עס האָבען זיך געבילדעט צוויי פּאר־טייען, איינע איז געשטאַנען מיט דוד בן זכאי און די אנדערע מיט סעדיה, וועלכע האָבען זיך איינע די אנדערע געלעגט אין חרם און פערפאָלגט. ענדליך האָט געזיעגט די פּארטיי פון דוד בן זכאי און אין יאהר 933 איז סעדיה געצוואונגען געוואָרען פון דער רעגיערונג צו פערלאָזען זיין גאון־שטעלע אין סורא.

פיער יאהר האָט זיך סעדיה אויפגעהאלטען אין באגדאד, ווייט פון דעם טומעל און רעש פון דער ישיבה און די אינטריגעס צווישען דעם גלות־פירסט און די גאונים. אין פערלויף פון דיעזער צייט האָט ער אָנגעשריעבען פיעל ווערק, פון וועלכע די וויכטיגסטע איז געווען דער „האמונות והדעות" (וועגען גלויבענס און מיינונגען). אין יענער צייט האָבען זיך איינפלוסרייכע מיטגליעדער אריינגעלעגט אין מאַכען א שלום צווישען דוד בן זכאי און סעדיה גאון. עס איז

זיי דאָס געלונגען, און סעדיה איז ווידער געווארען גאון אין סורא.

סעדיה איז געווען זעהר א פרוכטבארער שרייבער. אין די דרייסיג יאהר פון זיין ליטערארישער טהעטיגקייט (ער איז געשטאָרבען צו פופציג יאהר) האָט ער אָנגעשריעבען ספרים איבער אַלערליי געגענשטענדע: ביבעל־קריטיק, א ווערטער־בוך, גראמאטיק, שאלות און תשובות וועגען הלכות, פאָלעמישע שריפטען און זאָגאר פּאָעזיע אין דער פאָרמע פון תפילות און פיוטים. די ווערק, וועלכע האָט איהם געגעבען זיין אייביגען נאָמען און וועלכע האָט מעהר ווי זיינע אלע אנדערע ווערקע צוזאמענגענומען געווירקט אויף דער וויטער־דער ענטוויקלונג פון אידישען פאָלק, איז זיין ספר „האמונות והדעות“. סעדיה איז געווען דער יעניגער, וועלכער האָט געלעגט דעם פונדאמענט פון יענעם גרויסטארטיגען בנין, וועלכען די שפעטערע אידישע געלעהרטע, פילאָזאָפען און פאָעטען פון שפאניען האָבען אויפגעבויט און פערפאָלקאָמט. ער איז ווייט ניט געווען אזא טיעפער דענקער ווי מאנכע פון זיי; ער איז זיכער ניט געווען אזא גרויסער פּאָעט ווי פיעלע פון זיינע שפעטערע נאכפאָלגער, אבער ער איז געווען דער ערסטער. ער איז געווען דער ערסטער אין דער מיטעלאַלטער־ליכער צייט, וואָס האָט געזוכט צו בעווייזען, אז דאָס יודענ־טהום איז ניט געגען וויסען און פאָרשונג; ער איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט געזוכט צו פעראייניגען די פילאָזאָפיע פון זיין צייט מיט דער אידישער אמונה; ער איז געווען דער ערסטער, וואָס האָט מיט זיין ביישפיעל און מיט זיין אויטאָרי־טעט געעפענט פאר אידען די טויערען פון וויסענשאפט און פילאָזאָפיע, ווי זיי זיינען בעוואוסט געווען צו יענער צייט. זיינע נאכפאָלגער זיינען געגאנגען ווייטער, אבער ער איז געווען דער וועג־ווייזער און דער וועג־מאכער, א פיאָנער.

* * *

די אויפגאבע וואָס סעדיה האָט זיך געשטעלט אין זיין „האמונות והדעות“ איז געווען א דאָפּעלטע. פון איין זייט זוכט ער צו בעקעמפּפען דיא אָנגענומענע גראָבע בעגריפע

וועגען דער גאָטהייט, וואָס איז געווען שטאַרק פערשפּרייט ניט בלויז ביים פּראָסטען עולם, נאָר אויך ביי די לומדים. פון דעם אנדערען זייט זוכט ער צו בעקעמפּפען דיא יעניגע, וואָס האָבען אין גאַנצען אויפגעהערט צו גלויבען. ער זוכט זיי צו איבערצייגען, אז געוויסע אמונות זיינען געדרונגען פון מענשליכען שכל, אז דער מענשליכער שכל וואָלט צו זיי אליין געקומען, אפילו ווען עס וואָלט אויף דעם ניט געווען קיין טראַדיציע. ער בעהויפּטעט אבער, אז דער מענשליכער שכל איז ניט די העכסטע און ניט די איינציגע מאָאָס פון אמת; אז א מענש דאַרף ניט מיינען, דאָס וויבאלד ער קען ניט בעגרייפען א בעשטימטע זאַך איז עס א ראיה, אז זי עקזיסטירט טאַקע ניט. ער לאכט פון די מענשען, "וועלכע זיינען שקלאַפען און מיינען אז זיי האָבען קיין הערר ניט, ווייל זיי קענען איהם ניט בעגרייפען און האָבען איהם פערלייקענט." וועגען דער אמת'קייט פון דער תורה קען, לויט זיין מיינונג, גאָר קיין פראַגע ניט זיין. די פילאָזאָפיע דאַרף זוכען צו בעגרינדען די תורה, זי איז אייגענטליך א דיענסט ביי דער תורה, אין וועלכע מיר מוזען סאַי ווי סאַי גלויבען, אפילו ווען זי שטימט ניט מיט דער פילאָזאָפיע. די אמת'קייט פון דער תורה ווייסען מיר פון דער טראַדיציע.

ער טהיילט דאָרום איין אונזערע מענשליכע אמת'ן אין פיער קלאַסען.

1) דער אמת פון ערפאַהרונג, וואָס מיר בעגרייפען דורך אונזערע חושים.

2) דער עטהישער אמת, ווי צום ביישפּיעל, אז גערעכטיגקייט איז גוט און פאַלשקייט איז שלעכט, וועלכער איז זעלבסטפערשטענדליך, א „מושכל" ווי ער רופט עס.

3) דער לאָגישער אמת, וועלכער איז א פּועל־יוצא פון לאָגישען דענקען. מיר ווערען דורך דעם איבערצייגט אין אזעלכע אמת'ען, וואָס מיר בעגרייפען ניט דוקא מיט די חושים, נאָר צו וועלכע דער לאָגישער געדאַנקענגאַנג צווינגט אונז.

4) דער טראַדיציאָנעלער אמת, וואָס מיר האָבען געקראָגען בירושה פון די פריהערדיגע דורות, וועלכער איז ווידער א רעזולטאט אדער פון זייער ערפאהרונג ענטוועדער פון עטהישען אמת.

גרינדענדיג זיך אויף דער דאָזיגער איינטהיילונג פון די אמת'ען, קומט ער צו געוויסע פילאָזאָפישע שליסע, וועלכע ער בעגרינדעט דאָ אויף דעם מין אמת און דאָרטען אויף דעם אנדערען. ווען דער פילאָזאָפישער געדאנק איז פאר איהם ניט גענוג, ווען דער אמת קען ניט בעוויזען ווערען דורך דער ערפאהרונג אָדער לאָגיק, פערלאָזט ער זיך אויף דעם טראַדיציאָנעלען אמת.

די גרונד־יסודות פון זיין רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע זיינען:

1) די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון גאָרנישט. גאָט האָט בעשאַפען ניט בלויז די פאָרמע (די „צורה") פון די זאַכען פון אַן אייביג־עקזיסטירענדען מאַטעריאַל, נאָר דער מאַטעריאַל גופא (דער עצם) איז אויך בעשאַפען געוואָרען. ער פערברייטעט זיך וועגען דעם דאָזיגען ענין און זוכט צו בעווייזען, אז די אַטאָמיסטישע טהעאָריע, וועלכע בעהויפּטעט, אז די אַטאָמען האָבען עקזיסטירט פון אייביג און זיי האָבען אָנגענומען זייערע פאָרמען לויט געוויסע געזעצע אָדער צופעליג, קען ניט זיין אמת.

2) די איינהייט פון גאָט. דאָרטען פּאָלעמיזירט ער מיט די וואָס גלויבען אין דואַליזם, אין א דאָפּעלטע געטליכקייט. די פערשיעדענאַרטיגקייט פון די ערשיינונגען, ווי ליכטיגקייט און פינסטערניס, גוט און שלעכט, זיינען בלויז א רעזולטאט פון אונזערע בעגריפע. אין תוך זיינען זיי בלויז איין איינציגע ערשיינונג. פינסטערניס איז ניט געגענגעזעצט צו ליכטיגקייט, נאָר די אַבוועזענהייט פון ליכטיגקייט. דער בעגריף פון גוט און שלעכט איז אויך בלויז אין שייכות צו אונז, ווי דאָס ווירקט אויף אונז. „גאָט האָט ניט בעשאַפען קיין שלעכטס. ער האָט בעשאַפען זאַכען, וואָס קענען זיין אי גוט אי שלעכט, לויט ווי דער מענש קלייבט זיך אויס. אויב ער עסט און טרינקט אין מאָס, איז עס גוט; כאַפּט ער

אריבער די מאָס, ווערט עס שלעכט. די ברירה איז שוין ביי איהם." די א י י נ ה י י ט פון גאָט בעגרינדעט ער אויף דעם, וואָס ער איז ניט קיין קערפּער. צייטען און טהיילען קען נאָר געמאָלט זיין ביי א קערפּער, וואָס איז בעגרענעצט. און גאָט איז ניט קיין קערפּער, ווייל ער איז ניט קיין ב ע ש א פ ע נ ע ר, נאָר א ש ע פ ע ר. יעדע זאַך וואָס איז ב ע ש א פ ע ן מוז האָבען א שעפער און מוז אויך האָבען א גרענעץ. און ווען מיר זאָלען שוין געפינען דעם שעפער פון דאָס בעשאַפענע, וועלען מיר אימער מוזען זוכען דעם שעפער פון דעם לעצטען שעפער. ענדליך מוזען מיר, אין אונזער לאָגיק, דערגרייכען צו דער ערסטער סבה, וועלכע מוז זיין אונבעשאפען און אונקערפּערליך. וואָרים אז ניט וועלען מיר דאָך מוזען זוכען אויך א סבה צו דער ערסטער סבה, וואָס דאָס וועט בלויז מיינען, אז די ערסטע סבה איז ניט די ערסטע. נאָט אלס דיא ערסטע סבה מוז זיין דאָרום איינער. ער איז אָבער איינער ניט נאָר אין זיין מין, נאָר אויך אין עצם. ניט נאָר עס איז ניטאָ נאָך א גאָט, נאָר ער קען אויך ניט גע־טהיילט ווערען.

עס פערשטעהט זיך, אז סעדיה גלויבט אין „השארת הנפש" (אונטערשטערבליכקייט פון דער נשמה), אין א לעבען נאָכ'ן טוידט, אין בעצאָהלונג און בעשטראָפונג, אין דער אייביגקייט פון דער תורה, אין תחית המתים און אין משיח, וועלכע אמונות ער זוכט צו בעגרינדען אויף דער אָדער יענער קאַטעגאָריע פון די אויבענדערמאָהנטע אמת'ען.

ס ע ד י ה גלויבט אין דעם מענשליכען פרייען ווילען. דער מענש איז דער עיקר אין דער גאַנצער שעפּפונג, אלץ איז בעשאַפען געוואָרען פון זיינטוועגען. אונזער ערד, מיינט ער לויט דער אלטער שטה פון דער אַסטראָנאָמיע, געפינט זיך אין צענטער פון דער שעפּפונג. די זון, די פּלאַנעטען און די גלגלים דרעהען זיך ארום איהר. דערפון איז געדרונגען, אז די ערד איז דער עיקר. אויף דער ערד איז דער מענש דער עיקר, ווייל ער איז דער איינציגער פון די חיות וואָס האָט שכל און איז בעשאָנקען מיט דעם כח צו רעדען.

די אויפגאבע פון מענשען איז צו טהאן גוטס און אויסצו־מיידען שלעכטס. פאר גאט גופא איז קיין אונטערשיעד ניט, צי דער מענש טהוט גוט אדער שלעכטס; ניט איהם קומט עטוואס צו פון מענשליכע גוטס, ניט איהם קומט עטוואס אב פון מענשליכע שלעכטס. ווען דער מענש טהוט שלעכטס, שאדעט ער זיך אליין. דער מענש קען זיך אויסקלייבען די וועג אין וועלכע ער זאל געהן, כאטש גאט וויים פון פריהער ווי ער וועט זיך אויסקלייבען. גאט'ס וויסען איז ניט א בעשטימונג פון פאראויס, נאר גאט וויים ווי דער מענש וועט אויסוועהלען צו טהאן.

דאס איז אין קורצע שטריכען דער תמצית פון סעדיה'ס פילאזאפיע. דער אויפמערקזאמער לעזער וועט אליין זעהן, אז די רעליגיאן איז ביי סעדיה דער עיקר. די פילאזאפיע איז ביי איהם ניט קיין ציעל פאר זיך גופא, נאר א מיטעל צו פערשטארקען און בעגרינדען די רעליגיאן. דאס איז אבער דער פאל מיט אלע רעליגיאנס־פילאזאפען: זיי זוכען ניט אויסצוגעפינען דעם אמת, זאנדערן צו בעשטעטיגען די אמת'ען, אין וועלכע זיי האבען שוין פריהער געגלויבט.

III.

ארץ ישראל און בבל. — די אלטקייט פון דעם אידישען ישוב אין בבל. — ווען די ראש־גלותא'ס האבען זיך אנגעפאנגען. — די גרינדונג פון די גרויסע ישיבות אין סורא און פומבדיתא. — דער אונטערגאנג פון די ישיבות צוזאמען מיט דעם אמט פון ראש־גלותא. — די אורזאכען דערפון. — נייע צענטרען ווערען געגרינדעט. — רבינו גרשון מאור הגולה אין פראנקרייך און ר' משה בן חנוך אין שפאניען.

קיין אנדער לאנד, א חוץ ארץ ישראל, האָט ניט געשפּיעלט אזא גרויסע און וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען פון דעם אידישען פאָלק, ווי בבל. ארץ ישראל און בבל האָבען א לאנגע צייט אזוי ווי געקאָנקורירט איינע מיט דער אנדערער, ווער עס זאָל פערנעהמען דעם ערסטען פּלאַץ. כל זמן די אידען האָבען נאָך געהאַט אפילו א שאָטען פון זעלבסט־שטענדיגקייט אין זייער אייגען לאנד, האָט נאַטירליך ארץ ישראל געשפּיעלט די ערסטע פּיעדעל, און די אידען פון בבל פּונקט ווי די אידען פון די אנדערע גלות־לענדער האָבען בעטראַכט ארץ ישראל אלס דעם נאַציאָנאַלען מיטעלפּונקט, אלס דעם צענטער פון דעם אידישען פּאָליטישען, קולטורעלען און רעליגיעזען לעבען. נאָך דעם צווייטען חורבן אבער און הויפּטזעכליך נאָך די שרעקליכע פערפאָלגונגען פון אדריאַנוס (האדריאן), האָט בבל אָנגעפאנגען צו שפּיעלען א גלייכע ראָלע מיט ארץ־ישראל אין דעם רעליגיעזען און קולטורעלען לעבען פון פאָלק. עס האָט ניט לאנג געדויערט און בבל האָט איהר זאָגאַר אָנגעפאנגען אריבערצושטייגען. מיט דער שליסונג פון דער „משנה" האָבען זיך די כוחות פון די ארץ־

ישראל'דיגע אידען אזוי ווי אויסגעשעפּט. אמת, עס זיינען נאָך געווען ישיבות אויך אין ארץ ישראל; עס איז נאָך דאָרטען אויך געווען א „נשיא", אבער די ישיבות פון בבל און זייער ראש־גלותא האָבען שוין פערנומען א וויכטיגערען פּלאַץ, האָבען געהאט מעהר אנזעהן, מעהר בעדייטונג און מעהר מאַכט. דער ארץ־ישראל'דיגער "תלמוד ירושלמי" האָט געהאט א פיעל קלענערע בעדייטונג אין דעם לעבען און אין דער וויטערער ענטוויקלונג פון דעם אידישען פאָלק, ווי אונזער תלמוד, דער תלמוד פון די ישיבות פון בבל, דער „תלמוד בבלי". בבל איז צום גליק נאָך געווען פריי פון קריסטליכען איינפלוס, פון דעם קריסטליכען פאַנאַטיזם מיט די קריסטליכע פערפאָלגונגען. די אידען זיינען דאָרטען ניט געשטערט געוואָרען אין זייער רעליגיעזען און קולטורעלען לעבען. די פערזיער האָבען זיך ארויסגעצייגט צו זיין פיעל טאָלעראנטער און פיעל מענשליכער, ווי די אנהענגער פון דער „רעליגיאָן דער ליעבע". די ישיבות פון בבל און זייערע ראש־גלותא'ס האָבען זיך דארום געהאלטען פיעל לענגער ווי די ישיבות פון ארץ ישראל און זייערע „נשיאים". דערפון האָט זיך גענומען, וואָס בבל איז פאַר א לאנגע צייט געבליבען די אליין־הערשערין אין אידישען לעבען. די אידען פון אלע גלות־לענדער, וואו זיי האָבען זיך געפונען, האָבען איצטער געווענדעט זייערע אויגען צו בבל, פונקט ווי אין די פריהעריגע צייטען צו ארץ־ישראל. בבל איז געוואָרען דער צענטער, און פון דאָרטען האָבען די אידען געשעפּט כח און מוטה פאָרט־צוזעצען זייער שטענדיגע מלחמה מיט די ארומיגע שונאים.

ווען אייגענטליך עס האָט זיך אָנגעפאנגען דער אידישער ישוב אין בבל איז ניט אין גאנצען קלאָר. ווי עס ווייזט אויס האָט זיך שוין דאָרטען געהאט געפונען א אידישע בעפעלקע־רונג נאָך פאַר דעם ערסטען חורבן. עלף יאהר פאַר דעם חורבן, דערצעהלט די ביבעל, האָט דער באבילאָנישער קעניג נ ב ו כ ד נ צ ר פערטריעבען אין בבל דעם אידישען קעניג י ה ו י כ י ן מיט זיין סוויטע, די אריסטאָקראַטיע פון לאנד מיט אכט טויזענד אידישע קריעגער. נאָכ'ן חורבן איז די

צאָהל פון די פערטריעבענע און געפאנגענע פיעל פערגרעסערט געוואָרען.

די לאגע פון די אידען, וואָס זיינען איבערגעבראַכט געוואָרען קיין בבל איז געווען זעהר א גוטע. זיי האָבען געפאָלגט די עצה פון דעם נביא ירמיה. וועלכער האָט זיי געראטהען דאָרטען צו בויען הייזער, זיך איינצושאפען פעל־דער און פלאַנצען וויינגערטנער. שוין דער באבילאָנישער קעניג אויל מרדך האָט בעפרייט דעם אידישען קעניג יהויכין פון תפיסה „און האָט געשטעלט זיין שטוהל העכער ווי די שטוהלען פון די אנדערע מלכים, וואָס זיינען מיט איהם אין בבל" (מלכים ב׳, כ"ה, כ"ח).

ווען די פּערזיער האָבען בעזיעגט די באבילאָנער און זייער קעניג כרש האָט די אידען געגעבען די ערלויבניס זיך צוריקצוקעהרען אין זייער אלטען פאטערלאנד, האָבען זיך ניט אלע אידען בענוצט דערמיט. דער גרעסטער טהייל פון זיי איז געבליבען אין לאנד פון זייער געפאנגענשאפט. בלויז אַן ערך פון צוויי און פערציג טויזענד אידען האָבען זיך צוריק־געקעהרט קיין ארץ ישראל.

צווישען די אידען וואָס זיינען געבליבען אין בבל האָבען זיך אויך געפונען די אבשטאמונגען פון דער קעניגליכער פאמיליע, וועלכע האָבען, ווי עס ווייזט אויס, ניט געקראָגען די ערלויבניס זיך צוריקצוקעהרען אין ארץ ישראל צוליעב פּאָליטישע אורזאכען. די פּערזיער האָבען פשוט מורא געהאט, אז זיי זאָלען ניט גרינדען אין ארץ ישראל א זעלבסט־שטענדיגע אידישע מלוכה און זיך אין גאנצען אָבנרייסען פון פּערזיען. זרובבל בן שאלתיאל, אן אייניקעל פון דעם קעניג יהויכין, איז אפילו יע געפאָהרען אין ארץ־ישראל, אבער ער איז באלד צוריקגערופען געוואָרען אין בבל, צוליעב די מסירות פון די שומרונים און די אנדערע אָרטיגע פעלקערשאפטען, אז ער וויל גרינדען אן אייגענע מלוכה.

עס קען אָבער גאָר קיין ספק ניט זיין, אז די פּערזיער, וואָס זיינען געווען אזוי פריינדליך צו די אידען, האָבען

בעהאנדעלט די קינדער פון דער אידישער קעניגליכער פאמי־ליע ניט ערגער ווי די באבילאָנער. זיי זיינען בעהאנדעלט געוואָרען ווי פירסטען.

עס פערשטעהט זיך, אז די אידישע בעפעלקערונג, וואָס איז געבליבען אין בבל האָט געקוקט מיט א בעזונדערען רעספעקט אויף זייער פירסטען־פאמיליע, און אז די דאָזיגע פאמיליע איז געוואָרען דער צענטער פון דעם דאָרטיגען אידישען לעבען. פון דער דאָזיגער פאמיליע זיינען אויס־געקליבען געוואָרען די פאָרשטעהער, די פיהרער, פון דעם אידישען ישוב. די דאָזיגע פיהרערשאפט האָט זיך איבער־געגעבען בירושה פון עלטערן צו קינדער. די בעהויפּטונג פון די שפּעטערע „ראשי גלותא", אז זיי שטאַמען אב פון דער פאַמיליע דוד איז אלזאָ ניט אין גאנצען אונבעגרינדעט. לויט ווי דער מחבר פון „סדר עולם זוטא"—געלעבט אין אכטען יאָהרהונדערט—דערצעהלט, איז דער ערסטער ראש־גלותא אין בבל ניט געוועזן קיין אנדערער ווי טאקע קעניג יהויכין גופא, וועמען עס האָט נאָכגעפאָלגט זיין זוהן שאלתיאל, זיין אייניקעל זרובבל, זיין אור־אייניקעל משולם, און אזוי כסדר.

די בעהויפּטונג פון דעם „סדר עולם זוטא" קען אָבער ניט אָנגענומען ווערען אלס א בעוויעזענער היסטאָרישער פאקט, באָטש דאָס איז גאנץ מעגליך. דער ערסטער היסטאָריש־זיכערער ראש־גלותא ווערט דערמאָהנט אין תלמוד. ער האָט געלעבט אין אָנפאנג פון צווייטען יאָהרהונדערט, און ער איז שוין דאמאלס בעטראכט געוואָרען אלס א דירעקטע אבשטאַ־מונג פון דער דוד־פאַמיליע. עס האָבען זיך שוין דאמאלס געפונען אזעלכע, וועלכע האָבען געמיינט, אז ער איז מעהר פּאַסיג פאר דעם אמט פון „נשיא" אין ארץ ישראל אלס דער דאמאלסדיגער נשיא ר' שמעון בן גמליאל, וועלכער האָט אָבגעשטאַמט פון הלל'ן. דער ראש גלותא אין דער צייט פון ר' יהודה הנשיא, דער רעדאַקטאָר פון דער משנה, האָט געהייסען רב הונא. וועגען איהם האָט ר' יהודה הנשיא געזאָגט: „ווען ר' הונא ראש־גלותא קומט אהער זעץ איך איהם העכער פאר זיך." (דוד דור ודורשיו חלק ג')

אויב מען זאָל אפילו אָננעהמען, אז דער ערסטער ראש־גלותא האָט ערסט געלעבט אין אָנפאנג פון צווייטען יאהר־הו־דערט, האָט דער דאָזיגער טיטול און אמט דאָך עקזיסטירט אריבער ניין הונדערט יאהר. דער לעצטער ראש־גלותא, וועלכער איז אין דער זעלבער צייט אויך געווען גאון, האָט געהייסען חזקיה בן זכאי. צוליעב א מסירה, וואָס ווייזט אויס, איז בעשטאַנען אין דעם, אז ער האָט זיך גענומען דעם טיטול „ראש־גלותא" אָהן דער צושטימונג פון דער רעגיערונג, האָט מען איהם אין יאהר 1040 ארייננעוואָרפען אין תפיסה, וואו מען האָט איהם געמאַטערט און, ווי מאנכע היסטאָריקער בעהויפּטען, שפּעטער הינגעריכטעט.

אזוי האָט זיך געענדיגט די לאנגע קייט פון די ראש־גלותא'ס.

בערך אין דער זעלבער צייט זיינען אויך פערמאכט געוואָרען די צוויי גרויסע ישיבות פון סורא און פומבדיתא. די ערסטע אין יאהר 1034; די לעצטע אין יאהר 1040. די ערסטע ישיבה איז געווען די עלטערע און איז בעטראכט געוואָרען אלס די וויכטיגערע. זי איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם ערסטען און גרעסטען „אמורא" אבא אריכא אָדער רב אין דעם יאהר 219. די ישיבה פון פומבדיתא איז געגרינדעט געוואָרען מיט אַן ערך פון א האלבען יאהרהונדערט שפּעטער. די ישיבות האָבען, אלזאָ, מיט קליינע איבער־רייסונגען, עקזיסטירט בערך אכט הונדערט יאהר.

מיט דער אבשאַפונג פון דעם ראש־גלותא אמט און מיט דעם שליסען זיך פון די צוויי גרויסע ישיבות, האָט בבל פער־לאָרען איהר בעדייטונג אלס דער צענטער פון דעם אידישען קולטורעלען לעבען. ביסלעכווייז און לאנגזאם איז דער צענטער פון דעם אידישען לעבען אריבערגעגאנגען פון אזיע קיין אייראָפּא, פון בבל אין שפּאַניען.

די אורזאכען וואָס האָבען געפיהרט צו דעם אונטערגאנג פון די צוויי גרויסע ישיבות און דעם אמט פון גלות־פירסט זיינען געווען פערשיעדענע. מאנכע זיינען געווען אויסער־

ליכע, אין וועלכע די אידען זיינען ניט געווען שולדיג, און מאנכע זיינען געווען אינערליכע.

צווישען די אויסערליכע אורזאכען דארף גערעכענט ווערען דער שטענדיג־וואקסענדער רעליגיעזער פאנאטיזם פון די מאהאָמעדאנער אין דעם „מזרח־קאליפאט". די דאָרטיגע מאהאָמעדאנער האָבען ניט געקענט פערטראָגען, אז די פער־האסטע און פעראכטעטע אידען זאָלען האָבען עטוואָס, וואָס זאָל טראָגען אפילו אַן עהנליכקייט אויף זעלבסטשטענדיגקייט און זעלבסט־פערוואלטונג, אויף אַן אייגענער רעגיערונג. דער „גלות־פירסטענטהום" איז דארום אלץ מעהר און מעהר בערויבט געוואָרען פון זיין מאכט, פון זיין ווירדע און חשיבות. דער גלות־פירסטענטהום איז באלד געוואָרען א מין סחורה אין די הענד פון די קאליפען און זייערע משרתים, און פלעגט גאנץ אָפט פערקויפט ווערען צו דעם יעניגען, וועלכער האָט געגעבען א גרעסערען פרייז אָדער וועלכער האָט פערשפּראָכען אריינצוברענגען מעהר צינזען אין דעם אוצר פון דער מלוכה.

אין דעם זיינען ניט וועניג שולדיג געווען די „ראשי־גלותא" גופא, די פערשיעדענע קאנדידאטען אויף דעם אמט, וועלכע פלעגען זיך רייסען צווישען זיך, פיהרען אלערליי אינטריגעס און מוסר'ן איינע די אנדערע, כדי צו געפינען חן אין די אויגען פון די קאליפען. אויך צווישען די גאונים זיינען פאָרגעקומען רייסערייען און מחלוקות. יעדער גאון האָט געוואָלט, אז זיין ישיבה זאָל בעטראכט ווערען אלס די גרעסטע און די וויכטיגסטע, און דאָס האָט גוועדער געפיהרט צו אינטריגען און זאָגאר סקאנדאלען. און כאָטש די לעצטע גאונים, שרירא, האי און שמואל ברחפני, זיינען געווען גרויסע מענשען, פעהיגע מענשען און עהרליכע מענשען, דער לעצטער זאָגאר א געלעהרטער, האָט עס ניט געהאָלפען. זיי האָבען ניט געקענט ערהאלטען ביים לעבען דאָס, וואָס איז געשיכטליך געווען פעראורטהיילט צום טויט.

און פעראורטהיילט צום טויט זיינען די ישיבות געוואָרען ניט אזוי פיעל צוליעב די אינערליכע צערפאלענקייט און

דעמאָראַליזאַציאָן, ווי צוליעב פּשוט'ע עקאָנאָמישע אורזאַכען. עס האָט זיך געפּאָדערט אַ גרויסע סומע פון געלד, אום צו קענען אויפהאַלטען די ישיבות מיט די תלמידים, מיט די ראשי ישיבות און מיט די גאונים. דאָס געלד פלעגט געזאַמעלט געוואָרען אין די אַלע קהלות פון די פערשיעדענע גלות־לענדער, וואו עס פלעגען ארויסגעשיקט ווערען משולחים. געלד פאַר די ישיבות פלעגען אויך געזאַמעלט ווערען אין די אייראָפּעאישע לענדער, איבערהויפּט ביי די רייכע אידישע קהלות פון שפּאַניען.

דאָס האָט זיך אבער געמוזט ענדערען. כל זמן די מעהר־הייט פון דעם אידישען פאָלק און די מעהרסטע אידישע קהלות האָבען זיך געפונען אין ארץ ישראל, בבל און מצרים, זיינען די צוויי גרויסע ישיבות געווען די צענ־טראַליזירענדע און צונויפבינדענדע קראַפט. פון זיי פלעגט ארויס דאָס וואָרט און די לעהרע פאַר די אַלע קינדער פון גלות. דער גאון איז געווען ניט בלויז דער אנערקענטער אויטאָריטעט אין רעליגיעזע פראַגען, נאָר ער איז אויך געווען דער העכסטער ריכטער, און זיין פּסק איז געווען דער לעצטער. צו איהם פלעגט מען זיך ווענדען מיט אַלערליי שאלות סיי אין רעליגיעזע סיי אין ציווילע סכסוכים. די תלמידים פון די ישיבות זיינען געוואָרען די רבנים, די דיינים, די ראשי־ישיבות און די איבריגע כלי קודש פון די פיעלע גרעסערע און קלענערע קהלות, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די גאונים. קוים האָט זיך אבער דער גלות אַלץ מעהר און ווייטער פערשפּרייט פון דעם צענטער; קוים האָבען זיך גענומען בעווייזען אידישע קהלות אין אַלע לענדער פון אייראָפּאַ; קוים זיינען די דאָזיגע קהלות אַלץ גרעסער און שטאַרקער געוואָרען, האָבען זיך דאָרטען גופא גענומען אויסבילדען צענטרען פון אידישער געלערנטקייט, האָבען זיך דאָרטען גופא גענומען גרינדען ישיבות צו שטודי־רען דעם תלמוד און דעם געזעץ. די קהלות זיינען אויף אזא אופן געוואָרען אַלץ מעהר זעלבסטשטענדיג, אַלץ ווייניגער אבהענגיג אָן די ישיבות. פאַר די ווייטע און פערוואָרפענע

קהלות איז סאַי ווי סאַי געווען שווער צו ווענדען זיך מיט זייערע שאלות צו די גאונים. זיי זיינען דעריבער געווען צופריעדען, ווען עס האָבען זיך גענומען בעוויזען אין זייער אייגענער מיטע געלערנטע, וועלכע האָבען געקענט בפריעדיגען זייערע רעליגיעזע בעדירפניסע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס די הכנסה פון די ישיבות איז אַלץ געוואָרען קלענער, אזוי אז עס איז פּשוט געוואָרען אונמעגליך זיי אויפצוהאלטען.

די ערשיינונג פון דער צוברעקלונג פון איין איינציג גרויסען אידישען צענטער אין מעהרערע קלענערע צענטרען (דעצענטראליזאציע), איז אַ שטענדיגע בעגלייטערין פון דעם אידישען לעבען. דאָס איז אַן אונפערמיידליכער רעזולטאַט פון אַ גלות־לעבען, פון דעם לעבען פון אַ פּאָלק אָהן אַ לאַנד. ניט האָבענדיג קיין אייגען לאַנד, קען עס אויך ניט האָבען קיין געזונדען עקאָנאָמישען באָדען אונטער זיך. עס איז דאָרום געצוואונגען שטענדיג צו האלטען אין וואנדערען אין נייע פּלעצער און דאָרטען צו גרינדען נייע צענטרען. מען קען זאָגען, אז אין דעם אידישען לעבען ווירקען צוויי געגענגעזעצטע קרעפטען. דער גלות־לעבען מיט דער גלות־עקאָנאָמיק פיהרט פון איין זייט צו דער צוברעקלונג פון אַן איינהייטליכען צענטער. דער אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאלטונג פיהרט דאגעגען דערצו, וואָס די אויסגעוואנדערטע יחידים בילדען באַלד אַ נייעם צענטער אין זייער נייען היים. דער פערלאַנג צו זיין צווישען אייגענע און צו לעבען צוזאַמען בדענגט דערצו, וואָס די אידען בילדען גהטעאָס אפילו דאָרטען, וואו זיי זיינען דאָס ניט געצוואונגען צו טהאָן. וועהרענד איין קראַפט ווירקט דעצענטראליזירענד, איז די אנדערע קראַפט אַ צענטראליזירענדע; וועהרענד איינע צור־טרייבט, טהוט די אנדערע צוזאַמענבינדען.

די בילדונג פון נייע אידישע צענטערען אין די אייראָ־פּעאישע לענדער, האָט געמוזט פיהרען דערצו, וואָס דער גרויסער צענטער פון אידישען לעבען און קולטור אין בבל האָט פריהער אָדער שפּעטער געמוזט אונטערגעהן. עס קען

גאָר קיין ספק ניט זיין, אז די נייע אידישע קהלות אין די אייראָפּעאישע לענדער האָבען געקוקט מיט'ן גרעסטען רעספּעקט אויף די גאונים און די ישיבות, אז זיי האָבען בשום אופן ניט געהאט די כונה זיי אויף אירגענד וועלכען אופן צו טהאָן שאדען. אבער זייערע גוטע כונות האָבען גאָר ניט געקענט העלפען.

די ישיבה פון סורא, אום זיך צו רעטען פון אונטערגאנג, האָט בעשלאָסען ארויסצושיקען פיער יונגע תלמודיסטען אלס משולחים צו קריגען שטיצע. די דאָזיגע יונגע תלמודיסטען זיינען געפאנגען געוואָרען פון אן אראבישען אדמיראל און פערקויפט געוואָרען אלס שקלאַפען. איינער פון זיי איז געוועזען נתן בר יצחק הבבלי, וועלכער איז פערקויפט געוואָרען אין פראנקרייך; נאָך איינער איז משה בן חנוך, וועלכער איז פערקויפט געוואָרען אין שפּאניען. די אנדערע צוויי זיינען געוועזען שמריה בן אלחנן און יקותיאל, וועלכע זיינען פערקויפט געוואָרען אין אפריקא. די אידען האָבען באלד אויסגעלייזט די געפאנגענע, די מצוה פון „פדיון שבויים" איז ביי אידען געוועזען זעהר גרויס. די דאָזיגע פיער געלעהרטע האָבען אין זייערע נייע היימען געעפענט ישיבות צו שטודירען דעם תלמוד, און האָבען אויף אזא אופן ניט ווילענדיג געשעדיגט די אינטערעסען פון די ישיבות אין בבל.

נתן בר יצחק הבבלי האָט געעפענט א ישיבה אין פראנקרייך. זיין תלמיד'ס תלמיד איז געוועזען דער בעריהמטער רבנו גרשון, וועלכער איז געוועזען דער הויפּט פון א גרויסער ישיבה. דער נאָמען פון רבנו גרשון איז געוואָרען אזוי גרויס און אזוי בעריהמט, אז מען האָט איהם בעטיטעלט מיט'ן נאָמען „מאור הגולה"—די ליכט פון גלות. אלע אידישע קהלות פון פראנקרייך, דייטשלאנד און איטאַליען האָבען זיך גענומען ווענדען צו איהם מיט זייערע שאלות וועגען אלערליי ענינים אנשטאָט צו דעם גאון רב האי פון פּומבדיתא. רבינו גרשון האָט זעהר שטארק רעספּעקטירט רב האי גאון און האָט געהאט די העכסטע מיינונג פון זיין ישיבה. ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געהאט בדעה

צו קאָנקורירען מיט דער ישיבה פון גאון, אבער אויסגעקומען איז דאָך, אז די ישיבה האָט צוליעב איהם פערלאָרען די שטיצע פון די דייטשע, פראנצויזישע און איטאַליענישע קהלות.

רבינו גרשון איז דער ערסטער, וואָס האָט געמאכט א פירוש אויף דעם תלמוד. בעריהמט איז ער נאָך עד היום מיט זיינע תקנות, וואָס ער האָט איינגעפיהרט. בערך אין יאהר 1001 האָט ער איינגערופען אַ גרויסע פערזאמלונג פון אַלע קהלות פון די אויבענדערמאָהנטע לענדער, וואו עס זיינען אָנגענומען געוואָרען די פאָלגענדע תקנות: 1) די אבשאפונג פון פיעל־ווייבעריי; 2) די צושטימונג פוןביידע צדדים, פון מאַן און פרוי, אויף אַ גט. ביז דאמאלס איז דער פרוי'ס צושטימונג ניט נויטיג געווען; 3) די וואָס זיינען געצוואונגען געווען אָנצונעהמען דעם קריסטענטהום צוליעב די גזרות, מעגען זיך צוריקקעהרען צו דער אידישער אמונה און קיינער טאָר זיי עס ניט אויפוואַרפען. רבינו גרשון'ס זוהן איז אויך געווען איינער פון די געטויפטע; 4) ניט צו עפענען פרעמדע בריעף.

רבינו גרשון האָט אויך פּרובירט שרייבען פּיוטים, אבער זיי האָבען אַ גאַנץ קנאַפּע פּאָעטישען ווערטה. מאנכע פון זיי זיינען אריין אין די סליחות. פון זיי קען מען זעהן די שרעקליכע לאַגע פון די אידען אין פראנקרייך צו יענער צייט. איינע פאנגט זיך אָן: „וואו זיינען, גאָט, דיינע גרויסע וואונדער, וואָס אונזערע עלטערן האָבען אונז דערצעהלט?... פון צייט צו צייט ווערען די צרות מעהר, איין טאָג איז ערגער פאר'ן צווייטען, ניטאָ קיין כוחות צו טראָגען מעהר דעם יאָך. ביז וואנען, אַ גאָט, וועל איך דאַרפען רופען נאָך הילף?"

דאָס וואָס דער געפאנגענער נתן בר יצחק הבבלי האָט אויפגעטהאָן פאר דעם שטודיום פון תלמוד אין פראנקרייך, האָט דער אנדערער געפאנגענער משה בן חנוך אויפגעטהאָן פאר שפּאניען. אָנקומענדיג אין קאָרדאָוואַ איז ער אריין אין בית־המדרש, וואו דער רב און דער דיין רבי נתן האָט געלערנט תלמוד פאר זיינע תלמידים. שטעהענדיג ביים

טהיר האָט ר׳ משה דערהערט, אז דער רב האָט שלעכט פער־טייטשט דעם פּשט. ער האָט זיך ניט איינגעהאלטען און האָט איהם אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט. רבי נתן, אנשטאט בייז צו ווערען, האָט זיך אבגערופען צו די תלמידים: „איך קען מעהר ניט זיין אייער רב און דיין; אָט יענער אָרעמאַן וואָס שטעהט ביים טהיר דארף עס זיין. איך וועל זיין זיינער א תלמיד.״

ר׳ משה איז באלד געוואָרען דער רב אין קאָרדאָווא, וואו ער האָט אויך געגרינדעט א ישיבה צו שטודירען דעם תלמוד. אין דעם איז איהם שטארק בעהילפיג געווען דער אידישער מעצענאט ר׳ חסדאי אבן שאפרוט, וועלכער האָט געגעבען צו פערשטעהען דעם קאַליף, אז פאר איהם לוינט זיך בעסער, אז אין קאָרדאָווא זאָל זיין א תלמודישע ישיבה, כדי די אידען פון שפּאַניען זאָלען זיך ניט דארפען ווענדען מיט זייערע שאלות אין בבל, וואָס האָט בעלאנגט צו אן אנדער קאַליף.

אויף אזא אופן זיינען אויך די רייכע אידישע קהלות פון שפּאַניען אָבגעפאלען פון די גאונים. בלייבענדיג אָהן א געניגענדע הכנסה, האָבען זיך ענדליך די ישיבות אין גאנצען געמוזט פערמאכען, און דער טיטול „גאון״ איז אבגעשאפט געוואָרען.

דער אידישער קולטורעלער לעבען האָט אריבערגעוואנ־דערט פון אזיע נאָך אייראָפּא. דעם פּלאַץ פון בבל האָט פערנומען שפּאַניען.

IV.

די שוידערליכע לאגע פון די אידען אין שפאניען אונטער די קריסטליכע הערשער. — די לאגע ווערט בעסער אונטער די מאחמעדאנישע קאליפען.— מנחם בן סרוק און דונש בן לברט. — זייער איינפלוס אויף דער העברעאישער שפראך און דער העברעאישער פאעזיע.—אלדד הדני'ס וואונדער־מעשיות בעוועגען חסדאי'ן נאכצופרעגען זיך וועגען אידישע מלוכות. — חסדאי'ס בריעף צום קעניג פון די כאזארען און דעם קעניג'ס ענטפער. — חסדאי'ס פלאץ צווישען די אדיישע געלעהרטע און פאעטען.

חסדאי בן יצחק אבן־שאפרוט איז געבארען געווארען אין קארדאווא, שפאניען, אין יאהר 915. זיין פאטער, יצחק, אליין א רייכער און געבילדעטער מענש פון דער פאמיליע אבן עזרא, האט געגעבען זיין פעהיגען זון א גוטע און אן אלזייטיגע ערציהונג. ער האט דעם יונגען חסדאי געלאזט לערנען ניט בלויז תלמוד, העברעאיש און אראביש, נאר אויך מעדיצין און די לאטיינישע שפראך.

זיינע ברייטע קענטניסע, איבערהויפט זיין בעקאנטשאפט מיט דער לאטיינישער שפראך, זיינען איהם זעהר שטארק צונוץ געקומען שפעטער, ווען ער איז געווארען א קרוב למלכות אין דעם הויף פון דעם דאמאלסדיגען קאליף אבדול ראחמאן (עבד־אל־רחמן), וועמעס פעהיגער דיפלאמאט ער איז געוועזען און ביי וועמען ער האט פערנומען א שטעלע פון א מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען.

פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער איז שפּאַניען צו יענער צייט געווען כמעט דער איינציגער פּלאַץ, וואו די אידען זיינען בעהאנדעלט געוואָרען ווי מענשען, וואו זיי האָבען געהאט מעהר אָדער וועניגער גלייכע רעכטע מיט די איבריגע בירגער פון לאנד, וואו זיי האָבען פריי און אונגעשטערט זיך געקענט פיהרען לויט זייער רעליגיאָן און וואו זיי האָבען זאָגאר געהאט אַ געוויסע מאָאס פון זעלבסטשטענדיגקייט אין זייערע ציווילע אנגעלעגענהייטען. דאָס איז געווען צו פערדאנקען דעם אומשטאנד, וואָס שפּאַניען איז דאמאלס געווען אונטער דער הערשאפט פון די אַראַבישע מאַהאָמאַדענער, וועלכע זיינען ווייט ניט געווען אזוי ווילד, אזוי רעליגיעז־פאַנאַטיש, אזוי אונוויסענד און ענגהערציג ווי די קריסטען.

כל־זמן שפּאַניען איז געלעגען אונטער דער הערשאפט פון די קריסטען, איז די אידישע לאגע געווען אונערטרעגליך. זיי האָבען געהאט אריבערצוטראָגען די שווידערליכסטע נגישות און רדיפות, וועלכע זיינען בשום אופן ניט געווען בעסער ווי די פערפאָלגונגען, וואָס די אידען האָבען געהאט אויסצושטעהען פיעל שפּעטער, ווען די קריסטען זיינען ווידער געוואָרען די בעלי־בתים פון לאנד. די רדיפות פון ערוויג און זיין נאָכפאָלגער עגיקא ביים ענדע פון זיבעטען און אָנפאנג פון אכטען יאהרהונדערט זיינען פון דעם זעלבען טיפּ און כאַראַקטער, ווי די שפּעטערע פערפאָלגונגען אויף די אידען אין די צייטען פון פערדינאַנד, איזאַבעלאַ און זייער אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ. ערוויג, צום ביישפּיעל, האָט ארויסגעלאָזען אַ גזרה: „אז אלע אידען, זייערע קינדער און אלע וואָס בעלאנגען צו זיי, זאָלען אין פערלויף פון אַ יאהר זיך לאָזען אויס׳שמד׳ען. די וואָס וועלען זיך ענטזאגען דאָס צו טהאָן זאָל מען אָבשינדען די הויט פון דעם קאָפּ און דעם שטערען, געבען צו הונדערט שמיץ, קאָנפיסקירען זייער אייגענטהום און זיי ארויסטרייבען פון לאנד.“ פיעלע פון דיא אידען האָבען אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען לפנים ווענען, בלייבענדיג אין הארצען אידען און אבהיטענדיג זייער אמונה אין געהיים. דיעזע אנוסים“ אָדער

„מאַראַנען", דיעזע געצוואונגענע, האָבען געהאט ספּעציעלע צרות. מען האָט זיי ניט געטרויט אפילו נאָך זייער שמד; מען האָט זיי שטענדיג חושד געווען, אז זיי היטען אב בשתיקה די אידישע אמונה. מען האָט זיי דארום געשטעלט אונטער דער שטרענגסטער אויפזיכט פון די פרומע קאַטוילישע גלחים. זיי האָבען זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט אָהן אַ ספּעציעלע ערלויבנים פון די גאָט'ס סטראַפּצעס, און דיעזע ערלויבנים האָבען זיי געקענט קריגען בלויז דאַן, ווען זיי האָבען געבראכט בעווייזע, אז זיי האָבען זיך די גאנצע צייט אויפגעפיהרט ווי גוטע, פרומע קריסטען. די אידישע און די קריסטליכע ימים־טובים פלעגען זיי מוזען פערברענגען אין די קירכען אונטער דער השגחה פון די גלחים, כדי זיי זאָלען ניט קענען אָבהיטען די אידישע ימים־טובים און די אידישע מנהגים.

די דאָזיגע פערפאָלגונגען האָבען געטריעבען די אידען און די „אנוסים" צו פערצווייפלונג. זיי זיינען געוואָרען פער־ביטערטע שונאים פון דעם לאנד, וואָס האָט געמאכט זייער לעבען אונערטרעגליך. זיי האָבען געזוכט אַ געלעגענהייט ווי זיך נוקם צו זיין אָן זייערע פייניגער. און זייער געלעגענהייט איז געקומען, ווען דער מאהאָמעדאַנישער גענעראל ט א ר י ק איז אין אָנפאנג פון אכטען יאהרהונדערט געקומען אין שפּאַניען מיט אַ גרויסער ארמעע. די אידען האָבען זיך מיט איהם פעראייניגט און האָבען איהם געהאָלפען מאכען אַ סוף צו דער קריסטליכער הערשאפט מיט דער קריסטליכער אונ־טאָלעראַנץ.

זינט דאַן האָט זיך די לאגע פון די אידען אין שפּאַניען אָנגעפאנגען צו פערבעסערען. די קאַליפען האָבען זיך ארוים־געוויעזען בעסערע און טאָלעראַנטערע הערשער ווי זייערע קריסטליכע פאָרגענגער. די פערבעסערונג פון דער פּאָליטי־שער און עקאָנאָמישער לאגע פון די אידען האָט אויך געבראכט צו אַ פערבעסערונג אין זייער קולטורעלען צושטאַנד; די אידען האָבען זיך אָנגעפאנגען אָבצוגעבען מיט די וויסענ־שאפטען און די פּאָעזיע.

אין דעם זיינען די אידען שטארק בעאיינפלוסט געוואָרען פון די אראַבער. ביי די לעצטע האָט די ליעבע צו דער וויסענשאַפט און צו פּאָעזיע, הויפּטזעכליך צו פּאָעזיע, דערגרייכט די העכסטע מדרגה. „אַ גוטע פּאָעמאַ איז מעהר געפּייערט געוואָרען ווי אַ געוואונענע מלחמה. דאָס אליין איז געוועזען בעטראכט פאר אזא וויכטיגע פּאסירונג, אז מען האָט לכבוד דעם גופא, לכבוד דער פערפאסונג פון אַ גוטען ליעד, געשריעבען ליעדער. יעדער אַריסטאָקראַט, אָנפאנגענדיג פון קאַליף ביז ארונטער, איז געוועזען שטאָלץ צו האָבען צווישען זיינע בעקאנטע געלערנטע און פּאָעטען. די געלערענטע און פּאָעטען פלעגען אָנפערטרויט ווערען מיט די וויכטיגסטע רעגיערונגס-שטעלען.“ (גרעטץ).

אונטער דיעזע גינסטיגע אומשטענדען האָט חסדאי אָנגעפאנגען זיין טהעטיגקייט, וועלכע איז בעשטאַנען אין דעם צו גרינדען אין שפּאַניען אַ צענטער פון אידישע געלערנטקייט און פּאָעזיע. ער האָט דערמיט ניט בעצוועקט ארונטערצורייסען די אויטאָריטעט פון די גרויסע ישיבות אין בבל. ער איז, פערקעהרט, געוועזען זעהר פריינדליך צו זיי; ער האָט זיך אינטערעסירט אין זייער לאגע און האָט זיי געשטיצט מיט געלד. ער האָט זיך זאָגאר איבערגעשריעבען מיט סעדיה גאון׳ס זוהן, דוסא, וועגען דעם צושטאַנד און די לאגע פון די אידען אין בבל, אבער ער האָט אין דער זעלבער צייט געזוכט, אז שפּאַניען זאָל האָבען אַן אייגענעם אידישען צענטער און זאָל ניט דארפען זיין אבהענגיג פון די ישיבות.

די דריי מענשען, וועלכע האָבען איהם געהאָלפען אין זיין ארבייט זיינען געוועזען משה בן חנוך, מנחם בן סרוק און דונש בן לברט (דונאש בן לאבארט). דער ערסטער איז געוועזען דער געפאַנגענער געלעהרטער פון בבל, וועגען וועמען עס איז שוין גערעדט געוואָרען אין פאָריגען קאַפּיטעל. ער איז געוואָרען דער רב אין קאָרדאָווא און האָט דאָרט, מיט דער הילף פון חסדאי, געגרינדעט אַ גרויסע תלמודישע ישיבה.

מ נ ח ם   ב ן   ס ר ו ק   איז געווען איינער פון די ערסטע און וויכטיגסטע שפּראַך־פאָרשער אין העברעאיש. ער האָט פער־פאַסט אַ פאָלשטענדיגען העברעאישען ווערטערבוך: „מחברת“, וועלכער האָט איהם פערשאַפט אַ גרויסען נאָמען און מעהרערע תלמידים און אנהענגער. אַ געבאָרענער אין ט אָ ר ט אָ ס אָ איז ער אין זיינע יונגע יאָהרען געקומען אין ק אָ ר ד אָ ו ו אָ, וואו חסדאי'ס פאטער, י צ ח ק, האָט איהם מקרב געווען און געשטיצט אין זיין ארבייט. נאָך זיין טויט איז מ נ ח ם צוריק אָבגעפאָהרען אין ט אָ ר ט אָ ס אָ, וואו ער האָט פערבראכט דעם לעבען פון אַן אָרעמען געלעהרטען. צווישען איהם און ח ס ד א י איז אַ פּנים שוין דאַן ניט געווען קיין שטאַרקע פריינדשאַפט. דער רייכער חסדאי האָט מסתמא ערוואַרטעט פון מנחם'ען מעהר חניפה, אויף וואָס דער לעצטער איז ניט געווען פעהיג. ערסט שפּעטער, ווען חסדאי איז דערהויבען געוואָרען צו זיין גדולה אין קאַליף'ס הויף און ער האָט זיך גענויטיגט אין אַ פעהיגען סעקרעטאַר און בריעף־שרייבער, האָט ער צוריק איינגעלאַדען מנחם'ען אין קאָרדאָוואַ און האָט איהם געהאַלטען מיט זיך. מנחם בן סרוק איז אַ לאַנגע צייט פערדעכענט געווען אלס גרויסער אויטאָריטעט, און ר ש " י פערלאָזט זיך גאַנץ אָפט אין זיינע פּירושים אויף איהם.

ד ו נ א ש   ב ן   ל א ב ר א ט (דונאש בן לברט) איז געבאָרען געוואָרען אין פעטץ. אין זיינע יונגע יאהרען איז ער געווען אַ תלמיד פון ס ע ד י ה   ג א ו ן אין דער ישיבה פון ס ו ר א. מאַנכע זיינען זאָגאר מיט דער מיינונג, אַז ער איז געווען סעדיה'ס אַן אייניקעל. דאָס איז אבער ניט זיכער. נאָך סעדיה'ס טויט האָט ער זיך צוריקגעקעהרט קיין פעטץ, פון וואַנען ער איז שפּעטער אריבערגעקומען אין קאָרדאָוואַ.

אָנקומענדיג אהין האָט ער פערשטאַנען ווי אַזוי געפעלען צו ווערען דעם שטאָלצען ח ס ד א י. ער האָט לכבוד איהם פערפאַסט ליעדער, אין וועלכע ער האָט איהם גע'חנפ'עט און געלויבט ביז'ן הימעל. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך אָנגעשריעבען אַ בייזע און שאַרפע קריטיק געגען מ נ ח ם'ס

אויבענדערמאָהנטע ווערק אונטער דעם נאָמען „תשובות“. ער האָט זיך זאָגאר ערלויבט צו פערדעכטיגען זיין געגנער אין ניט־פרומקייט. צי האָט דונאש געברויכט אזא טאָן, ווייל ער איז בטבע געווען א מענש מיט א הייסען טעמפּעראמענט און ער האָט זיך אפילו ערלויבט ארויסצוטרעטען שאַרף געגען סעדיה גאון, אָדער ווייל ער האָט געוואָלט פערנעהמען מנחם'ס פּלאַץ ביי חסדאי, איז ניט קלאָר. עס איז איהם אָבער געלונגען, אויף א קורצער צייט ווענינ־סטענס, צו געווינען חסדאי'ן אויף זיין זייט. דער תקיף חסדאי האָט זעהר שלעכט בעהאַנדעלט דעם אָרימען געלעהרטען מנחם, ווענען ער האָט ארויסגעטריבען פון זיין הויז. מנחם האָט איהם דאַן געשיקט א בריעף, וועלכער פאנגט זיך אָן: „הער צו מיינע רייד, דו גרויסער הערשער. פון ליים ביזטו ווי איך נעמאכט, און מיין שעפער איז אויך דיינער. מיר זיינען אַלע שטויב און אונזערע טעג זיינען ווי שאָטענס. די מעכטיגע וועלכע האָבען אַלץ און די אָרעמע וועמען אַלץ פעהלט, וועלען ביידע גלייך געהן אין זעלבען קבר.“

מאנכע היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג, אז מנחם בן סרוק איז צוריק געוואָרען פריינד מיט חסדאי'ן, אָבער דאָס איז ניט זיכער.

מנחם בן סרוק האָט ניט געענטפערט אויף די אטאַקען פון דונאש, אבער דערפאר האָבען זיך אָבגערופען זיינע תלמידים און האָבען זיך אָנגענומען דעם כבוד פון זייער רבי'ן. צווישען זיי האָט זיך אויך געפונען דער בעקאנטער שפּראַך־פאָרשער ר' יהודה בן דוד חיוג. די דעבאַטען צווישען ביידענס תלמידים האָבען זיך פערצויגען לאַנג נאָך זייער ביידענס טויט. זיי זיינען ניט שטענדיג געפיהרט געוואָרען אין אן אנשטענדיגען טאָן, אבער זיי האָבען דאָך געבראכט גוטע רעזולטאטען, ווייל דאָס האָט געצוואונגען ביידע צדדים זיך צו פערטיעפען אין דער פאָרשונג פון דער העברעאישער שפּראַך. די אויספאָרשונג פון דער שפּראַך האָט זעהר פיעל בייגעטראָגען צו דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער העברעאישער פּאָעזיע. די שפּעטערע פּאָעטען האָבען שוין געפונען

א פּאַרטיגע אויסגעאַרבייטעֿ שפּראַך, אַ פּאַרטיגע כלי, מיט וועלכע צו אַרבייטען.

וואָס פאַר אַ מיינונג מען זאָל ניט האָבען וועגען דונאַש'ען אַלס פּערזאָן, מוז מען אָבער צוגעבען, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג אין דער ענטוויקלונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור. זיין הויפּט־פערדיענסט איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען דער ערסטער איינצופיהרען אין דער העברעאישער פּאָעזיע דעם מעטער, וועלכען ער האָט מיט קליינע ענדערונגען איבערגענומען פון די דאַמאַלסדיגע אַראַבישע פּאָעטען. אויך פאַר איהם פלעגען די אידישע „פּייטנים" שרייבען אין גראַמען, אָבער פון אַ מעטער האָבען זיי נאָך ניט געוואוסט. דונאַש האָט אויפגעטהאָן נאָך אַ וויכטיגע זאַך: ער האָט די העברעאישע פּאָעזיע אַרויסגעטראָגען פון די שוהלען און בתי מדרשים אויפ'ן גאַס. ביז איהם פלעגען די אידישע פּייטנים" בלויז שרייבען תפילות און בקשות, קנות און סליחות; ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען פּאָעזיע אויך איבער וועלטליכע זאַכען, איבער וואָכעדיגע ענינים.

מיט דער הילף פון דיעזע דריי מענשען איז חסדאַי'ן געלונגען דורכצופיהרען זיין פּלאַן, צו מאַכען אין קאָרדאָוואַ אַ צענטער פון אידישע געלעהרטע און פּאָעטען. וועגען געלד איז קיין מניעה ניט געווען. חסדאַי איז געווען זעהר רייך און האָט קיין געלד ניט געשפּאָרט. אויב אפילו ער איז געווען אונגערעכט אין זיין האַנדלונג געגען מנחם'ען, איז חסדאַי אָבער בכלל געווען אַ מענש, וואָס האָט געשטיצט און בעזאָרגט מיט אַלעם גויטיגען די וואָס האָבען זיך געלערענט. ער האָט, צום ביישפּיעל, בעזאָרגט די תלמידים מיט קאָפּיעס פון תלמוד, וועלכע ער האָט געקראָגען פון דער סורא'ר ישיבה. דאָס איז דאַמאַלס, אין דער צייט ווען קיין דרוק איז נאָך ניט געווען און די ספרים האָבען געמוזט איבער־געשריעבען ווערען, געווען פערבונדען מיט גרויסע הוצאות.

זייענדיג שטאַרק פעראינטערעסירט אין דער לאַגע פון די אידען אין שפּאַניען, אַנווענדענדיג אַלע מעגליכקייטען זיי

צו העלפען אין אַלע הינזיכטען, איז חסדאי ניט געבליבען גלייכגילטיג אויך צו דער לאַגע פון די אידען און די אנדערע לענדער. דער קלאַנג, אז ערגעץ־וואו עקזיסטירט א מעכטיגע* אידישע מלוכה איז דאמאלס געווען שטאַרק פערשפּרייט. מיט עטליכע צעהנדליג יאהר פריהער, ביים ענדע פון נייַנטען יאהרהונדערט, האָט זיך פּלוצלינג בעוויעזען א מאַן מיט דעם נאָמען „א ל ד ד ה ד נ י“, איינער פון די אינטערעסאַנ־טעסטע און מערקווירדיגסטע טיפּען אין דער אידישער געשיכטע. פון וואנען ער האָט זיך גענומען און ווער ער איז געווען ווייס מען נאָך עד היום ניט. מאַנכע היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג, אז ער איז געווען א פערשטעלטער קאַראַאים, וועלכער האָט געוואָלט מאַכען פּראָפּאַגאַנדא פאַר זיין סעקטע. זיי דרינגען עס דערפון וואָס מאַנכע פון די דינים, וועלכע ער גיט אָן שטימען ניט מיט די דינים פון תלמוד. אנדערע זיינען מיט דער מיינונג, אז ער איז געווען א רייזענדער מיט א צו גרויסער פאַנטאַזיע; אנדערע ווידער דענקען, אז ער איז געווען א פּשוטו׳ער שאַרלאַטאַן און אַן איינפאַכער ליגנער. דאָ איז אבער ניט דער פּלאַץ זיך צו פערשפּרייטען וועגען איהם. פאַר אונזער צוועק איז גענוג צו וויסען, אז דער דאָזיגער אלדד הדני האָט בעזוכט פיעלע אידישע קהלות אין בבל, אין אַפריקאַ און אויך אין שפּאַניען און האָט דאָרטען דערצעהלט אַלערליי וואונדער־מעשיות וועגען די פערשיעדענע אידישע מלוכות, וואָס געפינען זיך אין פערשיעדענע געגענדען. ער האָט דערצעהלט וועגען די „בני משה“, וועגען די צעהן שבטים, וועגען דעם טייך „סמבטיון“. ער האָט עס דערצעהלט מיט אַלע איינצעלהיי־טען, אזוי ווי ער אַליין וואָלט דאָרטען געווען און אַלץ אויס־געשטודירט. ער האָט דערצעהלט וועגען זייער אַרט לעבען, ווי זיי פיהרען זיך אויף, וועגען זייערע דינים און מנהגים. ער אַליין, זאָגט ער, שטאַמט פון שבט דן, און דערפאַר הייסט ער „הדני“. ווי אזוי ער קומט אהער, האָט ער ווידער דער־צעהלט א וואונדער־מעשה פון א שיף־ברוך. ווי אזוי זיין שיף איז צובראָכען געוואָרען און ווי אזוי ער איז אריינגעפאַלען

צווישען קאניבאלען, ווי די קאניבאלען האבען איהם גענומען קארמענען ער זאל ווערען פעט, כדי זיי זאלען איהם נאכדעם אבבראטען און אויפעסען. ווי אזוי די קאניבאלען זיינען בעפאלען געווארען פון אן אנדער ווילדען שטאם, וואס דיענט צו פייער, און ווי זיי האבען איהם גענומען געפאנגען. פיער יאהר איז ער געוועזען א געפאנגענער. דאן האבען זיי איהם פערקויפט פאר א שקלאף. ענדליך האבען איהם אידען אויס־געלייזט, און אזוי קומט ער אהער. און אזוי ווי אלדד האט גערעדט א ריינעם העברעאיש און איז געווען א למדן, האט מען איהם געגלויבט, ניט בלויז דער פראסטער עולם, נאר אפילו אויך די געלעהרטע און די גאונים.

דיעזע בשורות פון אלדד הדני האבען געווירקט ווי באלזאם אויף די אידישע וואונדען. די אידען האבען זיך דורכדעם איבערצייגט, אז גאט האט זיי נאך ניט פערלאזען, אז עס געפינען זיך נאך אידישע שטארקע מלוכות אויף דער וועלט און אז פריהער אדער שפעטער וועלען זיי אויך אויס־געלייזט ווערען. דאס האט זיי געגעבען נייעם מוטה אריבער־צוטראגען זייערע צרות. „עס איז מעגליך, אז דאס איז טאקע געוועזען דער ציעל פון אלדד'ס פאנטאסטישע מעשיות". (שטיינשניידער).

דיעזע מעשיות פון אלדד הדני זיינען אויך בעקאנט געווען צו חסדאי, אין וועלכע אויך ער האט געגלויבט. זייענדיג אין קאליף'ס הויף און קומענדיג אין בעריהרונג מיט די אלע שלוחים און אמבאסאדארען פון די פערשיעדענע לענדער, האט ער שטענדיג געהאלטען אין נאכפרעגען וועגען די אידען און אידישע מלוכות. ענדליך איז ער געקומען אויף א שפור. מען האט איהם דערצעהלט פון די כאזארען, א שטארק און קריעגעריש פאלק, וואס האלט זיך אן דער אידישער אמונה און האט אידישע קעניגע.

חסדאי האט זיך באלד גענומען צו זוכען מיטלען, ווי אזוי צו קומען אין פערבינדונג מיט דעם דאזיגען אידישען קעניג, וועלכען ער האט גערעכענט פאר איינעם פון אידישער אב־שטאמונג. דאס איז איהם אויך געלונגען. אין א שעהנעם,

לאַנגען בריעף, געשריעבען מיט מליצות און פול מיט שבחים, האָט ער דעם קעניג, וועמעס נאָמען עס איז געווען יוסף, געלאָזט וויסען ווער ער איז און וואָס ער וויל. „גאָט אַליין ווייס“, שרייבט ער אין דעם דאָזיגען בריעף, „אז איך האָב זיך ניט געווענדעט צו אייער קעניגליכע מאַיעסטעט פון מיין כבוד וועגען. איך וויל אויספאָרשען און וויסען דעם אמת, אויב עס געפינט זיך נאָך ערגעץ אַ פלאַץ, וואו עס איז דאָ אַ אידישע קעניגרייך, וואו אידען ווערען ניט אונטערדריקט, וואו מען געוועלטיגט ניט איבער זיי... און ווען איך וואָלט געוואוסט, אז דאָס איז אמת, וואָלט איך פער'מיאוס'ט מיין כבוד, פערוואָרפען מיין גדולה, פערלאָזען מיין משפחה און וואָלט געגאַנגען פון באַרג צו טהאָל ביז וואַנען איך וואָלט געקומען צו דעם פלאַץ, וואו מיין הערר טהוט רוהען, צו זעהען זיין גרויסקייט.“

חסדאי'ס בריעף האָט געגרייכט דעם קעניג, וועלכער האָט גלייך געשיקט אַן ענטפער. ער האָט איהם ערקלערט אז די כאַזאַרען שטאַמען ניט אָב פון די אידען, אז זיי זיינען פריהער געווען געצענדיענער, און דער ערסטער וואָס האָט אָנגענומען די אידישע אמונה איז געווען בולאַן. זיין נאָכפאָלגער עובדיה (שוין אַ אידישער נאָמען) האָט פערשטאַרקט די אמונה אין גאַנצען לאַנד. ער האָט איינגעלאַדען אידישע געלעהרטע, האָט אויסגעבויט שוהלען און חדרים, וואו מען האָט געלערנט דעם עולם תנ"ך, משנה און תלמוד, און „די הייליגע תפילות פון די חזנים“. עובדיה'ס נאָכפאָלגער איז געווען חזקיה; נאָך איהם האָט געקעניגט מנשה, דאַן חנוכה, דאַן יצחק, דאַן משה, דאַן ניסי, דאַן אהרן, וועמעס זוהן ער, יוסף, איז.

אַ לאַנגע צייט האָט מען געצווייפעלט אין די עכטקייט פון די דאָזיגע בריעף, הויפּטזעכליך אין דעם ענטפער פון קעניג. איצטער זיינען כמעט אלע היסטאָריקער מסכים, אז די בריעף זיינען עכטע. צו דיזער איבערצייגונג האָבען פיעל בייגעטראָגען די פאָרשונגען פון דעם רוסיש-אידישען געלעהרטען אברהם אליהו הארקאַווי.

א חוץ די איבערזעצונג פון א מעדיציניִשען בוך אין אראביש, וואס חסדאי האט געמאכט, איז פון איהם גאר ניט געבליבען. דער בריעף צום כאזארישען קעניג איז געשריבען געווארען פון מנחם בן סרוק.

* * *

צווישען די אלע גרויסע פאעטען, פילאזאפען און גע־לעהרטע, וואס די אידען פון שפאניען האבען ארויסגעגעבען פון זיך, פערנעהמט חסדאי אבן־שאפרוט א בעזונדערען פלאץ. ער אליין קען ניט בעטראכט ווערען אלס איינער פון זיי; ער האט זיך ניט אויסגעצייכענט אויף קיינע פון די דאזיגע געביעטען, אבער אין א געוויסען זין איז ער דער פאטער פון זיי אלעמען. ער איז געווען דער יעניגער, וועלכער האט פערפערטיגט דעם באדען און געמאכט מעגליך, אז זיי, די פאעטען און פילאזאפען, זאלען קענען ארויס־שפראצען, וואקסען און ענטוויקלען זיך.

V.

ר׳ שמואל הנגיד און זיין יוגענד. — ווי אזוי ער איז געווארען א וויזיר. — זיינע תלמוד׳ישע ווערק. — זיינע ליעדער. — די פּאָעטען פון יענער צייט און זייער פערשקלאַפונג צו דער פאָרמע. — מאַנכע פון זיינע וועניגער־בעריהמטע צייט־גענאסען. — ר׳ יצחק אבן נאות און זיין פּאָעזיע.

„אין דיא צייטען פון ר״ חסדאי האָבען זיי (דיא פּאָעטען) ערסט אָנגעפאַנגען צו שוויסטשערען; אין דיא צייטען פון ר״ ש מ ו א ל ה נ ג י ד האָבען זיי שוין געזונגען אויפ׳ן קול״. מיט דיא דאָזיגע ווערטער כאַראַקטעריזירט דער היסטאָריקער און פילאָזאָף אַ ב ר ה ם־א ב ן־ד א ו ד, וועלכער האָט געלעבט עטוואָס שפּעטער, דעם גרויסען פאָרשריט, וואָס דיא העברעאישע פּאָעזיע האָט געמאַכט אין דעם משך פון די עטליכע צעהנדליג יאָהרען, צווישען חסדאי און שמואל הנגיד.

אן אַנדער בעריהמטהייט פון בערך יענער צייט, דער פּאָעט און פילאָזאָף מ ש ה א ב ן ע ז ר א, דריקט זיך אוים וועגען דעם דור פון ר״ שמואל הנגיד: „דיא קעניגרייך פון וויסענשאַפט איז דערהויבען געוואָרען פון איהר ניעדריגען צושטאַנד, און דער שטערען פון וויססען האָט ווידער א מאָל אויפגעשיינט. גאָט האָט איהם בעשאָנקען מיט א שכל, וואָס קען דערגרייכען די העכסטע ספערען און בעריהרען די הימלען, כדי ער זאָל קענען ליעב האָבען דיא פאָרשונג און די יעניגע וואָס גיבען זיך אָפּ דערמיט״.

ר׳ שמואל הנגיד איז געבארען געווארען אין קארדאָוואַ, שפאניען, אין יאָהר 993. זיין רבי אין תלמוד איז געווען חנוך, דער זוהן פון דעם ר״ משה, וועלכער האָט, אונטער דער אויפזיכט פון חסדאי, געגרינדעט דיא ערשטע גרויסע תלמודישע ישיבה אין קארדאָוואַ. זיין רבי אין העברעאיש איז געוועזן ר״ יהודה חיוג (חאיוג), א תלמיד פון מנחם בן סרוק. א חוץ דעם האָט ער אויך געלערענט אראביש, לעטייניש און דיא בערבערישע שפראַכען.

ווען ער איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר איז ער געצוואונגען געוועזן צו פערלאָזען קארדאָוואַ. דיא גרויסע אראַבישע מלוכה אין שפאניען איז צוליעב מלחמות און אינערליכע רייסערייען צופאַלען אויף פיעלע קלענערע מלוכות, און אנשטאַט איין קאליף זיינען געוואָרען מעהרערע קאַליפען. יעדע פראָווינץ איז געוואָרען א בעזונדערע קעניגרייך, וואָס האָט זיך געהאַט איהרע הערשער, פונקט וויא דאָס איז געווען אין דייטשלאַנד און איטאַליען נאָך ביז ניט לאַנג צוריק. אין יאָהר 1013 איז סוליימין, דער קעניג פון בערבערי, אריבערגעקומען מיט אַן ארמעע פון אפריקא אין קארדאווא, האָט בעזיעגט דעם קאליף און חרוב געמאַכט דיא שטאָדט. צווישען דיא אידען, וואָס זיינען פון דאָרטען אנטלאָפען געוואָרען האָט זיך אויך געפונען ר״ שמואל הנגיד.

ער האָט זיך בעזעצט אין מאלאגא, ניט ווייט פון גראנאדא. דאָרטען האָט ער געעפענט א קליין געשעפט, פון וועלכען ער האָט זיך געצויגען זיין פרנסה, אָבגעבענדיג זיך אין דער זעלבער צייט מיט דעם שטודיום פון תלמוד, פאָעזיע און דיא וויסענשאַפטען. אין זיין אָרעמקייט און צוריקגעצויגענהייט האָט ער פון דעסטוועגען ניט אויפגעגעבען דיא האָפנונג, אז ער וועט נאָך שפּיעלען א גרויסע ראָלע. פון יענער צייט איז געבליעבען זיינע א ליעד, וועלכע כאראקטעריזירט זיין געמיטה׳ס צושטאַנד:

„נשמה מאשר תתאו נדועה,
ונפש מאשר תשאל מנועה.
וגוף שמן, ושבע ודשן —

ונפשו הכבודה לא שבעה.
ואיש ענו מהלך על אדמה —
ומחשבתו עלי שחק שרועה"...

(א נשמה, וואס קען ניט דערגרייכען איהר פערלאנג, וועמעס וואונש עס קען ניט ווערען ערפילט. וואָס טויג דער צופריעדענער און זאטער גוף, ווען דיא נשמה בלייבט הונגעריג? א בעשיידענער מענש, וואָס געהט אויף דער ערד, און זיינע געדאנקען שפּאַרען צום הימעל).

עס האָט ניט לאנג גענומען און ר' שמואל הנגיד'ס שטרעבען איז ערפילט געוואָרען. א שקלאפין פון דעם וויזיר אבן־אלאריף פּלעגט צו איהם אריינקומען שרייבען איהרע בריעף. דער וויזיר, וועלכער איז נתפּעל געוואָרען פון דער שעהנער האנדשריפט און פון דער שעהנער שפּראַך, האָט, ערפאהרענדיג ווער דער שרייבער איז, איהם איינגעלאדען צו זיך אין גראנאדא, און האָט איהם אָנגעשטעלט ביי זיך אלס זיין פּריוואט־סעקרעטער. זיין קלוגשאַפט און טיעפע קענטניס האָט געבראכט דערצו, וואָס דער וויזיר האָט איהם עטוואָס שפּעטער געמאכט פאר זיין גאנצען בעל־יועץ.

ווען אבן־אלאריף איז קראַנק געוואָרען און דער קעניג האבוס איז איהם געקומען צום בעזוך, האָט דער וויזיר פערטרויט דעם קעניג, אז זיין אמת'ער בעל־יועץ איז געווען דער איד שמואל, און אז ער איז דארום דער פּאַסענדסטער מענש צו זיין דעם קעניג'ס ראטה־געבער. נאָך אבן־אלאריף'ס טוידט האָט שמואל הנגיד פערנומען דיא שטעלע פון דעם וויזיר. אויף אזא אופן איז דער אָרעמער אידישער קרעמער געוואָרען דער פאקטישער הערשער פון דעם קעניג האבוס'עס מדינה. זיין אמט האָט ער פערטראָטען מיט גרויס פעהיגקייט, און זיינע צייט־גענאָסען, סאי אידישע, סאי אראבישע, קענען זיך גאר ניט אָפּלויבען פון זיין גרויס חכמה און עהרליכקייט. דעם זעלבען אמט האָט ער אויך פערנומען, ווען דער קעניג האבוס איז געשטאָרבען און זיין זוהן באדיש האָט פערנומען דעם טראָהן. שמואל הנגיד איז ניט בלויז געווען מיניסטער פון אויסערלי־

בע אנגעלעגענהייטען און דיפּלאָמאַט, נאָר אויך אַ גענעראַל און מלחמה פיהרער. אין אַ זאַמלונג פון זיינע ליעדער, וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון א ב ר ה ם א ל י ה ו ה אַ ר ק אַ ו ו י, געפינט זיך אַ גרויסע פּאָעמאַ אין וועלכע ער דאַנקט גאָט פאַר דעם גרויסען נצחון, וואָס ער האָט געהאַט איבער דיא אַרמעען פון פיינד. דאָרטען געפינט זיך אויך אַ בריעף, געשריעבען אין דיא פאָרמע פון אַ ליעד, וועלכען ער האָט געשיקט פון שלאַכטפעלד דורך אַ טויב צו זיין זוהן. דער בריעף פאַנגט זיך אָן:

„שלח יונה מבשרת ואם היא לא מספרת
באגרת קטנה אל כנפיה מחברת“...

(איך שיק דיר דורך די טויב די בשורה. זי קען ניט ריי־דען, אָבער זיא האָט אַ קליין בריעף צו איהרע פליעגלען צו־געבונדען).

זיין גרויסע שטעלע אַלס מלוכה־מענש האָט איהם ניט געשטערט אין זיין אַרבייט צו דערהויבען דעם קולטורעלען צושטאַנד פון דעם אידישען פאָלק. זיין גאַנצע רייכקייט און זיין גרויסע מאַכט האָט ער אָנגעווענדעט צו פערבעסערען דיא אידישע לאַגע איבעראַל, וואו ער האָט געקענט דערגרייכען; צו שטיצען דיא אַרעמע געלעהרטע און פּאָעטען און צו פער־שפּרייטען צווישען די אידען בילדונג און געלערנטקייט.

אַ חוץ דיא שטעלע פון אַ וויזיר איז ער אויך געוועזען רב און ראש־ישיבה אין ג ר אַ נ אַ ד אַ. ער איז געוועזען איינער פון דיא גרעסטע תלמודיסטען אין זיין צייט. ער האָט גע־פסק'ענט שאלות און געשריעבען „תשובות“ אויף פערשיעדע־נע תלמודישע פראַגען, וועלכע מען האָט איהם אָנגעפרעגט. פון זיינע תלמודישע שריפטען איז געבליעבען דער „מבוא התלמוד“, אַן איינלייטונג צום תלמוד. פון דיזער איינלייטונג, וועלכע געפינט זיך געדרוקט אין אַלע בעסערע ש"ס אויס־גאַבען, איז צו זעהן, אַז ער איז געוועזען אַ מענש מיט אַ ווי־סענשאַפטליך־דיסציפּלינירטען שכל. דיא שפּראַך איז קורץ, ריין, קלאָהר און פשוט. נאָכדעם וויא ער גיט איבער בקיצור

א היסטאָרישע רשימה פון דיא פאָרשטעהער פון דער טראַ־דיציע (תורה שבעל פה) אין יעדען דור ביז איהם, נעהמט ער זיך צו געבען קורצע ערקלעהרונגען וועגען די טעכנישע אוים־דריקע, וואָס געפינען זיך אין תלמוד: וואָס הייסט „תובתא“, וואָס הייסט „ורמינהו“ און אזוי כסדר, אויף דעם זעלבען אָרט וויא עס ווערט געטהאָן איז א מאָדערנעם טעקסט־בוך פון אירגענד וועלכער וויסענשאפט. זייענדיג אליין א פרומער און ניט צווייפלענדיג אין דער היילינקייט פון תלמוד, איז ער דאָך געוועזען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך ערלויבט צו זאָגען וועגען דיא „הגדות“ פון תלמוד, „אז מען דארף פון זיי בלויז לערנען זאַכען, וואָס לייגען זיך אויפ׳ן שכל“.

ער האָט געשריעבען זעהר פיעל ליעדער סאי אין העברע־איש און סאי אין אראביש. עס ווערט דערצעהלט, אז ער האָט אָנגעשריעבען א ליעד אין זיעבען שפּראַכען לכבוד דעם קעניג. אין העברעאיש זיינען געוועזען זיינע דריי פּאָעטי־שע זאַמלונגען. איין זאַמלונג האָט געהייסען „בן תהלים“, וואו עס האָבען זיך געפונען תפילות און הימנען; א צווייטע זאַמלונג האָט געהייסען „בן־משלי“, וואו עס האָבען זיך גע־פונען עפּיגראַמען און שפּריך־ווערטער; א דריטע זאַמלונג האָט געהייסען „בן־קהלת“, וועלכע האָט ענטהאַלטען פילאָ־זאָפישע געדאַנקען און בעטראַכטונגען וועגען דער וועלט און דעם מענשען. פון דיא אַלע זאַמלונגען איז גאַנץ ווייניג גע־בליעבען; דער בן־קהלת איז אין גאַנצען פערלאָרען געגאַנגען.

ווי א מענש פון דער גרויסער וועלט, האָט ער געשריע־בען ליעדער איבער אַלערליי טהעמען, ניט בלויז פרומע תפלות. ער האָט געשריעבען וועגען ליעבע, וועגען פריינד, וועגען לעבענס־קלוגהייט און אזוי ווייטער. פון דיא עטליכע ביישפּיעלע, וואָס ווערען דאָ געבראַכט איז דיא ערשטע א פראַגמענט פון א ליעבעס־ליעד. די איבריגע זיינען קורצע עפּיגראַמען:

תרופה בפניה ועל חוט שפתיה
ומות בעניה ותחת למדיה

אשחק בעת תרצה ותשחק בעת אקצוף
רצונה יחדני וקצפי יחדיה.

(אויף איהר פנים און אויף איהרע ליפען ליגט א היילונג; אין איהרע אויגען און אונטער איהרע קליידער ליעגט דער טוידט. איך לאך ווען זיא וויל און זיא לאכט ווען איך בין בייז; וויל זיא ווער איך פרעהליך, ווער איך בייז פאנגט זיא אן לאכען).

אשר יגע וקנה לו ספרים
ולבו מאשר בם ריק וריקם —
כפסח אשר חקק עלי קיר
דמות רגל, ובא לקום ולא קם.

(דער וואס האט זיך אנגעקויפט ספרים און האט זיי ניט גע־לערנט, איז געגליכען צו א הינקעדיגען, וואס האט אויסגע־מאלט א פוס אויפ'ן וואנט און וויל ד'ערמיט געהן).

בדבר רך תדבר אל שלשה
ואם ענו לך עזות וקשה;
אלי מלך בך ישלוט ואל איש
אשר חלה חלי כבד, — ואשה.

(צו דרייען זאלסטו רעדען עדעל אפילו ווען זיי קומען דיר אן גראב: צו דעם קעניג וואס מהוט איבער דיר הערשען, צו א מאן וואס איז אויפגעשטאנען פון א שווערער קראנקהייט, און — צו א פרוי).

פון דיא ליעדער, וואס זיינען פון איהם געבליעבען זעהט מען ניט ארוים קיין גרויסען טאלאנט. עס פעהלט אין זיי דיא שעהנקייט און דיא שטארקייט, דעם טיעפען פיהלען און דיא גרויסע בעגייסטערונג, וואס מען געפינט ביי מאנכע פון דיא פריהערדיגע און ביי דיא מעהרסטע פון דיא שפעטערדיגע אידישע פאעטען. זיינע ליעדער צייכנען זיך מעהר אוים מיט זייער שכל'דיגען אינהאלט און שעהנע פארמע, וויא מיט דיא טיעפקייט פון דיא געפיהלען און פאעטישען שוואונג. א קריטיקער פון זיין צייט האט זיך אויסגעדריקט וועגען זיינע ליעדער: „זיי זיינען קאלט ווי די שנעע אויפ'ן בארג חרמון". איבריגענס, איינער האט דאן געמוזט האבען אן אויסער־

געוועהנליכען גרויסען טאַלאַנט, אום צו קענען איבערקומען די אַלערליי שוועריגקייטען, וואָס דיא דאַמאַלסדיגע פּאָעטען האָבען זיך אַליין געשטעלט. זיי זיינען געווען שקלאַפען צו דער פאָרמע. אַ חוץ דעם גראַם און דעם מעטער, האָבען זיי אויך געשריעבען זייערע פערזען נאָכ'ן סדר פון דעם „אלף־בית“ אָדער לויט דיא בוכשטאַבען פון זייערע נעמען. צוליעב דעם זיינען זיי מאַנכעס מאָל געווען געצוואונגען זאָגאַר צו שרייבען געגען דעם גייסט און געגען דער גראַממאַטיק פון דער שפּראַך, שוין ניט רעדענדיג דערפון, וואָס דער געדאַנק איז גאַנץ אָפט ארויסגעקומען אַזוי וויא איינגעקרעמפּעט און געפּעטענט. פון די דאָזיגע אַלע געקינסטעלערטע שוועריגקייטען האָבען געהאַט צו ליידען אפילו אַזעלכע גאונים פון דער העברעאישער פּאָעזיע ווי מ ש ה א ב ן ע ז ר א, ש ל מ ה ב ן ג ב י ר ו ל און ר׳ י ה ו ד ה ה ל ו י. דיא קלענערע טאַלאַנטען האָבען נאַטירליך נאָך מעהר געליטען דערפון. דערצו האָבען זיי גאַנץ אָפט אין זייערע פערזען געברויכט אַנדייטונגען אויף פּסוקים פון דער ביבעל און אויף תּלמודישע לעגענדען אָדער שפּריכווערטער, אַזוי אַז בלויז איינער וואָס איז גוט בעקאַנט מיט דער ביבלישער און תּלמודישער ליטעראַטור קען פאַרשטעהן וואָס זיי מיינען.

דיא מעהרסטע פון זייערע ליעדער זיינען בעשטאַנען פון תּפילות, סליחות און קנות, וואָס האָבען געטראָגען אַ מעהר אָדער ווייניגער רעליגיעזען כאַראַקטער. דיא נעמען צו דיא דאָזיגע ליעדער פלעגט געגעבען ווערען לויט דעם פּלאַץ, וואו זיי פלעגען געזונגען ווערען ביים דאַווגען. אַ ליעד וואָס פלעגט געזונגען ווערען לעבען דיא תּפלה, וואָס רעדט פון גאָט'ס ליעבע צום אידישען פאָלק האָט געהייסען „אהבה“; אַ ליעד וואָס איז געזונגען געוואָרען לעבען דעם שבח פון גאָט דעם שעפּפער האָט געהייסען „יוצר“ (דערפון נעהמט זיך דער וואָרט „יוצרות“). גאַנץ אָפט פלעגען זיי שרייבען ליעדער, וועלכע האָבען זיך נאָך יעדען פערז געענדיגט מיט אַ רעפריין, וואָס דער גאַנצער עולם פלעגט זינגען. אַזאַ ליעד האָט געהייסען „פּזמון“.

דיא צאָהל פון דיא פּאָעטען, פילאָזאָפען און געלעהרטע, וואָס האָבען געלעבט אין דער צייט פון ר״ שמואל הנגיד, איז זעהר גרויס. דאָס איז געווען דיא גלאַנץ עפּאָכע פון דער איד־דיש־שפּאַנישער קולטור. אין דעם משך פון יענעם יאָהר־הונדערט האָט דאָס אידישע פאָלק זיך אליין איבערטראָפען, ארויסגעבענדיג פון זיך א גאַנצע רייהע פון גרויסע, מאַנכע זאָגאר געניאלע, מענשען. אין דיא וויטערדיגע קאַפּיטלען וועט נאָך וועגען זיי גערעדט ווערען באריכות. דאָ וועלען בלויז דערמאָהנט ווערען דיא ווענינער בעריהמטע פון צווישען זיי.

ר״ יונה אבן גנאח איז געווען איינער פון דיא טיעפסטע פאָרשער פון דער העברעאישער שפּראַך. ער ווערט בעטראַכט אלס דער פאָטער און דער וויסענשאַפטליכער בע־גרינדער פון דער העברעאישער גראמאטיק. ער איז געווען דער איינציגער פון דיא געלעהרטע אין יענער צייט, וועלכער איז ניט געווען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט ר״ שמואל הנגיד. דאָס האָט זיך געגומען דערפון, וואָס ער האָט גע־קריטיקירט די שפּראַך־טעאָריען פון ר׳ יהודה אבן חיוג, ווער עס איז געווען שמואל הנגיד׳ס לעהרער אין העברעאיש.

ר״ יוסף בן אביתר, וואָס האָט געלעבט עטוואָס פריהער, איז געווען א גרויסער תלמודיסט, וועלכער האָט גע־שריעבען „תשובות״ און האָט אויך געמאַכט א פירוש אויף דעם תלמוד אין אראביש. ער האָט אויך געשריעבען מאַנכע פּיוטים.

רבי יצחק אבן גאות (גאיאָט) איז געווען א גרויסער תלמודיסט, איז בעקאַנט געווען מיט דער גריכי־שער פילאָזאָפיע און איז געווען איינער פון דיא בעסטע פּאָע־טען פון זיין צייט. פון זיינע ליעדער זיינען געבליעבען בלויז איינינע תפילות, וועלכע צייכנען זיך אויס מיט דער שעהנ־קייט פון דער שפּראַך און פאָרמע וויא אויך מיט זייער טיעפ־קייט און וואַרעמקייט. אין א תפלה, וואו ער דריקט אויס דעם וועלט־שמערץ, זאָגט ער:

מה יתרון לאדם כעוף יתעופף כבודם
ואיך יתגאו בעודם ופתאום יבוא אידם.
יבין איש לב ונבון כי סוף כל לרקבון
ומעפר הצבכו ועדיו עתה שבנו

קום וראה בעיניך כי לא לך הונך
והאדם וקנינו למחר יבוקש ואיננו.

(וואס קומט ארויס דעם מענשען פון זיין גליק, ווען ער פערשווינדט אזוי גיך ווי א פויגעל? וויא קען ער שטאָלצירען מיט זיין מאכט, ווען דער אונגליק קומט אזוי פלוצלונג? זאָל יעדער קלוגער מענש פארשטעהן, אז אלץ מוז צום סוף אונטערגעהן. פון דער ערד גענומען און אהין געהען מיר באלד צוריק. בעטראכט דיין רייכקייט איז דאך ניט דיינע. היינט באך ביזטו דאָ, און מאָרגען שוין — ניטאָ).

אין אן אנדער ליעד, וועלכע הייסט „גאולה“, לאָזט ער דעם אידישען פאָלק ריידען צו גאָט:

אסבלה נדודי אגילה בגלותי,
אעבד מעבדי אוחילה במחלתי.
יערב לי שביי לא אקוץ במוסרי,
אתנה על־לחיי עול צרי ומוסרי.
אעלז באידי אשישה בדלותי, —
מחלי ומרודי המה לי תהלתי!

(איך דולדע מיין וואנדער לעבען, איך פרעה זיך מיט מיין גלות; א קנעכט צו מיינע פערשקלאפער, האָף איך דאך אין מיינע צרות. מיין געפאנגשאפט איז מיר זים, איך פערמיאוס ניט מיין שטראָף. דעם יאָך פון מיין פיינד טראָג איך צופריעדען. איך בין גליקליך אין מיין בראך, איך פרעה זיך אין מיין אָרעמקייט. מיין אונגליק און מיינע צרות, — זיי דיינען מיין רוהם!)

און ווייטער אין דעם זעלבען ליעד:

צוררי על דתך שנאת שוא שנאוני
שקרו בבריתך ובלא אל קנאוני,
לעבוד זולתך כמעט החטיאוני
ואני בעודי שמתיך אילותי, —
אעמוד על עמדי לא אט ממסילתי!

(צוליב דיין תורה האָבען זיי מיר אזוי פיינט, מיינע שונאים. זיי פערלייקנען דיין בונד און מיט א ניט־גאָט ווילען זיי מיר בעצווינגען. צו דיענען אַן אַנדערען האָבען זיי מיר שיעור ניט געמאַכט זינדיגען. און איך, נאָך אין מיין יונגענד האָב נאָר דיר געמאַכט צו מיין גאָט, — איך בלייב אויף מיין וואָך, איך פערלאָז ניט מיין וועג!).

עס פערשטעהט זיך, אַז דיא ליעדער פערליערען זעהר פיעל פון זייער אָריגינעלער שעהנקייט אין דער פשוט'ער, פראָזאאישער איבערזעצונג. זיי פערליערען ניט בלויז דעם קלאַנג און דיא מוזיק, נאָר טאַקע אויך א היבשען טהייל פון אינהאַלט. דער לעזער, וואָס פערשטעהט העברעאיש וועט אָבער לייכט איינזעהן, אַז ר״ יצחק אבן גאות קען פערנעהמען א גאַנץ חשוב'ען פּלאַץ צווישען דיא גרויסע העב־רעאישע פּאָעטען פון יענער צייט, און אַז זיין סטיל איז שוין א גרויסער שריט פאָרווערטס לגבי דיא שרייבער, וואָס האָבען געעלבט אין דעם פריהערדיגען דור. אַלס פּאָעט קען ער מיט רעכט בעטראַכט ווערען אַלס דער בריק, וואָס בינדט צוזאַמען דעם דור פאַר איהם מיט דעם דור נאָך איהם.

VI.

ב ח י י און זיינע לעהרען. — די פליכטען פון די גליעדער און די פליכטען פון די הערצער. — בחיי'ס פילאסאפיע. — זיינע ראיות וועגען דער עקזיסטענץ און די איינהייט פון גאָט. — בחיי אלס מיסטיק און דער איינפלוס פון די „ס ו פ י ס". זיין מיינונג וועגען פרייען ווילען. — ב ח י י ' ס פּאָעזיע.

צווישען דיא אלע תלמודיסטען, פּאָעטען און פילאָזאָפען פון יענער צייט, פערנעהמט רבינו ב' ח י י א בעזונדער פּלאַטץ. ער איז געוועזען א תלמודיסט און א דיין אין ס א ר אָ ג אָ ס א, שפאניען, אָבער ער האָט זיך דערמיט ניט צופריעדענגעשטעלט; ער האָט אויך געשריבען פיוטים, אָבער דאָס איז פאר איהם געווען פון קליינער וויכטיגקייט. ער איז געוועזען א בעדייטענדער פילאָזאָף און וויסענשאפטס־מאן, ער איז בעקאנט געוועזען מיט דער פילאָזאָפיע פון א ר י ס ט אָ ט ע ל, וועמען ער ציטירט; ער ציטירט אויך ע ק ל י ד ' ס געאָמעטריע; ער האָט געוואוסט דיא פילאָזאָפישע סיסטעמען פון ס ע ד י ה ג א ו ן און ד ו ד ה ב ב ל י אָדער א ל מ אָ ק א מ ע ץ, וועלכע זיינען געוועזען זיינע אינדירעקטע רביים; ער איז בעקאַנט געוועזען מיט די שפּראך פארשונגען פון זיין צייט־גענאָסע א ב ן ־ ג א נ א ח. אָבער דאָס אלץ איז ביי איהם נאָר געוועזען א מיטעל צום ציעל. און זיין ציעל איז געוועזען צו רייניגען דיא הערצער פון זיינע גלויבענס־גענאָסען, זיי צו לערנען דיא פליכטען פון דער נשמה און ניט בלויז דיא פליכטען פון דעם גוף.

פון בחיי׳ם פּריוואט לעבען ווייסען מיר כמעט גאָר ניט. מיר ווייסען בלויז, אז אויף זיין עלטער, אין יאָהר 1040, האָט ער אָנגעשריעבען זיין בעריהמטע ווערק „חובות הלבבות״, דיא פליכטען פון דיא הערצער. דער חובות הלבבות איז איי־נער פון דיא פּאָפּולערסטע און מעהר בעקאַנטעסטע ספרים ביין אידישען פאָלק ביז היינטיגען טאָג. דאָס איז א ספר וואָס איז געלייענט געוואָרען פון אלע קלאַסען, פון לומדים און פון פּראָסטען עולם, אפילו פון אונזערע באבעס און מאַמעס. ער איז איינער פון דיא וועניגע ערנסטע ספרים, וואָס זיינען אי־בערזעצט געוואָרען אויך אין „עברי־טייטש״.

די גרויסע בעדייטונג פון דעם „חובות הלבבות״ בעשטעהט אין דעם, וואָס ער איז דער ערשטער אידישער ספר, וואו עס איז געמאכט געוואָרען א פּראָבע צו געבען און צו בעגרינדען א אידישע עטהיק, א גאַנצע שיטה פון דער אידישער מאָראַל. די נייעסטע קריטיק האָט, אמת, אויסגעפונען, אז בחיי איז אין זיין ארבייט שטארק בעאיינפלוסט געוואָרען פון א מאהאמע־דאנישען שרייבער, וועלכער האָט וואהרשיינליך בעלאנגט צו דיא „סופים״ (א מיסטישע מאהאמעדאנישע סעקטע, וואָס האָט עקזיסטירט אין אכטען, נייגטען און צעהנטען יאָהר־הונדערט), און וועלכער האָט מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר פאר איהם אָנגעשריעבען אן עהנליכען בוך. דאָס אָבער פער־מינדערט בשום אופן ניט דיא ווערטה און דיא בעדייטונג פון דעם „חובות הלבבות״. בחיי האָט פערשטאַנען וויא צו מאכען דערפון אן עכטען, ריין אידישען בוך.

גרעמטץ פערגלייכט בחיי׳ן צו דיא קריסטליכע לעהרער פון ערשטען יאָהרהונדערט, וואָס האָבען געזוכט אין יודענטהום די ריין־רעליגיעזע און מאָראַלע כונות, בעטראכ־טענדיג דיא צערעמאָניאלע געזעטצע פאר וועניגער וויכטיג. דער פערגלייך איז אָבער ניט אין גאַנצען קיין ריכטיגער. יענע האָבען זיך געיאָגט נאָך דער נשמה פון דער תורה און אין גאַנ־צען פערנאַכלעסיגט דעם גוף, ביז וואנען זיי זיינען סוף כל סוף געבליעבען אָהן א נשמה און אָהן א גוף. בחיי צווייי־פעלט אָבער ניט פאר איין מאָמענט אין דער גרויסער וויכטיג־

קייט אַבצוהיטען דיא אַלע מצוות, וואָס געפינען זיך אין דער תורה, סאַי דיא דאָזיגע וואָס דער שכל צווינגט אונז דערצו און סאַי דיא דאָזיגע, וואָס מיר פערשטעהען ניט על פּי שכל. זיי, די מצוות, זיינען ביי איהם די „חובות האברים", דיא פּליכטען פון גוף. זיי אליין אָבער, אָהן זייער אינערליכע כונה און זייער אינערליכען זינן, זיינען וויא א גוף אָהן א נשמה. זיי זיינען וויכטיג, אָבער פיעל וויכטיגער און העכער פאר זיי איז זייער מיין, זייער ציעל, זייער תכלית, זייער כונה. דאָס זיינען די „חובות־הלבבות", די פּליכטען פון דער נשמה. „דיא פּליכטען פון דעם גוף זיינען זעקס הונדערט און דריי־צעהן; דיא פּליכטען פון דער נשמה זיינען פיעל מעהר".

ב ח י י געפינט, אז זיינע צייט־גענאָסען גיבען זיך אָפּ מעהר מיט דיא פליכטען פון דעם גוף וויא מיט דיא פליכטען פון דער נשמה, און ער איז מיט זיי ניט צופריעדען. ער ביי־זערט זיך אויף דיא יעניגע, וואָס גיבען זיך אָפּ מיט אזעלכע ענינים, וואָס פערשאַפט זיי כבוד אין דיא אויגען פון דיא פּראַסטאַקעס. ער איז אויך ניט צופריעדען מיט דיא יעניגע, וואָס גיבען זיך אָפּ בלויז מיט לערנען דעם תלמוד און זיך מפלפל זיין וועגען אלערליי אונמעגליכע פראגען, פערנאַכלע־סענדיג דיא אמת'ע כונה פון דער תורה. וועגען דיא לעצטע ברייננגט ער א גמרא וואָס זאָגט: „דער וואָס לערנט בלויז דיא תורה" (און טהוט ניט וואָס זיא לערנט) „איז געגליכען צו איינעם וואָס האָט קיין גאָט ניט". דער עיקר איז א בעהעפ־טונג און ליעבע צו גאָט, ליעבע און בעוואונדערונג פון זיינע מעשים, פון דער שעפּפונג; א ריינע הארץ, א ריינער געווי־סען, א ריינע נשמה, וואָס דאָס איז דיא אמת'ע, איננערליכע כונה פון דער תורה, „די פליכטען פון דער נשמה".

און אזוי וויא ביז איהם, ערקלעהרט ער, האָט נאָך קיינער ניט אָנגעשריעבען אזא מין ספר, וואָס זאָל זוכען צו בעווייזען דיא וויכטיגקייט פון דיא פליכטען פון דער נשמה, האָט ער זיך גענומען צו דער דאָזיגער ארבייט. און ער שרייבט בכיון, זאָגט ער, „אין דער שפּראַך וואָס אלע ריידען (אין אראביש) און אין

א לייכטען, פערשטענדליכען לשון, אָהן די שווערע און פרעמדע ווערטער", כדי אַלע זאָלען פערשטעהען.

זיין ספר טהיילט בחיי איין אין צעהן קאַפּיטלען אָדער „שערים". דער ערשטער שער בעשעפטיגט זיך מיט דער איינהייט פון גאָט, און ער הייסט דערפאַר „שער־היחוד". בחיי בעהויפּטעט, אז דער וויכטיגסטער יסוד אין דער תורה איז די איינהייט פון גאָט. עס איז אָבער ניט גענוג, וואָס דיא תורה הייסט אונז גלויבען אין אן איינציגען גאָט. דער וואָס האָט דיא פעהיגקייט אין דעם וויסען איז מחויב אין דעם צו פאָרשען און עס צו בעגרינדען מיט'ן שכל און דורך דער פילאָזאָפיע.

דיא עקזיסטענץ פון גאָט בעגרינדעט בחיי אויף דיא פאָלגענדע ארגומענטען :

1) קיין זאַך קען זיך אליין ניט מאַכען. יעדער זאַך, וואָס מיר זעהן מוז זיין געמאַכט אָדער פון אן אנדערען ענטוועדער פון זיך אליין. אויב דיא זאַך האָט זיך אליין געמאַכט האָט זיא דאָך עס געמוזט טהאָן אָדער איידער זיא איז געוועזן ענטוועדער שפעטער וויא זיא איז געוועזן. ביידע זאַכען זיינען דאָך אָבער אונמעגליך. שפעטער האָט זיא זיך דאָך ניט געדאַרפט מאַכען, ווייל זיא איז שוין געוועזן. איידער זיא איז געוועזן, ווידער, איז זיא דאָך געוועזן גאָר נישט, און גאָר נישט קען ניט מאַכען עטוואָס.

2) דיא אורזאַכען פון זאַכען מוזען זיין בעגרעניצט אין צאָהל, זיי קענען ניט זיין אונענדליך. דער מענשליכער שכל מוז קומען סוף כל סוף צו דיא לעצטע אורזאַכע, וועלכע איז זעלבסט־עקזיסטירענד און דאַרף ניט קיין אורזאַכע צו איהר עקזיסטענץ.

3) זאַכען, וואָס זיינען אין זייער נאַטור צוזאַמענגעשטעלט מוזען זיין געמאַכט. יעדע צוזאַמענגעשטעלטע זאַך האָט דאָך געמוזט געמאַכט ווערען פון זאַכען, וואָס האָבען שוין עקזיסטירט פריהער. פאָלגליך, א צוזאַמענגעשטעלטע זאַך קען ניט זיין דיא ערשטע, ווייל דיא זאַכען פון וועלכע זיא בעשטעהט האָבען עקזיסטירט פריהער.

נון, אלזאָ, קומט ב ח י י צום פאָלגענדען שלוס: דיא וועלט וויא מיר זעהען איהר איז א צוזאַמענגעשטעלטע. הי־מעל און ערד, דיא זונן, דיא לבנה און דיא שטערען, דער מענש, דיא חיות, דיא געוויקסען און דיא מינעראַלען. זיי אַלע בע־שטעהען פון דיא פיער עלעמענטען. וויבאלד זיא איז א צוזאַ־מענגעשטעלטע מוז זיא זיין א געמאַכטע, מוז זיא זיין בעשאַ־פען. דער שעפער מוז נויטהווענדיגערווייזע זיין אזעלכער וואָס אי ניט בעשאַפען געוואָרען, דיא ערשטע סבה, וואָס איז אָהן אן אַנפאַנג און אָהן אן ענדע. ווארום קוים וועט ער האָבען אן אַנפאַנג מוז ער דאָך אויך האָבען א שעפער, דאן וועט הייסען, אז דיא ערשטע סבה איז ניט דיא ערשטע סבה.

בלייבט אָבער נאָך אַלץ דיא טענה, טאָמער איז דאָס אַלץ בלויז א צופאַל, טאָמער איז דיא גאַנצע וועלט געוואָרען פון זיך אַליין אָהן אירגענד וועלכען שעפפער. דאָס מיינט ב ח י י קען ניט געמאָלט זיין, ווייל מיר זעהען אין דער וועלט אַ פלאַן און א האַרמאָניע. „ווען אימיצער וועט פערגיסען טינט אויפ'ן פאַפּיער וועלען דערפון ניט ארויסקומען בוכשטאַבען און שורות. ווען אימיצער וועט עטוואַס אזעלכעס דער־צעהלען, וועט איהם קיינער ניט גלויבען. וויא קען מען גלוי־בען, אז דיא שעפפונג, וואו מען זעהט אן עדעלערע ארבייט, א טיעפערע חכמה, זאָל זיין בלויז א צופאַל“.

דיא וועלט האָט אַלזאָ ניט געקענט שאַפען זיך אַליין צו־ליעב דעם, וואָס קיין זאַך קען זיך אַליין ניט שאַפען; זיא קען אויך ניט זיין אן עביג־עקזיסטירענדע, ווייל זיא איז א צוזאַ־מענגעשטעלטע פון יסודות, וועלכע האָבען געמוזט עקזיסטי־רען יעדער פאַר זיך נאָך איידער דיא וועלט האָט עקזיסטירט וויא זיא איז איצטער. זיא קען אויך ניט זיין דער רעזולטאַט פון א צופאַל, ווייל מען זעהט אין איהר א פלאַן און א סדר. דערפון איז אַלזאָ געדרונגען, אז עס איז דאָ א שעפפער.

דער שעפפער מוז אָבער זיין איינער. לאָמיר אַננעהמען אז עס זיינען פעראַנען מעהר ווי איין שעפפער, דאן מוזען זיי זיין אָדער אין גאַנצען גלייך איינע צו דיא אנדערע ענטווע־

דער זיך אונטערשיידען איינע פון דיא אנדערע אין געוויסע פּרטים. אויב זיי זיינען גלייך איינע צו דיא אנדערע אין אלע הינזיכטען, קענען זיי דאָך איינע פון דיא אנדערע ניט ווערען אונטערשיעדען, זיינען זיי דאָך איינס. אויב דאַגעגען זיי שיידען זיך יע אונטער איינע פון דיא אנדערע, הייסט דאָך עס, אז יעדער איינער פון זיי בעזיצט געוויסע אייגענשאַפטען, וואָס דער אנדערער האָט ניט. דאָס מיינט דאָך, אין אנדערע ווערטער, אז זיי זיינען ניט פאָלקאָם און דאַרום בעגרעניצט. אָבער קוים זיינען זיי אין זייער וועזען בעגרעניצט, מוזען זיי דאָך האָבען אַן אָנפאַנג און אַן ענדע. און האָבען זיי אַן אָנפאַנג און אַן ענדע מוזען זיי דאָך זיין בעשאַפענע, ווייל קיין זאַך קען זיך דאָך אליין ניט בעשאַפען. ווי־באלד אָבער זיי זיינען בעשאַפענע, קענען זיי דאָך ניט זיין די ערשטע אונבעשאַפענע סבה, וועט עס דאָך הייסען, אז זיי גופא האָבען איין איינציגע, ערשטע סבה, וואָס האָט זיי בעשאַפען און וועלכע איז ערשט גאָט. קורץ, דער מענשליכער שכל מוז סוף כל סוף פיהרען צו אַן אונבעגרענעצטע, אונבעשאַפענע, אָהן אַן אָנפאַנג און אָהן אַן ענדע ערשטע איינציגע סבה.

בעטראַכטען מיר ווידער דיא וועלט, איהר פּלאַן און דיא הארמאָניע וואָס עקזיסטירט אין איהר, וויא איין זאַך שליסט זיך אין דיא אנדערע, דעם וואונדערבארען סדר אין דיא קלענסטע וויא אין די גרעסטע בעשעפעניסען, מוזען מיר זאָגען, אז דאָס שטאַמט אָב פון דיא הענד פון איין מייסטער. זעהענדיג דיא איינהייט פון דעם פּלאַן אין דער שעפּפונג, איז ניטאָ קיין שכל'דיגע אורזאַכע אַנצונעהמען, אז עס איז פאראַנען מעהר וויא איין שעפּפער.

גאָט איז אַלזאָ איינער. בלייבט בלויז צו ערקלעהרען, וואָס פאַר אַ מין איינהייט ער איז. אַן אַרמעע איז אַן איינהייט, אָבער זיא בעשטעהט פון פיעלע איינצעלנע. אַ מענש איז איינער, אָבער נאָר איינער פון אַ מין, עס זיינען פאראַנען פיעלע איינצעלנע מענשען. אַ מענש איז איינער, אָבער ער בעשטעהט פון מעהרערע חלקים. גאָט איז אַן אבסאָלוטע איינהייט, וואָס

האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין זיין מין, וואָס קען ניט געטהיילט ווערען אין חלקים, וואָס האָט ניט קיין אָנפאנג און קיין ענדע. ער איז דיא איינהייט, וואָס איז דיא אורזאכע פון אלץ, אן איינהייט אָהן בעגרענצונגען, אן איינהייט וואָס קענען מיר זיך בלויז פּאָרשטעלען אין שכל.

זייענדיג אן אבסאלוטע איינהייט און דיא ערשטע סבה פון אלץ, מוז ער זיין אונקערפּערליך. אַ קערפּער איז אין זיין נאַטור בעגרענעצט, מיט אן אָנפאנג און אן ענדע, און קען דאָרום ניט זיין דיא ערשטע סבה. ער גופא מוז האָבע א סבה צו זיין עקזיסטענץ. אַ קערפּער בעשטעהט פון טהיילען; און שוין דערפאַר אליין קען ער ניט זיין קיין אבסאלוטע איינהייט. מען טאָר אלזאָ בשום אופן ניט טראכטען פון גאָט אלס פון א קערפּערליכען וועזען. די פּיעלע שטעלען אין דער ביבעל, וואָס ריידען פון א קערפּערליכען גאָט זיינען געשריעבען געוואָרען אזוי, כדי דער מענשליכער שכל זאָל עס קענען בעגרייפען; זיי זיינען געשריעבען בלויז בדרך משל.

וואָס איז דען גאָט ? וואָס איז זיין וועזען ? דאָס זאָגט ב ח י י קענען מיר מיט אונזער שכל ניט פערשטעהן. דאָס איז גיכער א זאך פון הארצען און פון דער נשמה, וויא פון שכל. דער מענש קען עס פיהלען, פערלאנגען, שטרעבען צו איהם, אָבער ניט פערשטעהן, ניט דערגרינדען, ניט אויספאָרשען. ניט אונזערע חושים, ניט אונזער שכל זיינען גענוגענד צו בעגרייפען דעם וועזען פון גאָט. מיר קענען איהם ניט בעגרייפען וויא ער איז, מיר קענען זיך אָבער איהם פאָרשטעלען פון זיינע מעשים, פון זיינע ערשיינונגען, פון דיא טהוכטסען אין דער נאַטור. „וועגען גאָט", זאָגט ב ח י י „איז איבערהויפּט ניט פּאסיג דיא פראגען : וואָס איז ער ? וויא איז ער ? וואו איז ער ? ווייל דיא דאָזיגע פראגען גופא זיינען בלויז מענשליך, ווערטער און פראגען וואָס פּאסען זיך פאר א בעשאַפענעם אָבער ניט פאר דעם שעפּפער".

מיר קענען ניט זאָגען וואָס גאָט איז, ווייל דערמיט גופא וואָלטען מיר איהם בעגרעניצט. ווען מיר זאָגען אויף אַ געוויסע זאך וואָס דאָס איז, מיינט עס דאָך, אז דאָס איז דאָס און

ניט עטוואס אנדערעס. דאס וואלט דאך הייסען, אז עס עקזיס־טירט עטוואס, וואס אין איהם איז ניטא, א זאך וואס איז אבער ניט שייך ביי גאט. מיר קענען וועגען גאט בלויז זאגען וואס ער איז ניט: ער איז ניט קיין ניט־עקזיס־טירענדער, ער איז ניט מעהר ווי אן איינהייט און ער איז ניט קיין בעשאפענער (נמצא, אחד, קדמון).

דער מענשליכער שכל איז לויט זיין טבע בעגרעניצט און ער קען דארום ניט בעגרייפען דעם וועזען פון גאט. דער מענש קען אפילו זיין אייגענע נשמה ניט פערשטעהן. פונקט וויא די מענשליכע חושים זיינען בעגרעניצט: מיט'ן אויג קען מען בלויז זעהן און מיט דעם אויער קען מען בלויז הערען, און אויך ניט אלץ קען דיא אויג זעהן אדער דער אויער הערען, אזוי איז אויך דער מענשליכער שכל בעגרעניצט בנוגע צו דער גאטהייט. מיר קענען אבער דערשפירען און דער־פיהלען גאט, ווען מיר טראכטען זיך אריין אין זיינע מעשים. דאס איז דעריבער דיא וויכטיגסטע ארבייט פון דעם מענשען. דער צווייטער קאפיטעל פון „חובות הלבבות" הייסט דארום „שער הבחינה", דער טויער פון בעטראכטונגען.

אין דעם „שער הבחינה" בעווייזט ארויס בחיי א גע־וואלדיגע און אן אלזייטיגע קענטניס אין די וויסענשאפטען, ווי זיי זיינען דאמאלסט געווען בעוואוסט. אין מאנכע שטעלען ווארפען זיך דורך געדאנקען, וואס זיינען אין איינקלאנג מיט אונזערע היינטיגע אנזיכטען. אזוי צום ביישפיעל רעדט ער פון „בעוועגונג" (תנועה) אלס דעם יסוד פון אלץ וואס עס עקזיס־טירט, פון אלץ וואס ווערט און וואס הערט אויף צו זיין. אהן דעם כוח פון בעוועגונג מיינט ער וואלט קיין זאך ניט געקענט ווערען און קיין זאך ניט געקענט אויפהערען צו זיין. ער דערמאנט אויך א „כוח המושך" (א צוציהונגס קראפט), כאטש ער פערשטעהט עס אנדערש ווי ניוטאן.

ער גיט דארטען אויך אן אויספיהרליכע פיזיאלאגישע און אנאטאמישע בעשרייבונג פון דעם מענשליכען קערפער. זיין בעשרייבונג פון דעם פערדייאונגס־פראצעס, די ארבייט פון די צעהנער, דעם ושט, דעם מאגען, דעם לעבער, דיא דריזען און

דיא עקסקרעציאָנס־אָרגאַנען בעוויזט, אז ער האָט געהאַט א גרויסע ידיעה אין דיא מעדיצינישע וויסענשאַפטען פון יענער צייט. זיין בעשרייבונג וויא אזוי דיא פערדייטע שפייזען ווערען דורך קליינע אדערלעך (גידים דקים) געשיקט צום לעבער, איז זעהר אינטערעסאַנט. דאַן געהט ער איבער צו אַן אַנאַליז פון דיא גייסטיגע כוחות אין מענשען און זוכט צו בעווייזען, ווי אזוי זיי זיינען אלע נויטהיג, אום צו בילדען איין גאַנצעס, איין הארמאָנישעס. קורץ, אין דער גאַנצער גרויסער וועלט, אין דער גאַנצער נאַטור, פּונקט אזוי ווי אין דעם קערפּער און אין דער נשמה פון דעם איינצעלנעם מענשען זעהט ער א צוועקמעסיגקייט און א פּלאַנמעססיגקייט, גאָט'ס גנאַדען און רחמנות. דיא דאָזיגע בעטראַכטונגען, מיינט ב ח י י, מוזען פיהרען דעם מענשען דערצו, אז ער זאָל זיך אָבגעבען מיט דיענען גאָט. דער דריטער קאַפּיטעל הייסט דארום: „שער עבודת אלוהים", דער טויער פון גאָט'ס דיענסט.

דער מענש דאַרף דיענען גאָט. ווייל גאָט טהוט איהם גוטס. און גאָט'ס גוט טהאָן קען ניט פערגליכען ווערען מיט די גוטס, וואָס איין מענש טהוט דעם אַנדערען. ווען א מענש טהוט גוטעס דעם אַנדערען, טהוט ער עס פון זיין אייגענע טובה וועגען. אפילו ווען דער רייכער העלפט אויס דעם אָרע־מאַן איז עס אויך דערפאַר, וואָס ער גופא ליידעט פון יענעם'ס צרות. ביי גאָט איז דאָס אלץ ניט שייך. ער האָט דערפון גאָר ניט. ער טהוט גוטס, ווייל ער איז בטבע גוט. דער מענש דאַרף דעריבער דיענען גאָט ניט ווייל ער ערווארט א בעצאָהלונג דערפאַר, ער דאַרף ניט זיין וויא א שקלאַף וואָס ארבייט פאַר א לוין, נאָר ער דאַרף עס טהאָן אוים ליעבע און איבערגעבענ־הייט. דער מענש דאַרף, פּונקט ווי גאָט, אויך טהאָן גוטס צוליעב די גוטס גופא און ניט צו־ליעב אַנדערע, אויסערליכע צוועקען. די מצוות און דיא געזעטצע זיינען טאַקע זעהר וויכטיג, אָבער נאָר דער־פאַר, ווייל זיי האָבען א ערציהערישע ווירקונג, ווייל זיי דיס־ציפּלינירען דעם מענשען און צייגען איהם אן די ריכטיגע וועג, כדי ער זאָל ניט ווערען פערפיהרט אָן א זייט און זיך אריינלאָ־

זען אין איין עקסטרעם אָדער אין דעם אַנדערען. אזוי וויא עס איז ניט גוט זיך אין גאַנצען אריינצולאָזען אין אלערליי וועלט־ליכע תענוגים און וואוילטאגען, פּונקט אזוי איז ניט גוט ווען איינער זונדערט זיך אין גאַנצען אָב פון דער וועלט און פון איהרע הנאות; אַלץ דאַרף זיין מיט א מאָס. אליין אָבער זייּ־נען זיי, דיא מצוות, ניט דער עיקר. זייער אינגערליכע כונה, דיא ערהויבונג פון דעם גייסט, דיא רייניגונג פון דער נשמה, די „פליכטען פון דיא הערצער“, דאָס איז דער ציעל און דאָס איז דער תכלית.

און כאָטש ב ח י י פריידיגט מעססיגקייט, איז עס ביי איהם בלויז א פּשרה. עס קומט ביי איהם פאָר א שטענדיגער ראַנגלען זיך צווישען די ראציאָנאַליסטיש־פּראקטישע אידישע תורה און דעם מיסטישען שטרעבען פון זיין אייגענער נשמה. ער אליין האלט זעהר פיעל פון אבגעזונדערהייט, פון חשבון־הנפש, פון אריינטראַכטען זיך אין זיך, פון בעהעפטען זיך מיט גאָט. דאָס ברייגנט ער ארויס אין דעם ניינטען קאַפּיטעל, וועל־כער הייסט „שער הפרישות“, דער טויער פון אָבגעזונדערקייט. ער גלויבט אָבער, אז דערצו זיינען פעהיג בלויז דיא יחידי סגולה, די איינציגע אויסערוועלטע, די אמת'ע חסידים.

וויא עס איז שוין געזאָגט געוואָרען, טהיילט ב ח י י איין זיין ווערק אין צעהן קאַפּיטלען אָדער שערים. איין „שער“ פיהרט אריין און איז צונויפגעבונדען מיט'ן נעקסטען. דער לעצטער הייסט „שער אהבת ה'“. דער טויער פון גאָט'ס ליעבע. דאָס איז דיא לעצטע און דיא העכסטע מדרגה צו וועל־כע א מענש קען דערגרייכען, און דאָס צו עררייכען דאַרף ער שטרעבען. דאָס איז אזא גייסטעס־צושטאַנד, אַן עקסטאטי־שער צושטאַנד, ווען דער מענש קען זיך פעראייניגען מיט זיין בורא און פאַר איהם ווערט דאַן אַלץ קלאָהר און פערשטענד־ליך, ער ווערט א טהייל פון זיין ליכט. דאָס איז א בעהעפטונג פון דער מענשליכער נשמה צו איהר קוואַל. דאָס איז א צו־שטאַנד פון פאָלשטענדיגער ענטזאגונג, ווען דיא פערלאַנגען און געלוסטען פון דעם גוף, דיא ליידען און דער צער פון „חומר“ האָבען שוין לגמרי קיין בעדייטונג ניט פאַר דעם

מענשען. דער גאנצער וועזען פון מענשען ווערט גערייניגט און געלויטערט פון דיא אַלע גראָבע, ערדישע פערלאנגען. דער מענש, זיין נשמה, ווערט אזוי וויא בעפרייט פון דעם גוף און ער ווערט א טהייל פון דער אונענדליכקייט. דאָס איז דער זעל־בער גייסטיגער צושטאַנד, וואָס די אַלטע אינדישע מיסטיקער האָבען בעצייכענט מיט דעם וואָרט „יאָגאַ" און וואָס מען קען אָנרופען אויף אידיש דביקות. אין דעם איז בחיי שטאַרק בעאיינפלוסט געוואָרען פון די „ס ו פ י ס", וועלכע זיינען שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען. דיא פּראַקטישקייט פון דער אידישער עטהיק האָט איהם אָבער ניט דערלאָזען צו פערקריכען צו וויט אין יענער ריכטונג.

* * *

ב ח י י בעריהרט אויך די פראגע וועגען פרייען ווילען. האָט דער מענש א פרייען ווילען אָדער ניט? ווי קען דער געדאנק פון א מענשליכען פרייען ווילען שטימען מיט דעם געדאנק, אז גאָט ווייס אַלץ פון פריהער? ב ח י י ענטזאגט זיך צו געבען אן ענטפער אויף דעם. אין מאַנכע זאכען זאָגט ער, ווייזט אויס, אז דער מענש איז פריי; אין אנדערע ווידער ווייזט אויס, אז ער איז ניט פריי. אונזער שכל, מיינט ב ח י י, איז צו שוואך און צו קליין, אז ער זאָל קענען געבען א גרינד־ליכען ענטפער אויף דער דאָזיגער פראגע. אויב אָבער מען זאָל אפילו אָננעהמען, אז אַלע פּאַסירונגען זיינען פון פאָראויס בעשטימט פון גאָט און דער מענש קען זיי ניט ענדערען, איז דאָך אונמעגליך, אז דער גוטער און גערעכטער גאָט זאָל בע־שטראַפען א מענשען פאַר א זאך וואָס ער קען זיך ניט העלפען. אין אנדערע ווערטער, טהעאָרעטיש און פילאָזאָפיש קען ניט בעוויזען ווערען, אז א מענש האָט א פרייען ווילען, אָבער פון א ריין עטהישען שטאַנדפונקט מוז מען אָננעהמען, אז דער מענש האָט יע א פרייען ווילען. אין דעם איז דאָ א מערקוויר־דיגע עהנליכקייט צווישען ב ח י י'ס און ק א נ ט'ס לעהרען.

בחיי האָט אויך געשריעבען פּאָעזיע. זיי צייכנען זיך אויס מיט א טיעפען רעליגיעזען געפיהל און מיט אן אונענדליכע בייגקענים פון דער נשמה צו איהר קוואל. פון דיא בעסט בע־קאַנטע איז א קורצע ליעד אין צעהן שורות, אין וועלכע ער גיט איבער דעם אינהאלט פון זיין הויפּט ווערק, דעם „חובות הלבבות, און זיין בעריהמטע ליעד „ברכי נפשי“. דיא לעצטע איז אן אויפרוף, א „התעוררת“, צו דער נשמה, אז זי זאָל זיך ארומקוקען ארום זיך, איינזעהן דיא נישטיגקייטען פון לעבען, און שטרעבען צו איהר בורא. זי איז פול מיט דעם וועלט־וועה; „דאָס לעבען און דער טוידט“, זאָגט ער דאָרטען אין איין פּלאַץ, „געהען צוזאמען האנד אין האנד, און ווערען קיינמאָל ניט פערנאַנדערגעטהיילט. זיי האלטען אין זייערע הענד א צובראָ־כענעם בריק, אויף וועלכען אלע בעשעפּעניסען געהען דורך. דאָס לעבען שטעהט ביי זיין אריינגאנג; דער טוידט ביי זיין ארויסגאנג. דאָס לעבען בויט, דער טוידט צושטערט; דאָס לע־בען זעעט, דער טוידט שניידט; דאָס לעבען פלאנצט, דער טוידט רייסט אויס; דאָס לעבען בעהעפט, דער טוידט צו־שניידט; דאָס לעבען זאמעלט, דער טוידט צושפּרייט. און זיי ווייסען, נשמה מיינע, אז אויך דו דארפסט אריבערגעהן דעם דאָזיגען בריק“.

זיין שפּראך אין דיא ליעדער איז לייכט און פליססיג. עס איז א שאָד, וואָס דער חובות הלבבות איז ניט געשריעבען גע־וואָרען פון איהם אליין אין העברעאיש. אין מאנכע פלעטצער איז דיא שפּראך פון דעם איבערזעטצער ניט קלאָהר און הארט.

VII.

ר׳ שלמה אבן־גבירול. — דער פּאָעט פון טרויער. — זיינע פּערזענליכע ליידען און זייער איינפלוס אויף זיין פּאָעזיע. — די לעגענדע וועגען זיין טויט. — זיינע ליעדער: פּערזענליכע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעז־פילאָזאָפישע. — דער לאַטיינישער „פאָנס וויטא“ און דער העברעאישער „מקור חיים“. — אבן־גבירול׳ס שטה אין דער פילאָזאָפיע. — וואָס ער האָט מחדש געווען אין דעם ניי־פּלאַטאָניזם. — זיין לעהרע פון „ווילען“ אלס די שאַפענדע קראַפט. — איהר ווירקונג אויף דער „קבלה“. — וואָרום זיין פילאָזאָפיע איז ווייניג בעקאַנט ביי אידען.

ר׳ שלמה אבן־גבירול (גאַבירואָל) איז אָהן שום ספק איינער פון דיא גרעסטע און פעהיגסטע קינדער, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פון זיך ארויסגעגעבען. ער איז גרויס סאַי אלס דיכטער און כאַי אלס פילאָזאָף, און ער פערנעהמט אויף דיא ביידע געביטען אזא חשוב׳ען פּלאַטץ, וואָס זעהר ווייניגע סאַי פאַר איהם און סאַי נאָך איהם האָבען פערנומען. עס זיינען אפשר געווען ביי אידען גרעסערע פילאָזאָפען און טיעפערע דיינקער ווי ער, ווי למשל דער רמב״ם אָדער שפינאזא, אָבער יענע זיינען ניט געווען קיין פּאָעטען; עס זיינען אפשר געווען ביי אידען גרעסערע פּאָעטען וויא ער, אָבער יענע זיינען ניט געווען אזעלכע טיעפע דיינקער. און וואָס נאָך מעהר, ביי איהם געהען דיא ביידע מעלות צוזאמען און זיי ווערען איינס: ער דיכטעט וויא א פילאָזאָף און פי־לאָזאָפירט וויא א פּאָעט.

וועגען זיין פּאָעזיע שרייבט יהודה אלחריזי, א שפּעטערדיגער פּאָעט און קריטיקער: „אין פערגלייך צו

ש ל מ ה ׳ ס ליעדער זיינען אלע פריהערדיגע פּאָעטען און זייערע ליעדער געווען גאָר נישט און גאָר נישט. לגבי איהם זיינען דיא גרעסטע קליין. ער איז דער איינציגער, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון דיכטער־קונסט. אלע וואָס זיינען געקומען נאָך איהם, האָבען געלערענט פון איהם".

וועגען זיין פילאָזאָפיע איז די מיינונג פון מאנכע מאָדערנע פארשער, „אז ער איז דער טיעפסטער און אָריגינעלסטער דיינקער צווישען דיא אידען און די אראבער" (שמיינשניידער). גרעטץ רופט איהם אן „דער אידישער פלאטא".

שלמה אבן־גבירול׳ס ליעדער, וועלכע זיינען געווען זעהר פיעל אין צאָהל, זיינען נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט צונויפגעקליעבען געוואָרען אין איין זאמלונג. פיעלע פון זיי זיינען אין גאנצען פערלאָרען געגאנגען, א גרויסער טהייל איז צו־שפּרייט און צו־וואָרפען אין דיא פערשיעדענע „סדורים" און „מחזורים" און נאָך א היבשער טהייל געפינט זיך אין אלטע מאנוסקריפּטען אין פערשיעדענע ביבליאָטהעקען. ערשט אין לעצטען יאָהרהונדערט האָבען זיך געפונען אייניגע געלעהרטע וויא ז א ק ס און ד ו ק ע ס, וואָס האָבען ארויסגעגעבען ניט קיין פאָלשטענדיגע זאמלונגען פון זיינע ליעדער.

נאָך ערגער איז געווען דער מזל פון זיינע פילאָזאָפישע ספרים. זיין הויפּט־ווערק איבער פילאָזאָפיע האָט ער געשריבען אין אראביש. דער אָריגינאל פון דער דאָזיגער ווערק איז פערלאָרען געגאנגען. צום גליק אָבער איז געבליעבען א לאַטיינישע איבערזעטצונג, וואָס איז געמאכט געוואָרען אין צוועלפטען יאָהרהונדערט אונטער דעם נאָמען „פאָנס־וויטא", דער קוואל פון לעבען. דער נאָמען פון דעם פערפאסער איז פערגרייזט געוואָרען פון דיא פערשיעדענע איבערשרייבער. פון א ב ע נ ג ע ב י ר א ל איז געוואָרען א וו ע נ ג ע ב ר א ל, דאַן א וו ע נ ס ע ב ר א ל, א וו י ס ע ר א ל און א וו י ס ע ב ר א ן. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער ער איז. די קריסטען האָבען מיט איהם געשטאָלצירט אלס זייערען א פילאָזאָף; די אראבער ווידער האָבען איהם בעטראכט אלס אן אראבישען פילאָזאָף. קיינעם איז ניט

איינגעפאלען, אז דער דאָזיגער א ו ו י ס ע ב ר א ל אָדער א ו ו י ס ע ב ר א ן, וועמעס גרויסע בעדייטונג איז פון אלעמען אנערקענט געוואָרען, איז דער אידישער א ב ן־ג ב י ר ו ל.

אין יאָהר 1846 האָט דער אידישער געלעהרטער ש ל מ ה מ ו נ ק געפונען א קאָפּיע פון דעם „פאנס וויטא" אין לאטייניש. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך געפונען פראגמענטען פון א העברייאישער איבערזעצונג, וואָס איז געמאכט געוואָרען אין דרייצעהנטען יאָהר־הונדערט פון ר' ש ם־ט ו ב פ א ל ק י י ר א, אונטער דעם נאָמען „לקוטים מספר מקור חיים". אויסציגע פון דעם ספר „קוואל פון לעבען". וויא עס איז צו זעהן פון דעם נאָמען, איז דיא העברייאישע איבערזעצונג ניט קיין פאָלשטענדיגע. פ א ל ק י י ר א האָט זיך בענוגענט דערמיט וואָס ער האָט איבערגעגעבען דיא הויפּט־געדאנקען פון אבן־גבירול'ס שטה אין דער פילאָזאָפיע. נאָך א גענויע פאָרשונג און קריטישע אונטערזוכונג, פערגלייכענדיג דיא לאטיינישע מיט דער העברייאישער איבערזעצונג, איז מ ו נ ק געקומען צום שלוס, אז דער א ו ו י ס ע ב ר א פון דעם „פאנס וויטא" איז קיין אנדערער וויא א ב ן־ג ב י ר ו ל פון דעם „מקור חיים". דיא רעזולטאטען פון זיין ארבייט האָט ער אָבגעדרוקט אין א פראנצויזישען בוך, וואו עס געפינט זיך א חוץ די איבערזעצונג פון דעם לאטיינישען „פאנס וויטא" אויך דער העברייאישער „לקוטים מספר מקור חיים".

* * *

וועגען אבן־גבירול'ס לעבען האָבען מיר גאנץ ווענינ ידיעות. זיין פאָטער, ר' י ה ו ד ה, האָט געלעבט אין ק א ר ד אָ ו ו א. צוליעב די אונרוהען וואָס זיינען דאָרטען פאָרגעקומען, וועגען וועלכע עס איז שוין גערעדט געוואָרען אין א פריהערדיגען קאפּיטעל, איז ער מיט פיעלע אנדערע אידען געצוואונגען געוואָרען פון דאָרטען צו אנטלויפען. ער האָט זיך בעזעצט אין מ א ל א ג א, וואו אבן־גבירול איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1021.

ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג, האָט אבן גבירול פערלאָרען זיינע עלטערען. ער איז געבליעבען אליין און איינזאַם אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט, אָהן עלטערען, אָהן ברידער און שוועסטער, אָהן קרובים און פריינד. וויא שטאַרק ער האָט געפיהלט דיא דאָזיגע איינזאַמקייט קען מען זעהן פון מאַנכע פון זיינע ליעדער, וועלכע ער האָט געשריבען נאָך אין זיין פריהער יוגענד. אין זיי בעקלאָגט ער זיך זעהר ביטערליך אויף זיין פינסטערען מזל, אויף זיין עלענדקייט, אויף אלע זיינע צרות און יסורים. צווישען דיא אלע העבּרייאישע פּאָעטען איז אבן־גבירול דער ערשטע׳ר, וואָס בעשעפטיגט זיך אין זיינע ליעדער אזוי פיעל מיט זיין אייגענער פערזאָן, מיט זיינע פערזענליכע צרות און ליידען. זיין לעבען אלס פערלאָזענער יתום, וואָס האָט פון איהם גערויבט דיא פריידען פון דער יוגענד, האָט איהם געמאַכט קלוג און ערפאַהרען פאַר דער צייט. ער האָט ניט געוואוסט פון קיין קינדהייט און האָט ניט געוואוסט פון קיין יוגענד, און דאָס פעהלט טאַקע אין זיינע ליעדער. מיט דער אויסנאַהמע פון א טרונק־ליעד (שיר היין), געפינט זיך ביי איהם קיין איינציגע ליעד ניט, וואָס זאָל זינגען וועגען לוסט, וועגען ליעבע און וועגען דיא לעבענס־פריידען. זיין מוזע איז שטענדיג וויא געקליידעט אין שוואַרצען; ער האָלט שטענדיג אין איין טרויערען. אין זיין יוגענד קלאָגט ער אויף זיינע פערזענליכע צרות; שפּעטער וויינט ער אויף דיא צרות פון דעם אידישען פאָלק און דאַן ווידער יאָמערט ער אויף דיא צרות פון דעם גאַנצען מענשען־געשלעכט, פון דער גאַנצער מענשהייט. זיינע טיעפסטע און טרויעריגסטע ליעדער זיינען דיא יעניגע אין וועלכע ער בעקלאָגט דעם מענשליכען שיקזאַל, דיא נישטיגקייט און נאַרישקייט פון דעם מענשליכען לעבען. ער איז דער פּאָעט פון דעם גרויסען וועלט־צער.

זיין גרויסער אומעט און צער טרייבט איהם אָבער ניט צו פערצווייפלונג און צום פעסימיזם. ער געפינט שוץ און רעטונג אין א טיעפען, אלץ אומפאַסענדען, גלויבען. נאָכדעם וויא ער האָט לאַנג געגריבעלט און געזוכט, נאָכדעם וויא

ער האָט מיט זיין שכל געפאָרשט און גע׳חקרן׳ט וועגען דעם אָנפאַנג פון אַלע אָנפאַנגען און וועגען דיא ענדע פון אַלע ענדען, וועגען דער גאָטהייט, וועגען דעם תוך פון דיא זאַכען, וועגען דעם צוועק און תכלית פון לעבען און דיא אַלע אַנדערע אייביגע שאלות, נאָכדעם וויא ער איז געקומען צו יענעם גראָבען, גרויען וואַנד דורך וועלכען דער מענשליכער שכל וועט קיינמאָל ניט דורכברעכען, איז ער אריינגעפאַלען אין אַ מין רעליגיעזען עקסטאַז, אין אַ הויכע רעליגיעזע בעגייס־טערונג. ער האָט דעם גאָט ניט געפונען מיט זיין שכל, ער האָט איהם אָבער דערפיהלט אין זיין הארצען. ער האָט זיך אָנגעפאַנגען פיהלען אַ טהייל פון דער גרויסער שעפּפונג, אַ טהייל פון דעם שעפּפער גופא, ווארים שעפּפער און שעפּפונג איז לויט זיין פילאָזאָפיע אייגענטליך בלויז א י נ ס. עס איז נאָר אַן אונטערשיעד אין דער מ ד ר ג ה, אָבער ניט אין ע צ ם. אין דער שטארקייט פון זיין רעליגיעזען פיהלען איז דאָ אַ גרויסע עהנליכקייט צווישען איהם און זיין עטוואָס עלטערען צייט־גענאָססע ב ח י י א ב ן פּ א ק ו ד א.

און ווען ער האָט דערגרייכט דיא דאָזיגע הויכקייט פון רעליגיעזען פיהלען זיינען ביי איהם פערשוואונדען אַלע אונטערשיעדען פון דיא אַלע אָנגענומענע רעליגיאָנען. איד, קריסט, מאהאָמעדאַנער און געצענדיענער זיינען גלייך. זיי שטרעבען אַלע צום זעלבען ציעל, זיי מיינען אַלע דיא זעלבע זאַך, דיענען אַלע צום זעלבען גאָט, אפילו ווען זיי געהן אויף פערשיעדענע וועגען, אפילו ווען זיי געהען אויף קרומע און ניט ריכטיגע דרכים. זיי מעגען אפילו בלאָנדזשען, אָבער זיי מיינען גוט. „דו ביסט גאָט, און אַלע בעשאַפענע זיינען דיינע קנעכט און דיענער. פון דיין כבוד ווערט ניט געמי־נערט דורך דעם, וואָס זיי דיענען צו אַנדערע, ווארום זייער אַלעמעס כונה איז צו קומען צו דיר. זיי זיינען וויא בלינדע, וואָס בלאָנדזשען זוכענדיג דעם קעניג׳ס וועג“ („כתר תורה“).

* * *

וואו שלמה אבן־גבירול האָט זיך אויפגעהאַלטען אין

זיינע קינדערשע יאָהרען, איז ניט בעקאַנט. עס איז אויך ניט בעוואוסט, ווער עס זיינען געווען זיינע רביים אין העב־רייאיש, תלמוד און פילאָזאָפיע. ווען ער איז אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר געפינען מיר איהם אין ס א ר א ג א ס א, אין דיא הויז פון י ק ו ת י א ל א ב ן ה א ס א ן.

י ק ו ת י א ל א ב ן ־ ה א ס א ן האָט פערנומען א גרויסע רעגיערונג ־ שטעלע אין דעם קעניגליכען הויף פון ס א ר א ג א ס א, אַן עהנליכע שטעלע צו דיא, וואָס ש מ ו א ל ה נ ג י ד האָט פערנומען אין ג ר א נ א ד א. וויא שמואל הנגיד אזוי איז אויך י ק ו ת י א ל געווען א ליעבהאָבער און אונטערשטיצער פון פּאָעטען און געלעהר־טע, כאָטש ער אַליין שיינט ניט געווען צו זיין איינער פון זיי, וויא עס איז געווען דער פאַל מיט שמואל הנגיד.

דער דאָזיגער י ק ו ת י א ל, ווען דיא פּאָעטען פון זיין צייט בעזינגען אַלס גרויסען הערשער און נאָך גרייסערען מענשען־פריינד, האָט אריינגענומען דעם אָרימען בן־גבירול צו זיך אין הויז און האָט איהם בעזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען. דאָס איז געווען דיא בעסטע און גליקליכסטע צייט פון זיין לעבען. זיין גליק האָט אָבער ניט לאַנג גע־דויערט. דער שלים־מזל האָט אזוי וויא פערפאָלגט דעם יונגען פּאָעט. אין א קורצע צייט שפּעטער וויא אבן־גבירול איז אָנגעקומען אין י ק ו ת י א ל׳ס הויז האָט אוים־געבראָכען א בירגער־קריעג אין סאראגאסא. דיא אורזאכען פון דעם בירגער־קריעג זיינען ניט בעקאַנט; עס איז וואהר־שיינליך געווען איינע פון יענע פּאַלאַץ־רעוואָלוציאָנען, מיט וועלכע דער מיטעלאַלטער איז אזוי רייך. אַן אָנקעל פון דעם קעניג איז געווען דער אָנפיהרער פון דיא רעבעלען. זיי האָבען זיך אריינגעכאַפּט אין פּאַלאַץ און האָבען ערמאָרדעט דעם קעניג. דערביי האָבען זיי נאַטירליך אויך ניט געשאַ־נעוועט דעם קעניג׳ס פריינד און ראטהגעבער. יקותיאל אבן־האסאן איז ארעסטירט געוואָרען און שפּעטער האָט מען איהם הינגעריכטעט.

א ב ן־ג ב י ר ו ל איז ווידער געבליעבען אַליין און אָהן שום שטיצע. נאָך זיין בעשיצער׳ס טויט האָט ער זיך לאַנג ניט געקענט אויפהאַלטען אין סאראגאסא. ער האָט געגען זיך ערוועקט דעם צאָרן פון דיא ס א ר א ג א ס א ר נכבדים דערמיט, וואָס ער האָט זיי שטארק אַטאַקירט אין איינעם פון זיינע ספרים. ער האָט אפילו זייערע נעמען ניט דערמאָהנט, אָבער זיי האָבען זיך דערקענט. ער איז געצוואונגען געוואָרען צו פערלאָזען דיא שטאָדט און אָנ־פאנגען צו פיהרען א וואנדער־לעבען. דאָס האָט פּאַסירט אין יאהר 1045, ווען אבן־גבירול איז אַלט געווען קרוב פון פינף און צוואנציג יאָהר.

נאָך א לענגערען אָדער קירצערען ארומוואנדרעווען איז ער אָנגעקומען קיין ג ר א נ א ד א, וואו ר׳ ש מ ו א ל ה נ ג י ד האָט איהם מקרב געווען און אריינגענומען צו זיך אין הויז. אבן־גבירול האָט ווידער געפונען רוהע פאר א געוויסע צייט. אין יענער צייט האט ער זיך, וויא עס ווייזט אויס, אָפּגעגעבען מיט׳ן שרייבען זיינע פילאָזאָפישע און עטהישע ווערק. לאַנג אָבער האָט ער זיך אויך ביי שמואל הנגיד ניט אויפגעהאַלטען. צוליעב אַן אונבעקאַנטע סיבה איז פאָרגעקומען א פערפרעמדונג צווישען זיי ביידען.

פון זיין ווייטערען לעבען ווייסען מיר גאָר ניט. מיר ווייסען אפילו ניט וויא לאַנג ער האָט געלעבט און וואו ער איז געשטאָרבען. לויט דער בעהויפּטונג פון י ה ו ד ה א ל ח ר י ז י, איז ער געשטאָרבען נאָך גאר יונג, פאר דרייסיג יאָהר. ג ר ע ט ץ מיינט, אז ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1069 אָדער 1070, אַלזאָ אין עלטער פון קרוב פופציג יאָהר. גרעטץ דרינגט עס ארויס פון א ליעד, וואו עס ווערט דערמאָהנט, אז עס איז שוין 461 יאָהר זינט דאָס אידישע פאָלק ליידט פון דיא מאהאָמעדאנער, אַלזאָ אין יאָהר 1068. אנדערע היסטאָריקער מיינען, אז ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1058. עס איז אָבער ניטאָ קיין גרונד פאר וואָס מען זאָל ניט אָננעהמען דיא עדות פון א ל ח ר י ז י, וועלכער האָט געלעבט אין דרייצעהנטען יאָהר־הונדערט, סך הכל צוויי

הונדערט יאָהר שפּעטער נאָך אבן־גב־רול. וויא דיא זאַך זאָל ניט זיין, בעשטימט ווייס מען ניט ווען ער איז געשטאָרבען.

עס איז אויך ניט בעוואוסט ווי אזוי ער איז גע־שטאָרבען. דיא פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט בעשאַפען א שעהנע לעגענדע וועגען זייט טויט. דיא דאָזיגע לעגענדע דער־צעהלט: „אַן אראַבישער דיכטער, וועלכער האָט זיך געפיהלט זעהר שטאַרק געקריינקט, וואָס אבן־גבירול'ס ליעדער זיינען בעסער און מעהר בעריהמט פון זיינע, האָט איהם פון קנאה ערמאָרדעט. צו פערבאָרגען זיין פערברעכען האָט ער דעם קערפּער פון דעם ערמאָרדעטען פּאָעט בעגראָבען אין זיין גאָרטען אונטער א פייגענבוים. פון דאַמאָלס אָן האָט דער בוים אָנגעפאַנגען צו בל־הען און בריינגען פרוכט פריהער וויא אַלע אַנדערע בוימער. דיא פרוכט זיינען אויך געווען אויסערגעוועהנליך שעהן און זיס. דער קלאַנג וועגען דעם וואונדערבאַרען פייגען־בוים האָט זיך גענומען פערשפּרייטען איבערן גאַנצען לאַנד ביז עס איז אָנגעקומען צום קעניג, וועלכער האָט געהייסען די גאַנצע זאַך אויספאָרשען. דער מערדער האָט זיך דאַן מודה געווען אין זיין פערברעכען, און ער האָט בעקומען זיין שטראָף".

* * *

זיין פּאָעטישער טאַלאַנט האָט זיך ביי איהם גענומען פערנאַנדערבליהען, ווען ער איז נאָך געווען א גאַנץ יונגער אינגעל. צווישען זיינע איבערגעבליעבענע ליעדער געפינען זיך צוויי אין וועלכע ער אליין דערצעהלט, אז ער איז בלויז זעכצעהן יאָהר אַלט. ער האָט זיך שוין דאַמאָלס אויסגע־צייכענט מיט דער רייכקייט און ווייכקייט פון זיין שפּראַך, מיט זיין שעהנער פאָרם און מיט דער לייכטקייט פון זיינע גראַמען.

דיא דאָזיגע צוויי ליעדער זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּאָעט און זיין נשמה־צושטאַנד אין יענער צייט. אין דער ערשטער ליעד זעהט מען ארוים דעם שטאָלצען, זעלבסט־בעוואוסטען, כמעט זעלבסט־בעריהמעריישען, יונגען בחור'ל.

וועלכער איז אַזוי זיכער אין זיינע כוחות און צווייפעלט ניט פאַר אַ מאָמענט אין זיין גרויסקייט און בעדייטונג: די זעלבסטזיכערקייט און זעלבסטצופריעדענהייט פון דער יוגענד. אין דער צווייטער ליעד זעהט מען דעם איינפלוס, וואָס זיינע פּערזענליכע ליידען האָבען שוין דאַמאָלס אויסגעאיבט אויף זיין פּאָעזיע.

.1

איך בין דער דיכטער, דאָס ליעד איז מיין קנעכט;
איך בין דאָס פיעדעל — צום שפּיעלען געגעבען.
מיין גוף געהט ארום אויף דער ערד, און מיין זעעל
אריבער די וואָלקענס צום הימעל טוט שוועבען.
מיין הארץ איז פערשטענדיג ווי ס'הארץ פון א גרייז
און בין ערסט אין זעכצעהנטען יאָהר פון מיין לעבען.

.2

געמישט איז מיט זאָרג מיין געזאַנג
און מיין שמחה — מיט טרויער.
איך זעה מענשען לאכען, און איך —
אויף מיין לעבען איך וויין און בעדויער.

ווי פּאסט עס, איך פרעג דיך, מיין פריינד,
פאַר אַ אינגעל פון זעכצעהן
ניט שיינען מיט באַקען ווי רויזען צובליהטע,
נאָר קלאָגען און קרעכצען?

פון קינדוויז נאָך אָן האָט מיין אייגענע הארץ
מיך פער'משפּט צום טרויער:
דערפאַר איז מיין לעבען בעטריעבט,
איך בעוויין און בעדויער.

(איבערזעצט פון ה. לייוויק).

דיא טראגישע ענדע פון זיין פריינד און בעשיצער יקותיאל אבן־חסאן האָט געמאַכט צ שוידער־

ליבען איינדרוק אויף דעם יונגען פּאָעט, וועלכער האָט וועגען דעם אָנגעשריעבען מעהרערע הספר־ליעדער. דיא דאָזיגע ליעדער האָבען געמאכט אונשטערבליך דעם נאָמען פון י ק ו ת י א ל א ב ן־ה א ס א ן. דאָ וועט זיין גענוג צו בריינגען בלויז אַ פּאָר פערזען פון זיי:

.1

זעה ווי שעהן איז די זון ביים פערגעהן,
ווי זי וואָלט אין וויאָלעט זיך פערהילט;
זעה דעם הימעל צו דרום און צפון,
און דעם מערב אין פורפור צושפּיעלט.

די זון וועט דער וועלט באלד פערלאָזען,
דער אבענד קומט שטיל און קומט קיהל,
און דער הימעל ווערט פינסטער, ווי ער וואָלט
בעטרויערט דעם טוידט פון י ק ו ת י א ל.

.2

ניט וואונדערט זיך מענשען אויף זון און לבנה,
וואָס זיינען פערטונקעלט געוואָרען.
ווען זיי וואָלטען פיהלען מיין הארץ און מיין וויטאָג,
זיי וואָלטען צעשפּרונגען געוואָרען.

(איבערזעצט פון נפתלי גראס).

ווען ער איז געוואָרען עלטער האָט ער אזוי וויא שלום געמאכט מיט זיין שיקזאל. ער בעקלאָגט זיך ניט מעהר אזוי ביטער אויף זיינע אייגענע פערזענליכע ליידען. דיא צרות פון דעם גאַנצען כלל, דער לאַנגער, ביטערער גלות, דיא אידישע פערשקלאַפונג און דיא האָפנונג אויף דיא ערלייזונג ווערען דיא טהעמאן פון זיינע ליעדער. זיין אייגענער צער און אונגליק ווערט וויא פערלאָרען אין דעם גרויסען צער און אונגליק פון גאַנצען פאָלק.

* * *

שלמה אבן־גבירול איז איינער פון די ערשטע און גרעסטע אידישע נאַציאָנאַלע פּאָעטען. אַ חוץ ר׳ יהודה הלוי, וועלכער האָט געלעבט שפּעטער פון איהם און איז געווען געוויסערמאסען זיין נאכפאָלגער, געפינט זיך קיינער ניט, וואָס זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט איהם אין דיעזער הינזיכט. דער נאַציאָנאַלער וועהטאָג און דער חורבן פון לאַנד און אומה זיינען גאַנץ אָפט די טהעמען פון זיינע טרויער־ליעדער און תפילות. די אידישע האָפנונג אויף דער גאולה, וואָס איז נאָך ניט מקוים געוואָרען; דער לאַנגער גלות, וואָס קיינער וויים ניט, ווען עס וועט נעהמען אַ סוף צו איהם ווערט בעקלאָגט אין פאָלגענדען ליעד:

שפּראָץ אויף, דוד׳ס שטאַם, און בליה אויפ׳ס ניי;
געננוג בעגראָבען זיין—דער ווינטער איז פאַרביי.

פּאַרוואָס זאָל האַר דורך קנעכט געפּייניגט זיין מיט שאַנד?

ווי לאַנג וועט יעקב זיין געדריקט פון עשיו׳ס האַנד?

שוין טויזענד יאהר איז מיר מיין גלות־לעבען שווער,

און וואַנדער ווי אַ פויגעל אין מדבר וויסט און לעער.

און קיינער ברענגט קיין טרויסט—גאָט׳ס מלאך איז פערשטומט!

ווער קען ענטפּלעקען מיר דעם טאָג פון אויסלייזונג ווען קומט?

(איבערזעצט פון ב. ר. ביעלאסטאצקי.)

די פאָלגענדע פערזען זיינען אויסציגע פון אַ ריהרענדע תפלה, אין וועלכער דאָס אידישע פאָלק בעקלאָגט זיך, פאר וואָס גאָט לאָזט איהם אזוי לאַנג שמאַכטען אין גלות:

געפאַנגען און געפּלאָגט אין לענדער וויים און פרעמד,

גענומען פאַר אַ דיענסט און ווי אַ דיענסט פערשעמט.

פון זינט האָסט מיך פערלאָזען, וואַרט איך אויף דיין גליק,

איך, פיעל געפלאגטער, קעהר מיך אום אהיים צוריק.
אן ענד האָט יעדער אָנהויב, מיין בראָך האָט ניט קיין ענד,
מיין וואונד האָבען די יאָהרען פערהיילען ניט געקענט.
אין גלות׳דיגען זומפּ בין איך פערזונקען טיעף
און קיינער שטעלט קיין מאַסטבוים ארויסצוציהען מיין שיף.

* * *

ווי לאַנג וועסטו אזוי נאָך האלטען מיך אין שאַנד?
ווען וועט דאס קול פון טערקעלטויב זיך הערען אין מיין לאַנד?

(איבערזעצט פון אוערבאך.)

אזעלכע ליעדער וואָס דריקען אויס דעם נאַציאָנאַלען וועה און די נאַציאָנאַלע האָפנונג געפינען זיך ביי ג ב י ר ו ל א היבשע צאָהל. אבער פיעל מעהר אין צאָהל און אויך טיעפער און לירישער זיינען זיינע ריין רעליגיעז־פילאָזאָפישע ליעדער. אין זיי בעקלאָגט ער דעם צער און וועהטאָג פון דעם מענשען בכלל, ניט בלויז פון דעם אידען אלס איד; זיי זיינען אל־געמיין מענשליך.

א ב ן ־ ג ב י ר ו ל, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, איז אין זיין פילאָזאָפיע שטארק בעאיינפלוסט געוואָרען פון פ ל א ־ ט אָ און זיינע שפּעטערע תלמידים, איבערהויפּט פון פ ל אָ ־ ט י נ ו ס. דער יסוד פון דעם אמת׳ען וויסען, פון דער ריינער ערקענטניס, זיינען ניט אונזערע חושים, נאָר דער שכל. די מענשליכע חושים זיינען אין זייער טבע בעגרענעצט און אלץ וואָס זיי בעגרייפען זענען נאָר די ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן פון די זאכען, אָבער ניט די זאַכען גופא, אין זייער עצם. א חוץ די וועלט פון ערשיינונגען, א חוץ די וועלט וואָס מיר בעגרייפען דורך אונזערע חושים, וועלכע מוז זיין מטושטש און ניט קלאָר, ווייל אונזערע חושים זיינען בעגרענעצט, איז דאָ די אמת׳ע וועלט, די וועלט פון ווירקליכקייטען, די וועלט ווי זי איז, די

„אידעען־וועלט", ווי פּ ל אַ ט אָ רופט עס אָן. די מענשליכע נשמה איז אַ טייל פון דער גרויסער וועלט־נשמה. איידער זי קומט אריין אין גוף פיהרט זי אַ ריין־רוחניות'דיגען לעבען. בשעת זי געפינט זיך אין יענעם צושטאַנד זעהט זי און בעגרייפט די אמת'ע וועלט, די וועלט ווי ז י א י ז און ניט בלויז ווי ז י ע ר ש י י נ ט,—די „אידעען־וועלט". קומט זי אָבער אריין אין גוף ווערט זי פעראונרייניגט און פערגרעבט דורך די ליידען און פערלאַנגען פון דעם קערפּער. זי קען מעהר ניט בעגרייפען דעם ריינעם אמת; זי זעהט די וועלט בלויז דורך די חושים, דורכ'ן גוף: זי זעהט בלויז אַן אפּשפּיעגלונג פון דער ווירקליכקייט, אַ מעהר אדער ווענינער עהנליכען בילד, אבער ניט די זאכען גופא.

דער גוף איז פאר דער נשמה אזוי ווי א תפיסה. ער דער־לאָזט איהר ניט אריינדרינגען אין די עולמות העליונים פון וואנען זי שטאַמט; ער דערלאָזט איהר ניט הנאה האָבען פון דער לויטערקייט פון דער „אידעען־וועלט". די נשמה רייסט זיך אבער פון איהר תפיסה, זי שטרעבט אַהין פון וואנען זי קומט. זי האָט אַ געוואַלדיגע תשוקה, אַ מין ברענענדע ליעבע (דער „עראָס" פון פּלאַטאָ) זיך צו פעראייני־גען און בעהעפטען מיט איהר מקור. און געלינגט דעם מענש־ליכען שכל אריינצודרינגען אין דער „אידעען־וועלט", אין די „עצמיים הפשוטים", ווי ג ב י ר ו ל רופט זיי אָן, „איז עס די גרעסטע רוהע און דער העכסטער פערגניגען".

פאר א ב ן - ג ב י ר ו ל איז זיין פילאָזאָפיע געווען מעהר ווי אַ פילאָזאָפיע, מעהר ווי אַ בעשטימטע וועלט־אַנשויאונג, מעהר ווי אַן איבערצייגונג און מיינונג. זי איז אזוי ווי אַ טהייל פון זיין וועזען. ער האָט ניט בלויז געדענקט, נאָר טאַקע אויך ג ע פ י ה ל ט פּלאַטאָניש, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען. ער האָט זיך געפיהלט אלס א טהייל פון דער גרויסער וועלט־נשמה, מיט וועלכע ער דארף זיך צוזאמענ־גיסען, ווייל נאָר אין דעם בעשטעהט דער אמת'ער מענש־ליכער גליק. אין אַ שטעלע פון זיין ספר „מקור חיים" רעדט

ער פון אן עקסטאסטישען צושטאנד, אין וועלכען דער מענש קען זיך דערהויבען צו אזא הויכקייט, אז ער זאל מיט׳ן שכל קענען דערגרייכען צו די העכסטע ספערען. „דו וועסט זיין איינס מיט זיי און אין זיי".

אט די דאזיגע געפיהלען דריקט ער אויס אין זיינע רעלי־גיעזע ליעדער. זיי זיינען אן אויסגוס פון זיינע אינערליכסטע געפיהלען, א „השתפכות הנפש", א חשבון צווישען מענש און גאט, א שטרעבען און א תשוקה פון זיין נשמה זיך צו בעהעפ־טען מיט איהר קוואל.

זיינע תפילות זיינען ניט קיין תחנונים און בקשות אויף לאנג לעבען, אויף נחת פון קינדער אדער אויף פרנסה. דאס זיינען אלץ קלייניגקייטען, אלץ שפל׳ע און ניט וויכטיגע ענינים, וועגען וועלכע עס לוינט זיך גאר ניט צו זארגען. וואס פאר א ווערטה האט דער מענשליכער גליק אדער אונגליק, ווען דאס גאנצע ערדישע לעבען איז איין גרויסער צער? וואס טויג דאס מענשליכע לעבען, ווען עס ענדיגט זיך סיי ווי סיי מיט׳ן טויט? וואס טויג דאס מענשליכע גליק, ווען עס איז סיי ווי סיי בלויז א רגע? וואס טויג איהם זיין עשירות, זיין גדולה און זיין כבוד, ווען ער קען זיי ניט מיטנעהמען מיט זיך אין קבר? אט דיעזע טרויעריגע געדאנקען וועגען דעם וועלט־שמערץ טרייבט אבער ניט ג ב י ר ו ל׳ן צו פערצווייפ־לונג און צום פעסימיזם. אין זיין רעליגיעזען עקסטאז געפינט ער אן אויסוועג: דער מענש האט א העכערען ציעל, א העכערע אויפגאבע—ער דארף שטרעבען זיך צו פעראייניגען מיט זיין מקור. צו וואס זיך קלעמען און זארגען וועגען די קליינליכע, אלטעגליכע צרות? צו וואס זיך פרעהען מיט׳ן נארישען, פערפליהענדען ערדישען גליק?

פערגעס אן דיין טרויער,
מיין אונרוהיג הארץ.
ניט פארכט און בעדויער,
דעם ערדישען שמערץ.

באַלד וועט פון דיין קערפּער
דאָס לעבען פערגעהן,
און אלץ וועט ווערט צונישט,
גלייך ס'וואָלט גאָרניט געווען.
דו מוזט אָבער ציטערן
פאַר'ן טויט, פאַר דעם ביטערן,
מוזט האָפען און בעטען
צו גאָט און זיין גנאָד.
אפשר וועט בעטען
דיך שיצען און רעטען—
ווען דו ועסט גענעהנען
צום אייביגען לאַנד,
צו קריגען דיין לוין
פאַר די ווערק פון דיין האַנד.

וואָס ציטערסטו הארץ מיינס,
און וואָס טהוט דיר באַנג?
וואָס ביזטו אין טרויער
פאַר דער וועלט און איהר גאַנג?
פליהט אָרוים די נשמה,
ווי ס'קומט נאָר דער רוף,
פערשטומט און פערשטיינערט
בלייבט איבער דער גוף.
און ווען דו קעהרסט אום זיך
צום שטויב פון דער ערד,
אָך, וואָס נעמסטו מיט
פון ערדישען ווערטה?
דאָן טרייבט עס און ציהט דיך,
ווי א פויגעל, וואָס פליהט גיך
צוריק צו זיין נעסט.
וואָס גיכער צו קומען
צום אייביגען לאַנד,
צו קריגען דיין לוין
פאַר די ווערק פון דיין האַנד.

וואָס העלפט דיר דאָס וויינען
אינ'ם לאנד פון פערגעהן ?
הערשאַפט און קרוינען
וועלען זיין צו געוויין.
דאָס גוטע איז ליגען,
די ליעבע—בעטרוג ;
און אלץ איז געגליכען
צו אַ פייל אינ'ם פלוג.
ס'וועט אַלעם פערפליהען,
און צו אַנד'רע אוועק—
און וואָס איז דיין מיהען
דיין גאַנצער פאַרמעג,
ווען דו וועסט געגעהנען
צום אייביגען לאַנד,
צו קריגען דיין לוין
פאַר די ווערק פון דיין האַנד.

דאס לעבען—אַ וויינשטאָק,
אַ מעסער—דער טויט.
און וואו נאָר דו געהסט—
דער טויט דיך בעגלייט.
ווי קורץ איז דער טאָג,
און ווי ווייט נאָך דער ציעל !
די האָפנונג איז ליגען
און פאַלשקייטען פול.—
דו לאָז זיך בעגניגען
מיט טרוקענעם ברויט ;
פערגעס אָן דיין קומער,
און פאַרכט זיך דעם טויט—
ווען דו וועסט געגעהנען
צום אייביגען לאַנד,
צו קריגען דעם לוין
פאַר די ווערק פון דיין האַנד.

ציטער אויף ווי א טויב,
דו אָרעמער, דו!
זאָרג זיך און גלויב
אין דער הימלישער רוה.
רוף צו גאָט און זיין גנאָד
יעדען טאָג, יעדע שעה,
יעדע ווייל, וואָס ביזט דאָ; —
ווײן פאַר איהם שטענדיג
און בעט אין דער שטיל,
און טהו אלעס שטענדיג
אזוי ווי ער וויל.
דאַן וועלען מלאכים
דיך אויפוואַרטען דאָרטען,
זיי וועלען דיך פיהרען
צום הימלישען גאָרטען;
זיי וועלען דיך ברענגען
צום אייביגען לאַנד,
צו קריגען דעם לוין
פאַר די ווערק פון דיין האַנד.

(איבערזעצט פון נפתלי גראָסס.)

רעדענדיג וועגען זיינע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ליעדער איז אונמעגליך ניט צו דערמאָנען די גרעסטע און וואונדערבארסטע פון זיי אלע, זיין „כתר חכמה“. דאָס איז אן אָדע, א שבח, צום וועלטען־שעפּפער, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. אין איהר האָט גבירול אין א פּאָעטישע פאָרמע איבערגעגעבען ניט בלויז זיין פילאָזאָפיע, נאָר דעם גאַנצען תוך פון זיין וועזען, די גאַנצע בענקענים פון זיין נשמה, זיין גאַנצען שטרעבען זיך צו פערייניגען און צו ווערען א טייל פון דער אונענדליכקייט.

מיט אבן־גבירול האָט פּאַסירט דאָס, וואָס מיט פיעלע אנדערע. ארויסגעהענדיג פון דעם העכסטען בעגריף פון גאָט, בעטראַכטענדיג גאָט אלס דאָס העכסטע פון אלע

העכסטע, וועמען ניט די מענשליכע חושים און ניט אפילו דער מענשליכער שכל קען משיג זיין, פאנגען זיי זיך אָן צו פיהלען אלס איינס מיט איהם. עס קומט אויס, אז וואָס מעהר זיי דערהעכערען גאָט, וואָס מעהר זיי דערוויטערען איהם פון זיך, אלץ נעהענטער ווערען זיי צו איהם, אלץ מעהר פיהלען זיי איהם און געפינען איהם אין זיך. פון דעם סאמע העכסטען בעגריף וועגען גאָט, ועלכער ווייזט אויס ווי א פראקטישער אטהעאיזם, פאלען זיי אריין אין א מין רעליגיעזען עקסטאז. דאָס ווייזט אויס ווי א ווידערשפרוך, אבער דאָס איז דאָך א פאקט. אזוי איז געווען דער פאל מיט די אלטע אינדישע מיסטיקער, מיט מאנכע פון די קריסטליכע מיסטיקער, מיט די מאהאָמעדאנישע „סופים", מיט די אידישע „מקובלים" און טיילווייז אפילו מיט ברוך שפינאָזא. דאָס איז אויך געווען דער פאל מיט אבן־גבירול. ווי אזוי דאָס קומט פאָר איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע רעטעניסען פון דער מענשליכער נשמה.

* * *

אבן־גבירול איז אין זיין פילאָזאָפיע שטארק בעאיינפלוסט געוואָרען פון פלאטא און זיינע שפעטערע מפורשים, דיא ניי־פלאטאָניקער, הויפטזעכליך פון פלאָטינוס. פלאטאָ'ן דערמאָהנט ער אין זיין ספר „מקור־חיים" און אין פיעלע פונקטען קומט ער זיך צוזאמען מיט פלאָטי־נוסען.

פאלקירא, דער העברעאישער איבערזעצטער פון „מקור חיים", זאָגט אין זיין הקדמה, אז גבירול האלט זיך אָן דער שיטה פון דעם גריכישען פילאָזאָף עמפע־דאָקלס. אָבער אזוי וויא עס איז ניטאָ קיין שום עהנליכ־קייט צווישען עמפעדאָקלס און גבירול'ס פילאָזאָפיע, גלויבט מען, אז פאלקירא האָט געמיינט די „פאל־שע עמפעדאָקליסטען". דאָס זיינען געווען שריפטען פון אונבעוואוסטע שרייבער, וואָס האָבען ארויסגעגעבען זייערע אייגענע ווערק אויף עמפעדאָקלס נאָמען. אין דיא דאָזיגע

שריפטען האָבען זיך געפונען ציזאמענגעמישט געדאנקען פון פּלאַטאָן, פון אַריסטאָטעלעס און די לעהרע וועגען די עלעמענטען פון עמפּעדאָקלעס. אַ טהייל פון די דאָזיגע פאלש־עמפּעדאָקלעשע לעהרען זיינען אויך אריין אין די אידישע געהיים־לעהרען, די „קבלה", מיט וועלכע אבן־גבירול איז אָהן צווייפעל געווען בעקאַנט. דאָס קען מען זעהן פון מאַנכע פון זיינע ליעדער, וואו ער געברויכט געוויסע קאבאליסטישע אויס־דריקע; אין איינע פון זיי צום ביישפּיעל רעדט ער וועגען „די צוויי און דרייסיג שטעגען פון חכמה". — אַן אויסדרוק פון דעם בעריהמטען „ספר־יצירה".

גבירול איז אלזאָ אין זיין פילאָזאָפיע בעאיינ־פלוסט געוואָרען פון פלאַטאָ און זיינע תלמידים, פון די „פאלשע עמפּעדאקעליסטען" און פון דער „קבלה". פון די אַלע האָט ער אָבער אויסגעארבייט אַן אייגענע, אַן אָריגי־נעלע, פילאָזאָפיע, וועלכע איז, אמת, אין מאַנכע שטעלען גאַנץ טונקעל, אָבער אין וועלכע עס געפינען זיך פיעלע גע־דאנקען, וואָס זיינען מיט אַ לאַנגע צייט שפּעטער שאַרפער און קלאָהרער ארויסגעזאָגט געוואָרען פון שפּינאָזאָ.

לאָמיר געהן כסדר:

„עס עקזיסטירען גאָר דריי: 1) די ערשטע סובּ־סטאַנץ; 2) מאַטעריע און פאָרם; 3) דער „ווילען" וואָס בינדט זיי צוזאַמען" (אין במציאות אלא שלשה: העצם הראשון, היסוד והצורה, הרצון האמצעי בין שתי הקצוות). אַלע אַנדערע עקזיסטירענדע געפינען זיך אין זיי און שטאַ־מען פון זיי.

די ערשטע סובסטאַנץ, אָדער וויא גבירול רופט עס „עצם הראשון" (אויך „מצוי הראשון"),—דאָס איז גאָט. וועג־גען איהם גופא, וועגען זיין „מהות", ווייסען מיר גאָר ניט און מיר קענען גאָר ניט וויסען. „ער שטעהט העכער פון אַלע בעגריפען און אַלע פאָרשונגען, ווייל ער איז דער טרעגער און בעוועגער פון אונזער וויסען (כי הוא הנושא והמניע את ידיעתנו"). מיר קענען זיך בילדען אַ פאָרשטעלונג פון

זיין עקזיסטענץ בלויז דורך דיא ווירקענדע כוחות, וואס קו־מען ארויס פון איהם און זיינען א טהייל פון איהם, דאס הייסט דורך דיא געשעהעניסען און טהעטיגקייטען אין דעם גאנצען אוניווערזום. מיר זעהען בלויז פ א ל ג ע ן, וועלכע צווינגען אונזער שכל זיך צו בילדען א פארשטעלונג פון אן א ו ר ז א כ ע. אין ג ב י ר ו ל׳ ס ווערטער הייסט עס: פון דעם „עלול" (רעזולטאט) קומען מיר צו דער „עלה" (צו דער אורזאכע); פון דאס געטהאנענע קו־מען מיר צום טהוער. בעווייזען זיין עקזיסטענץ איז גאר ניט נויטהיג, ווייל ער איז דיא עקזיסטענץ גופא, ער איז אזוי צו זאגען דיא אידעע, דער טרעגער, פון עקזיסטענץ. קוים רעדט איהר וועגען עקזיסטענץ, קוים בעגרייפט איהר עק־זיסטענץ, מוזט איהר שוין האבען א פארשטעלונג וועגען איהם, ווייל אהן איהם קען קיין שום עקזיסטענץ ניט זיין, ווייל אלץ וואס עקזיסטירט איז אין איהם און דורך איהם.

ער איז אן אבסאלוטע איינהייט, וואס קען קיינמאל ניט געענדערט ווערען, וואס בלייבט אלע מאל דיא זעלביגע איינהייט. ער איז דיא סאמע א י נ פ א כ ס ט ע איינ־הייט.

מיר קריגען א פארשטעלונג פון זיין עקזיסטענץ דורך די כוחות וואס ארבייטען ארויס פון איהם. רעדט מען אבער פון „כוחות" אין איהם, מוזען זיי פערשטאנען ווערען ניט אלס עטוואס אבגעטהיילט פון איהם אדער אויסערהאלב איהם. זיי זיינען אין איהם גופא, אין דעם תוך פון זיין וועזען; זיי זיינען זיינע נויטהווענדיגע אייגענשאפטען. אין ש פ י־נ א ז א׳ ס ווערטער וואלט עס הייסען: „מיר קענען די סובסטאנץ ניט בעגרייפען סיידען דורך איהרע אטריבוטען", סיידען דורך דיא נויטהווענדיגע, אונפערמיידליכע אייגענ־שאפטען פון איהר, וועלכע דריקען אויס דעם עיקר וועזען פון דער סובסטאנץ.

דיא דאזיגע כוחות אדער, ריכטיגער, נויטהווענדיגע אייגענשאפטען זיינען: 1) „מאטעריע און פארם"; 2)

דער „ווילען“, וועלכע ג ב י ר ו ל רופט אויך אן מיט דיא נעמען “חכמה” (דיינקען) אָדער „אמרה“ (לאגאס).

וואס איז אזוינס מאטעריע ? מיט דער דאָזיגער פראַגע בעשעפטיגט זיך גבירול אין זיין ספר „מקור חיים“.

סאי אין דעם „מקור חיים“ סאי אין דעם „כתר תורה“ בעצייכענט גבירול מאטעריע מיט דעם וואָרט „יסוד“ און ניט מיט דעם וואָרט „חומר“. דאס איז ניט אָהן א ספּעציעלע כונה. „חומר“ מיינט ק ע ר פּ ע ר ל י כ ק י י ט: „יסוד“ מיינט פונדאמענט, באזיס. גבירול מיינט מיט „מאטעריע“ ניט קערפּערליכקייט, נאָר טאקע דעם פונדאמענט, דעם יסוד. קערפּערליכקייט און מאטעריע זיינען ניט איינע און דיא זעלבע זאך. קערפּערליכקייט איז מאטעריע, אָבער מאטעריע איז ניט אימער קערפּערליכקייט. קערפּערליכקייט איז א געוויכער מ י ן מאטעריע. קערפּערליכקייט איז מאטעריע, וואָס האָט שוין א פאָרמע, אָדער וויא גבירול רופט עס, א „צורה“. קערפּערליכקייט איז מאטעריע ביי וועלכע עס איז שוין שייך וועגען, מעסטען, ברייטקייט, לייננ, טיעפקייט, האַרטקייט, ווייכקייט און אנדערע אזעלכע פאָרמען אָדער „צורות“. גבירול'ס „י ס ו ד“ איז אָבער מאטעריע אָהן אירגענד וועלכע פאָרמע, און מוז פאָרגליך זיין א ו נ ק ע ר פּ ע ר ל י ך, ווייל קערפּערליכקייט גופא איז דאך שוין א געוויסע פאָרמע אדער צושטאַנד פון מאַטעריע. גבירול'ס „יסוד“ איז אזוי צו זאגען דיא אידעע פון מאטעריע, א רוחניות'דיגע זאך, וואס קען אָננעהמען אלערליי פאָרמען, אויך די פאָרמע פון קערפּערליכקייט, און האָט אליין קיין פאָרם ניט. זיין „יסוד“ איז וויא א ליידיגער פּאַפּיער אויף וועלכען עס איז קיין זאך ניט אָנגעשריעבען, אָבער אויף וועלכען עס איז מעגליך אויפצושרייבען אלערליי פיגורען און געשטאַלטען. לאָמיר לאָזען גבירולען ריידען מיט זיינע אייגענע ווערטער :

„דיא מאטעריע“ (יסוד), זאָגט ער, „עקזיסטירט אן און פיר זיך אין דער מעגליכקייט (בכוח); זיא געהט אריבער

אין דער ווירקליכקייט (בפועל) נאָר דאמאָלסט, ווען זי קריגט א פאָרמע".

„מאַטעריע איז נאָר דאָ איינע און זיא געפינט זיך אין אלץ וואָס עקזיסטירט. זיא איז איינע און דיא זעלבע און ווערט ניט געענדערט. זיא קען אָבער אָננעהמען אלערליי פאָרמען, און דיא ענדערונגען און פערשיעדענהייטען וואָס מיר בעגרייפען קומען פון דיא פערשיעדענע פאָרמען. א נאָז־באנד, אן אויירינגעל, א חתימה קענען אלע געמאַכט ווערען פון גאָלד. דאָס גאָלד איז דיא זעלבע. נאָר דיא פאָרמען זיינען פערשיעדען".

„דיא מאַטעריע איז ניט קיין קערפּער, וואָס פערנעהמט פּלאַטץ. זיא איז דער פּלאַטץ פאַר איהר אינהאַלט, פאַר דיא אלערליי פאָרמען וואָס קענען קומען אין איהר" (זיין „יסוד" איז כמעט דאָס זעלבע, וואָס שפּינאָזא רופט דער אטריבוט פון א ו י ס ג ע ש פ ר י י ט ק י י ט).

דיא מאַטעריע און דיא פאָרמען דארפען אָבער ניט פערשטאַנען ווערען אלס צוויי בעזונדערע זאכען. אין דער מאַטעריע גופא ליגט שוין דיא מעגליכקייט פון דיא אלע פאָרמען. „זיי געפינען זיך אין דער מאַטעריע „בכוח", און ווערען ארויסגערופען „בפועל" דורך דעם „ווילען".

וואָס איז אזעלכעס דער ווילען?

אין זיין „מקור־חיים", זאָגט ג ב י ר ו ל, אז ער האָט אָנגעשריעבען א בעזונדערע אבהאַנדלונג וועגען דעם. לייּדער איז זיא פערלאָרען געגאַנגען. מען קען אָבער פון געוויסע שטעלען אין „מקור חיים" גופא זיך אָנשטויסען, וואָס ער מיינט דערמיט.

„דער ווילען איז א געטליכע קראַפט, וואָס שאַפט און בעוועגט אלץ" (הרצון כוח אלהי בורא ומניע לכל). דער „ווילען" דארף אָבער ניט פערשטאַנען ווערען ווי מיר פערשטעהן געוועהנליך דעם וואָרט ווילען, אלס א שטרעבען אָדער פערלאַנג. דאָס איז ביי גאָט ניט שייך. גאָט קען ניט פערלאַנגען עטוואָס, ווייל דאָס וואָלט מיינען, אז איהם פעהלט עטוואָס, וואָס ער האָט ניט. דער „ווילען" מוז פערשטאַנען ווערען

אַלס אַן אונפערמיידליכע אייגענשאַפט פון גאָט, פון זיי־סאמע וועזען. ער רופט עס „ווילען" דערפאר, כדי אויסצו־דריקען דעם געדאנק, אז עס איז ניט קיין געצוואונגענע טהעטיגקייט, ארויסגערופען פון אויסערליכע אורזאכען, נאָר אז ער פליסט ארוים פון דער נאטור פון „עצם הראשון". דער ווילען איז א נויטהווענדיגע טהעטיגקייט פון גאָט, אָבער ניט אין דעם זינן פון ארויפגעצוואונגענקייט, נאָר ווייל אזוי איז זיין נאטור. און ווייל עס איז ניטאָ קיין אנדער זאַך אויסער איהם, וואָס זאָל ווירקען אָדער בעאיינפלוסען זיין ווילען, איז עס דער אמת'ער פרייער ווילען. דער ווילען איז אלזאָ א פרייע טהעטיגקייט פון גאָט, ווייל ער קומט ארוים פון זיין נאטור (אויך דער געדאנק געפינט זיך ביי שפּינאָזא).

דער דאָזיגער „ווילען" איז דער בעוועגער פון אלץ. דער „יסוד" איז אזוי צו זאָגען דער מאַטעריאל אין וועלכען דיא בעוועגונגען קומען פאָר. דער ווילען רופט ארוים די אלער־ליי פאָרמען אין דעם „יסוד". „אלץ וואָס עס עקזיסטירט", זאָגט ג ב י ר ו ל, איז אָבהייננגיג פון ווילען. די מאַטעריע ענטהאַלט שוין אין זיך אין דער מ ע ג ל י כ ע ר עקזיס־טענץ אלע פאָרמען; זיי ווערען ארויסגערופען אין דער ו ו י ר ק ל י כ ע ר עקזיסטענץ דורך דעם ווילען". דורך דער פערבינדונג פון דעם ווילען מיט דער מאַטעריע,ביידע נויטהווענדיגע אייגענשאַפטען פון דעם „עצם הראשון", ווערט דער אוניווערזום. דער ו ו ע ר ע ן אדער דיא שעפּ־פונג דאַרף אָבער ניט בעטראַכט ווערען אלס א איינמאָל אָב־געטאָנענע זאַך, אלס א ג ע ו ו א ָ ר ע ן אָדער ג ע ש א ־ פ ע ן. דאָס איז א שטענדיגער פּראָצעס, וואָס קומט שטענ־דיג פאָר אָהן אן אויפהער און אָהן אן איבעררייס. עס איז אן אייביגער ו ו ע ר ע ן. גבירול פערגלייכט דעם שעפּפונגס־פּראָצעס צו א וואסער וואס שלאָגט פון א קוואל.

און פונקט וויא אלץ וואָס עס עקזיסטירט בעשטעהט פון דער איין־איינציגער אלגעמיינער מאַטעריע, פון דעם „יסוד", אזוי ווערט אלץ אויך דורכגעדרונגען מיט'ן ווילען.

יעדע זאך אין דער וועלט, פון דאס גרעסטע ביז דאס קלענסטע, לעבט און האלט זיך אויף דורך און אין דעם ווילען. פערשטענדליכער צו מאכען זיין געדאנק, מאכט גבירול דעם פאלגענדען פערגלייך: „דער ווירקענדער ווילען איז דער שרייבער, די מאטעריע איז דיא פאפיער, דאס אויפגעשריבענע איז דער אוניווערזום“. „אויף אזא ארט“, זאגט זאגט גבירול, קומט אויס, אז דיא עכסטע סובסטאנץ געפינט זיך און ווירקט אין אלץ, ווייל דער ווילען געפינט זיך אין אלץ“.

אין וואס פאר א שייכות דער ווילען שטעהט צו גאט איז אייגענטליך ביי גבירול ניט אין גאנצען קלאהר. פון מאנכע שטעלען קען מען ארויסדרינגען, אז דער ווילען איז בלויז אן אייגענשאפט פון גאט, עטוואס וואס ליגט אין זיין נאטור, און איז פאלגליך פונקט אזוי אייביג און ניט בעשאפען וויא גאט גופא. פון אנדערע שטעלען דאגעגען ווייזט אויס, אז דער ווילען האט אן אנפאנג און איז דארום א שעפּפונג. אין איין שטעלע אין „מקור חיים“ ווערט אויסדריקליך געזאגט : „הרצון יש לו ראשית, אבל אין לו תכלה“ — דער ווילען האט אן אנפאנג אבער ניט קיין ענדע. דער זעלבער געדאנג ווערט אויך ארויסגעזאגט אין „כתר תורה“: „ומחכמתך אצלת חפץ מזומן“ — פון דיין חכמה האסטו אבגעזונדערט א ווילען ; דער ווילען איז אלזא א שפעטערע אבזונדערונג פון גאט. דיעזער ווידערשפרוך ווערט אבער פערשוואונדען, ווען מען בעטראכט דעם ווילען אלס א קראפט וואס קען זיין אי אין א רוהיגען און אי אין א טהעטיגען צושטאנד. אין זיין רוהיגען צושטאנד איז דער ווילען איינס מיט גאט און האט קיין אנפאנג ניט. אלס א ווירקענדע קראפט, אין זיין טהעטיגען צושטאנד, איז ער א שפעטערדיגער, דאס הייסט — ער האט אן אנפאנג. דיא וועלט־שעפּפונג פאנגט זיך אן מיט דעם אריבערגאנג פון דעם ווילען פון רוהיגער אין טהעטיגער ענערגיע. אין דעם זינן איז דער ווילען א בעשאפענער. קוים אבער איז דער ווילען אריבער אין דעם

צושטאַנד פון טהעטיגקייט, בלייבט ער שוין אימער אין דעם דאָזיגען צושטאַנד, א אימּמער שאַפענדע קראַפט. דער ווילען אלס טהעטיגע קראַפט האָט דאַרום אן אָנפאַנג אָבער ניט קיין ענדע.

דאָ איז אביסעל געקוועטשט, אָבער ג ב י ר ו ל איז דערצו געצוואונגען געוואָרען, כדי זיין לעהרע זאָל שטימען מיט דער אידישער תורה, וואָס רעדט פון א ב ע ש א פ ע־נ ע און ניט פון קיין אייביג־עקזיסטירענדע וועלט. ער האָט זיך אזוי וויא אליין דערשראָקען פאַר זיין אייגענעם געדאַנק, וואָס מוז לאָגיש פיהרען צום פּ אַ נ ט ה ע א י ז ם, לויט וועלכען אלץ אין דער נאַטור איז גאָט, און גאָט און נאַטור איז איינס. וואַרום אין תוך גענומען איז ניטאָ קיין גרויסער חלוק צווישען דיא לעהרען פון ג ב י ר ו ל און ש פּ י־נ אָ ז אַ. רופט אן גבירול׳ס „עצם הראשון“ ס ו ב ס־ט אַ נ ץ; זיין „יסוד“ און „ווילען“ — א ו י ס ג ע־ש פּ ר י י ט ק י י ט און ד י י נ ק ע ן, האָט איהר פאַר זיך דעם גאַנצען שפּינאָציזמוס.

אום אויסצומיידען דיעזען פּאַנטהעאיזם האָט גבירול אריינגעבראכט אין זיין פילאָזאָפיע דעם געדאַנק פון א ווי־לען, וועלכער איז אין זיין טהעטיגען צושטאַנד אן אָבזונדע־רונג פון גאָט. דער דאָזיגער ווילען, זייענדיג אליין אן אייגענ־שאַפט פון גאָט, דיענט אויך אַלס פערמיטלער, אלס שעפּ־פער, אלס פערבינדער צווישען דעם „עצם הראשון“ און דעם „יסוד“. גאָט איז אויף אזא אופן אי א י ן דער נאַטור אי א ו י ס ע ר דער נאַטור. ער איז אין דער נאַטור דורך דעם ווילען, וועלכער דרינגט דורך דעם „יסוד“ און בעלעבט איהם אין זיינע אונצעהליגע פאָרמען; ער איז אויך אויסער דער נאַטור אלס איהר שעפּפער. אויף שפּינאָזא׳ס לשון וואָלט עס הייסען : „גאָט און וועלט זיינעןביידע נאַטור, אָבער גאָט איז דיא ש אַ פ ע נ ד ע נאַטור און דיא וועלט איז דיא ג ע ש א פ ע נ ע נאַטור“.

אין צוויי וויכטיגע פונקטען שיידעט זיך אונטער ג ב י ר ו ל ׳ ס פילאזאפיע פון דיא לעהרען פון פלאטא און זיינע תלמידים.

דער ערשטער פונקט איז דיא „מאטעריע“. ביי פלאטא איז דיא מאטעריע א עטוואס, וואס שטעהט אויסערהאלב גאט, זאגאר אין געגענזאטץ צו איהם. אין דעם אוניווערזום איז דא א מין „דואליזם“, א צוויי־איגקייט: א וועלט פון „רוחניות“ און א וועלט פון גשמיות. ביי גבירול איז דיא מאטעריע גופא אן אייגענשאפט פון גאט אוז איז אויך א רוחניות. דער אוניווערזום איז אלזא א פאלשטענדיגע אייג־הייט, א „מאנאאיזם“. פ ל א ט י נ ו ס בעטראכט שוין אפילו דיא מאטעריע אלס אן אויסשטראהלונג פון גאט, אבער אלס דיא סאמע לעצטע און דיא סאמע גרעבסטע. ביי גבירול שטעהט דיא מאטעריע אויף זעהר א הויכע מדרגה, זי איז זאגאר העכער פאר דעם „שכל־הכללי“ (דעם „וועלט־גייסט“), וועלכער בעשטעהט אויך פון דער דאזיגער מאטעריע.

דער צווייטער פונקט איז דער „ווילען“. דיא אויס־שטראהלונגען פון די אלע וועלטען פון דער ערסטער אור־זאכע קומט פאר, לויט פ ל א ט י נ ו ס, אהן אירגענד וועלכע כונה, פלאן אדער ווילען. ג ב י ר ו ל ברענגט אריין דעם ווילען, וואס דאס מיינט, אז דער „עצם־הראשון“ איז ניט אינדיפערענט צו דעם שאפונג־פראצעס וואס קומט פאר דורך איהם און אין איהם, אז ער, פערקעהרט, האט א קלארען בע־וואוסטזיין פון אלץ וואס עס קומט פאר.

דיא שעפפונג שטעלט זיך ג ב י ר ו ל פאר אלס אן אריבערגאנג פון איינפאכען צום פיעלפאכען, אלס א דיפע־רענצירונג. גאט איז דיא אבסאלוטע איינהייט, וואס מוז אלע מאל בלייבען אן איינהייט. אין זיין עצם קענען ניט פארקו־מען קיינע ענדערונגען. „דיא אלגעמיינע מאטעריע“, זאגט גבירול, „איז אויך אן איינהייט, אבער שוין ניט קיין אבסא־לוטע, ווייל זיא ווערט געענדערט לויט דיא פארמען וואס זיא נעהמט אן“.

אַלע געשאַפענע, אַפילו דיא וואָס שטעהען אויף דער העכסטער מדרגה פון דער שעפּפונג, פערליערען זייער איינ־הייט, ווייל זיי זיינען צוזאַמענגעשטעלטע. אפילו דער „שכל הכללי" (פּלאַטאָס „וועלט־נשמה") איז שוין ניט קיין אמת'ע איינהייט, ווייל ער איז צוזאַמענגעשטעלט פון דער מאַטעריע אויף וועלכע עס האָט געווירקט דער ווילען. וואָס מעהר דיא געשאַפענע ווערען דערווייטערט פון קוואַל, פון דעם „עצם הראשון", אַלץ וועניגער השפעה קריגען זיי. זיי קריגען שוין די השפעה ניט דירעקט פון דעם עצם הראשון, נור פון די בע־שאַפענע וואָס שטעהען העכער פון זיי. די אונטערשטע וועל־טען ווערען בעאיינפלוסט פון די אויבערשטע, אַזוי אַז דער „ווילען" געפינט זיך ניט מעהר ביי זיי אין דער זעלבער מדרגה פון שטאַרקייט. וואָס ניעדעריגער דיא בעשאַפענע שטעהען, אַלץ מעהר ווערען זיי פערפּיעלפאַכט און צוזאַמענ־געשטעלט. זיי פערליערען אַלץ מעהר פון דער השפעה פון דער איינהייט און ווערען אַלץ מעהר צוברעקעלט, צובראָכען און פערשיעדענאַרטיגער. אַזוי קומען פאַר אַ גאַנצע רייהע פון דיפערענצירונגען און פערגרעבונגען איינע נאָך דער אנדע־רער ביז עס קומט צו דער וועלט פון קערפּערליכקייטען, צו אונזער וועלט. דיא ניעדעריגערע וועלטען זיינען אַזוי וויא קאָפּיעס פון דיא העכערע, און זיי זיינען דערפאַר ניט אַזוי קלאָהר און בולט וויא דער אָריגינאַל.

זיי ווערען פערגרעבט און פערקערפּערט ניט ווייל גאָט'ס השפעה ווערט קלענער, נאָר ווייל זיי קענען ניט געניסען פון איהר גאַנצער שטאַרקייט, זיי קענען ניט אריינגעהמען אין זיך דיא גאַנצע שפע פון ליכטיגקייט. אַלע בעשאַפענע האָבען, צוליעב דיא געטליכע כוחות וואָס געפינען זיך אין זיי, אַ לוסט זיך צוריקצוקעהרען צו זייער קוואַל. וואָס גרעסער דיא דאָזיגע לוסט איז אין זיי, אַלץ אויף אַ העכערע מדרגה קענען זיי דערגרייכען, אַלץ מעהר השפעה קריגען זיי.

אין דיא דאָזיגע לעהרען פון ג ב י ר ו ל געפינט זיך שוין דיא גאַנצע טהעאָרעטישע „קבלה", וועלכע האָט צווישען דיא איבעריגע אויך איבערגענומען דיא לעהרע וועגען ווי־

לען. דער קאבאליסטישער „אור ווילען" („רצון הקדום") איז גבירול'ס ווילען.

די פילאָזאָפיע פון גבירול האָט פערהעלטניס־מעסיג געהאַט א קליינעם איינפלוס אויף דעם ווייטערען גאנג פון דער אידישער פילאָזאָפיע. איהר איינפלוס איז קענטיג אויף די פילאָזאָפיען פון יוסף אבן־צדיק, אברהם אבן־עזרא און מאנכע אנדערע, וועלכע האָבען אָבער געשפּיעלט א קליינע ראָלע אין דער אידישער פילאָזאָפיע. גבירול'ס פילאָזאָפיע איז צו פאנטהעאיסטיש און איז אין איהר גייסט געגען דעם אידישען מאָנאטהעאיזם, וואָס בעטראַכט די נאַטור אלס אויסער־האלב גאָט. אגב זיינען באלד געקומען אויפ'ן פעלד די פאָרקעמפּפער פון דער אריסטאָטעלשער פילאָזאָפיע און די פערזאָנען פון אברהם אבן־דאוד און דעם רמב"ם. דער אריסטאָטעליזם האָט פערטריעבען די אלע אנדערע פילאָזאָפישע שיטות. דער פלאטאניזם און דער ניי־פלאטאניזם האָבען געפונען פלאטץ אין די געהיימע לעהרען פון די מקובלים. דער קאמפף, וואָס איז שפּעטער פארגעקומען געגען דעם רמב"ם און זיינע תלמידים איז טהיילווייזע געוועזן א קאמפף צווישען דער פלאטאָנישער און אריסטאָטעלשער פילאָזאָפיען.

* * *

דער מענש איז, לויט גבירול, אן „עולם קטן", א מיקראָקאסמאס, א מיניאטור בילד פון דעם אוניווערזום, פון דעם „עולם גדול". „זיין גוף מיט די גליעדער קענען פערגליכען ווערען צו דער מאטעריע און איהרע פאָרמען; זיינע פערלאנגען, בעגעהרען, און בעוועגונגען קענען פערגליכען ווערען צו דעם ווילען; זיין שכל קען פערגליכען ווערען צום „עצם־הראשון".

די מענשליכע נשמה איז א טהייל אדער ריכטיגער אן אויסשטראהלונג פון דער גרויסער וועלט־נשמה, און האָט זיך איהר אייגענע, אייביגע עקזיסטענץ, אין גאנצען אונאבהענגיג פון גוף. אריינקומענדיג אין גוף קען זי מעהר די זאכען

ניט בעגרייפען אזוי קלאָהר, וויא זיא האָט עס געקענט פריי־הער. דיא איינדריקע פון דיא ערפאהרונגען, וואָס מיר קריגען דורך אונזערע חושים זיינען נאָר אבשפּיעגלונגען פון דיא אמת'ען. זיי דיענען אלס אנרעגונגען פאר דער נשמה, כדי זיא זאל זיך קענען פערטיעפען אין זיך און זיך ד ע ר מ אָ ה נ ע ן יענע אמת'ען, וועלכע זיא האָט אזוי קלאָהר בעגריעפען בשעת זיא האָט זיך אויפגעהאלטען אין די העכערע וועלטען.

דיא אויפגאבע פון דעם מענשען איז דארום צו שטרעבען צו דערגרייכען יענע אמת'ען, זיך צו פעראייניגען מיט דיא העכערע וועלטען. וואס דאס איז דאס גרעסטע און דער אמת'ער גליק פון דעם מענשען. דאס איז דער ציעל פון לעבען. דאָס קען דערגרייכט ווערען, ווען דער מענש וועט זיך בע־פרייען פון דיא קייטען פון זיין גוף, ווען ער וועט אויסמיי־דען אלץ וואָס האָט צו טהאָן מיט דער וועלט פון דיא חושים, מיט די אלערליי פערלאנגען און תאוות, וואס דערלאָזען ניט דיא נשמה צו שטרעבען צו איהר העכסטען ציעל.

וויא אזוי דער מענש דארף זיך אויפפיהרען, וואָס ער זאל טהאָן און וואס ניט טהאָן, כדי ער זאל קענען דערגרייכען יענעם העכערען ציעל, דיא דאָזיגע פראגען האָט גבירול בע־האנדעלט אין א ווערק איבער עטהיקס, וועלכע הייסט „תקון מדות הנפש“. אין פיעלע פּרטים איז דער דאָזיגער ספר עהנ־ליך צום „חובות הלבבות“.

VIII.

ר׳ יצחק אלפסי און זיין דור. ער איז געווען געצוואונגען צו פערלאזען פאס איז דער עלטער פון פינף און זיעבציג יאהר צוליעב א מסירה. די בעדייטונג פון זיין גרויטע תלמודישע ווערק „דער אלפס“. זיינע תלמידים. יוסף אבן־מיגאש. יוסף אבן־צדיק און זיין פילאזאפיע. זיין ספר „עולם קטן“. אברהם בר הייא הנשיא אדער אברהם סאוואסארדא, דער ערשטער העברעאישער שרייבער פון וויסענשאפטליכע ספרים. זיינע ווערקע און זיין פילאזאפיע.

דער גרויסער פארטשריט וואס די אידען פון שפאניען האבען אין יענער צייט געמאכט אויף די געביעטען פון דער פילאזאפיע, די וויסענשאפטען און פאעזיע, האט זיי ניט געשטערט זיך אויך צו אבגעבען מיט דעם שטודיום פון דעם תלמוד. דערצו האט פיעל בייגעטראגען דער בעריהמטער יצחק אל־פסי (אלפאסי).

ר׳ יצחק אלפסי איז אליין ניט געווען קיין שפאניער. ער איז געבארען געווארען אין יאהר 1013 אין א קליין שטעדטעל ניט וויט פון פאס (פעטץ), אין צפון אפריקא. אין דעם עלטער פון פינף און זיבעציג יאהר, אלזא אין יאהר 1088, האט ער צוליעב א מסירה געמוזט אנטלויפען פון דארטען. ער איז אנגעקומען קיין קארדאווא, דאן איז ער אריבער קיין גראנאדא און האט זיך ענדליך בעזעצט אין לוצענא, וואו ער איז געווארען רב און ראש־ישיבה. זיין ישיבה האט באלד געקראגען א גרויסען נאמען, און פון גאנץ שפאניען זיינען צו איהם געקומען תלמידים, צווישען

ר׳ יצחק אלפסי.

וועלכע עס האבען זיך געפונען די גרעסטע מענשען פון זיין צייט. ר׳ יהודה הלוי, וועלכער איז נאך דאמאלסט געוועזען נאך א יונגער בחור׳ל איז אויך געוועזען איינער פון די תלמידים אין אלפסי׳ס ישיבה.

בעריהמט איז ר׳ יצחק אלפסי געווארען דורך זיין גרויסע ווערק, וועלכע האט זיך גערופען „הלכות״ אדער „הלכות אלפסי״, און וועלכע איז עד היום בעקאנט אונטער דעם נאמען „דער אלפס״. דער דאזיגער ספר ווערט נאך ביז היינט בעטראכט אלס איינער פון די גרעסטע און וויכטיגסטע ספרים אין דער תלמודישער ליטעראטור.

דער וואס איז בעקאנט מיט דעם תלמוד ווייס גאנץ גוט, ווי שווער עס איז פון דארטען ארויסצוקריגען די נויטיגע „הלכות״. דער תלמוד איז ניט קיין איינפאכער געזעץ־בוך, וואו די געזעצע ווערען ארויסגעזאגט קלאהר און דייטליך, אהן שום חלוקי דעות און דעבאטען, אזוי אז יעדער איינער קען גלייך וויסען דעם דין. דער תלמוד איז ניכער א מין ענציקלאפעדיע פון געזעטץ, וואו עס זיינען ארייגענומען געווארען אלע מיינונגען וועגען א בעשטימטען געזעטץ און זיין בעגרינדונג, וואו עס זיינען ארייגענומען געווארען סאי דיא „דאפירם״ און סאי דיא „דאגעגענס״ צוזאמען מיט די ארגומענטען און די ראיות פון דיביידע צדדים. אין א געוויסען הינזיכט איז דער תלמוד עהנליך צו א מין סטענאגראפישען רעפארט פון א מאדערנער געזעטץ־געבענדער קערפערשאפט, וואו די רעדעס און די מיינונגען פון די געזעטצגעבער ווערען איבערגעגעבען ווערטערליך.

אגב געפינען זיך אין תלמוד אויך אבהאנדלונגען וועגען געזעטצע, וואס האבען מעהר ניט קיין פראקטישע בעדייטונג, ווי, למשל, די דינים וועגען קרבנות, טומאה, מעשר, תרומה און דערגלייכען. א חוץ דעם בעשעפטיגט זיך דער תלמוד מיט פיעלע אנדערע פראגען, וואס האבען קיין שייכות ניט מיט דעם געזעטץ. דאס איז דער טהייל, און דאס איז א גאנץ גרויסער טהייל, וואס איז בעקאנט אונטער דעם נאמען „אגדה״ אדער „הגדה״. דארטען ווערען בעהאנדעלט

פילאָזאָפישע, עטהישע, רעליגיעזע, היסטאָרישע און נאַטור־וויסענשאַפטליכע פראַגען.

דאָס אַלעס האָט געבראַכט דערצו, וואָס ניט יעדער איז געווען ביכולת פון דאָרטען אַרויסצודרינגען דעם געזעטץ. דערצו האָט איינער געמוזט זיין אַן אויסערגעוועהנליך גרויסער קענער פון תלמוד. פאַר דעם דורכשניט'ס מענשען אָדער אפילו פאַר די קלענערע רבנים איז עס געווען אַן אונמעגליכקייט. שוין מאַנכע פון די ערסטע „גאונים" האָבען איינגעזעהן די דאָזיגע שוועריגקייטען. און זיי האָבען געפּרובירט מאַכען ספרים, וואו די געזעטצע זאָלען ווערען איבערגעגעבען קלאָהר און דייטליך אָהן די אַלע פלפולים און דעבאַטען.

דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון ר' יצחק אלפסי אין זיין ווערק. און זיין אַרבייט איז איהם פאָלשטענדיג געלונגען. זיין ווערק איז געווען אַ פערקירצונג פון תלמוד, אַ מין „קצור הש"ס". ערסטענס האָט ער פון דאָרטען אַרויסגעלאָזען דיא אַלערליי „אגדות" און דרשות אַלס עטוואָס, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט דעם געזעטץ גופא. דאַן האָט ער אויך אַרויסגעלאָזען דיא אַלע „הלכות", וואָס האָבען פערלאָרען זייער בעדייטונג פאַר די היינטיגע צייטען. דערצו האָט ער, און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע, אַרויסגעלאָזען די אַלע אונגוייטיגע דיסקוסיאָנען און דעבאַטען, לאָזענדיג אין טעקסט בלויז די אַנגענומענע און אָנערקענטע מיינונג. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אָבער געהאַלטען, אויף אַזוי פיעל ווי עס איז געווען מעגליך, אָן דעם סדר און אָן דעם לשון פון תלמוד גופא. אויף אַזאַ אופן האָט ער געמאַכט מעגליך פאַר יעדען איינעם צו קענען וויסען דעם דין.

זיין ווערק האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין דער דאַמאָלסדיגער תלמודישער וועלט. דאָ און דאָרטען האָבען זיך געפונען מאַנכע געלעהרטע, וואָס זיינען אַרויס מיט קריטיקען געגען איהם, אָבער בכלל איז דער „אלפס" באַלד אָנערקענט געוואָרען אַלס אַן אויטאָריטעט. אפילו זיינע קריטיקער

גיעבען עס צו, און נאָר אין וועניגע פלעצער זיינען זיי מיט איהם ניט איינפערשטאַנדען. דער רמב"ם, וועלכער האָט שפּעטער, אונטער דעם איינפלוס פון אלפס, צוזאַמענגעקליבען די אַלע הלכות פון תלמוד און זיי סיסטעמאַטיזירט אויף א וויסענשאַפטליכען אופן און אין א וויסענשאַפטליכען סדר, זאָגט, אז „העכסטענס אין צעהן הלכות קען מען ניט זיין איינפערשטאַנדען מיט'ן אלפס".

אין דעם יאָהר 1103, אלזאָ אויפ'ן נייינציגסטען יאָהר פון זיין לעבען, איז ר' יצחק אלפסי געשטאָרבען. צווישען די וואָס האָבען געשריבען הספד־לידער אויף זיין טוידט געפינען זיך די פּאָעטען משה־אבן עזרא און יהודה הלוי.

נאָך אלפסי'ס טוידט האָט פערנומען זיין שטעלע אלס רב און ראש־ישיבה ר' יוסף אבן מיגאש. דער אלפסי אליין האָט איהם אויסגעקליבען פון אלע זיינע תלמידים אלס דעם יעניגען, וועלכער איז ראוי צו פערנעהמען זיין פּלאַץ. אבן מיגאש, איז נאָך דאַמאַלסט געווען א יונגער מאַן פון זעקס און צוואַנציג יאָהר, אָבער ער האָט זיך שוין געהאַט ערוואָרבען א גרויסען נאָמען אלס תלמודיסט. לויט ווי דער „ספר הקבלה" דערצעהלט, האָט דער אלפס אויף איהם געשריעבען אין זיין סמיכה: „אז אפילו אין משה'ס דור האָט מען ניט געקענט געפינען אזאַ חכם ווי ער". דער רמב"ם, וועמעס פאָטער'ס רבי ער איז געווען, געפינט גאָר ניט גענוג ווערטער אויסצודריקען זיין בעוואונדערונג איבער די געוואַלדיגע פעהיגקייטען, קענטניסע און טיעפקייט פון אבן מיגאש. פון זיינע ווערק איבער דעם תלמוד און פון זיינע „תשובות", פון וועלכע א טהייל זיינען געשריבען אין אראַביש, זיינען אָבער גאַנץ ווייניג געבליעבען.

„זיין אבשטאַמונג פון אן אלטער, גרויסער און רייכער פאַמיליע, די גרויסע שטעלע וואָס ער האָט פערטראַטען אלס רב און ראש ישיבה אין די אנגעזעהענסטע אידישע קהלה, האָט ניט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט שטאָלץ. ער איז געבליבען דער בעשיידענער מילדער מענש ווי ער איז געווען פריהער.

די מילדקייט פון זיין כאראקטער האָט איהם אָבער ניט גע־שטערט צו געברויכען די שטרייננסטע מיטלען, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען דעם כלל ישראל" (גרעטץ).

עס זיינען דאמאלסט געווען אונרוהיגע צייטען אין שפּאניען. מיט א געוויסע צייט צוריק זיינען די אלמאָ־ראווידס אריבערגעקומען פון אפריקא קיין שפּאניען כלמרסט אויסצוהעלפען די אַרטיגע אראבער געגען די קריס־טען. עס איז זיי אויך געלונגען צו פערטרייבען די קריסטען. אָבער ביסלעכווייז האָבען זיי פערשקלאפט זייערע אייגענע בלויבענס־גענאָסען גופא. עס איז געקומען דערצו, וואס צייי־טענווייז פלעגען די מאָהאמעדאנער זין פעראייניגען מיט די בענאכבארטע קריסטען, אום צו בעקעמפּפען אמאָל א מאָהא־מעדאנישען און אמאָל א קריסטליכאָן הערשער. די אידען האָבען זיך גאנץ אָפט געפונען ווי צווישען צוויי פייערען, און ניט אלע מאָל איז געווען מעגליך צו בלייבען נייטראל. זיי זיינען געצוואונגען געוואָרען דורך די אומשטענדען אמאָל זיך צו פעראייניגען מיט איין צד און אמאָל מיט דעם אנ־דערען. דאָס איז געווען ווי געוואונשען פאר די פערקויפטע נשמות, וועלכע פלעגען צוליעב זייערע פערזענליכע צוועקען און אמביציעס פאר׳מוסר׳ען די אידען דאָ צו דעם און דאָ צו יענעם צד, ווי עס האָט זיך בעסער געלוינט פאר זיי. אזא מוסר האָט זיך געפונען אין דער לוצענא׳ר קהלה, וועלכער האָט געסטראשעט, אז ער וועט פערמוסר׳ען די אידען. ר׳ יוסף אבן־מיגאש, וועלכער איז אויך געווען דער ריכטער, האָט גע׳פּסק׳ענט, אז איהם קומט דער טוידט, און דער מוסר איז פערשטייניגט געוואָרען אום יום כפור.

*   *   *

א צווייטער בעריהמטער תלמיד פון אלפסי איז גע־ווען ר׳ יוסף אבן־צדיק (געבאָרען אין יאָהר 1080 און געשטארבען אין יאָהר 1148). נאָכ׳ן טוידט פון ר׳ יוסף אבן סאהאל, וועלכער איז געווען א חוץ א

תלמודיסט אויך א בעריהמטער פאעט, האט יוסף אבן־צדיק פערנומען זיין שטעלע אלס „דיין“ אין קארדאווא.

ר' יוסף אבן־צדיק איז געווען א בעריהמ־טער תלמודיסט און האט אויך געשריעבען ליעדער, אבער פון זיינע תלמודישע שריפטען זיינען גאר ניט געבליבען און פון זיינע ליעדער זיינען געבליעבען בלויז איניגע. דערפאר איז אבער געבליבען פון איהם א ווערק איבער פילאזאפיע, וועלכע ער האט געשריעבען אין אראביש. דער אריגינאל איז פער־לארען געגאנגען און ס'איז נאר געבליעבען די העברעאישע איבערזעצונג אונטער דעם נאמען „עולם קטן“, דיא „קליינע וועלט“ אדער „מיקראקאסמאס“.

די הויפט אויפגאבע וואס אבן־צדיק האט זיך געשטעלט אין זיין ספר, איז צו בעווייזען, אז דער מענש איז דער צענטער פון דער וועלט און אז אלץ וואס עס געפינט זיך אין דעם גרויסען אוניווערזום, אין דעם „עולם גדול“ געפינט זיך אויך אין דעם מענשען, אין דעם „עולם קטן“. עס איז דערפאר זעהר וויכטיג, אז דער מענש זאל זיך אליין וויססען, ווארום פון דעם וויסען פון זיך אליין, וועט ער אויך קענען וויסען דעם גאנצען אוניווערזום, וועלכער איז דאך ניט מעהר וויא א פארגרעסערונג פון איהם, פון מענשען.

אום דאס צו בעווייזען בענוצט זיך אבן־צדיק מיט אלע וויסענשאפטען, מיט פסיכאלאגיע, פיזאלאגיע, פיזיק, בעמיע און דערגלייכען, ווי זיי זיינען דאמאלס פערשטאנען געווארען. זיין ספר ווייזט אוים ווי א מין קאמפענדיאום (קצור) פון אלע וויסענשאפטען אין יענער צייט, און איז שוין דערפאר אליין פון גרויסער היסטארישער בעדייטונג פאר די וואס אינטערעסירען זיך מיט דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון די וויסענשאפטען.

די ערסטע פראגע, וואס איהם אינטערעסירט איז: פון וואנען נעהמט זיך אונזער וויסען? אונזער וויסען, ערקלעהרט ער, נעהמט זיך פון אונזערע חושים און אונזער שכל. מיט די חושים קענען מיר נאר בעגרייפען דאס שאלעכץ, די „קלפה“, די אויסערליכקייט פון די געגענשטאנדען. דער

שכל דרינגט אריין אין זייער תוך. מיר זעהען א געוויסען געגענשטאַנד און מיר רופען עס אָן, לאָמיר זאָגען, „בוך". די אויג זעהט נאָר א בעשטימטען קאָליר און פאָרמע; עס איז דער שכל, וואָס קומט צום שלוס, אז דאָס געזעהענע איז א בוך. די חושים ברייננגען אונז נאָר איינצעלנע איינדריקע; עס איז דער שכל וואָס בינדט זיי צוזאַמען און פעראַלגעמיינט זיי. די חושים גיבען אונז פרטים; דער שכל גיט אונז כללים.

אונזער וויסען קען איינגעטהיילט ווערען אין צוויי קלאַסען: אזעלכע וואָס דאַרפען ניט בעוויזען ווערען און אזעלכע וואָס דאַרפען ערסט בעוויזען ווערען דורך דער לאָגיק. די אמת'ען וואָס דאַרפען ניט בעוויזען ווערען קענען זיין א רעזולטאַט אָדער פון אונזער חושים, ווי צום ביישפיעל, אז די זון שיינט, אָדער פון אונזער שכל, ווי צום ביישפיעל, אז א טהייל איז קלענער וויא דאָס גאַנצע. די אמת'ען וואָס קומען דורכ'ן שכל שטעהען אויף א העכערע מדרגה.

דאַן דיסקוטירט ער די פראַגע פון מאַטעריע, וואו עס איז שטאַרק קענטיג דער איינפלוס פון גבירול. ער גלויבט, ווי גבירול, אז אויך די רוחניות'דיגע „נבראים" בעשטעהן פון מאַטעריע און פאָרם, כאָטש זייער מאַטעריע איז פון אַן עדלערען מין. די מאַטעריע פון די גשמיות'דיגע וועלט בעשטעהט פון פיער עלעמענטען, וועהרענד די מאַטעריע פון רוחניות'דיגע וועלטען האָט א בעזונדערען עלעמענט, א פינפטען עלעמענט (אריסטאָטעלס „קווינטא עססענציא").

די פיער עלעמענטען זיינען: פייער, לופט, וואַסער, און ערד. די עלעמענטען קענען פערוואַנדעלט ווערען איינע אין די אנדרע. וואַסער ווערט פון היטץ לופט; לופט ווערט צוריק וואַסער דורך קעלט. דער יסוד פון די עלעמענטען איז „סאַבסטאַנץ", דאָס וואָס פערנעהמט פלאַץ: ברייט, לענג און טיעפקייט.

די דריי „קעניגרייכען" פון דער נאַטור: מינעראַלען, פלאַנצען און לעבעדיגע בעשטעהען פון די פיער עלעמענטען. דער מענשליכער קערפער בעשטעהט אויך פון די פיער עלע־

מענטען און ער האט אין זיין נאטור די אייגענשאפטען פון די אלע דריי „קעניגרייכען". ער פערנעהמט פלאטץ ווי די מינעראלען; ער וואקסט און פערמעהרט זיך ווי די פלאנצען; ער בעוועגט זיך ווי די לעבעדיגע. דער מענש האט אבער אין זיך אויך א עטוואס, וואס עס שטאמט אב פון די העכערע וועלטען, — דאס איז זיין שכל.

דער מענש האט אייגענטליך דריי נשמות: די ערסטע איז די נשמה פון פלאנצונג. ער קריגט איהר גלייך, ווי עס פעראייניגט זיך די „זריעה" פון מאן מיט דער אייעלע פון דער פרוי און ער פאנגט אן צו וואקסען. ווען דאס קינד האט זיך שוין אויסגעבילדעט, דאן קריגט ער די נשמה, וואס גיט לעבען און וואס דריקט זיך אויס אין בעוועגונג און אין די פערלאנגען. די דריטע נשמה, אדער דער שכל, קומט אם שפעטסטען.

קיינער, מיינט ער, קען גאר ניט צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון א שכל'דיגער נשמה ביים מענשען. דער בעסטער בעווייזט אויף דעם איז, וואס דער מענש איז דער איינציגער צווישען די חיות, וואס קען ריידען און דיינקען. די נשמה איז א רוחניות, ווייל אויב זי וואלט געווען א קערפער וואלט זי געמוזט האבען אלע אייגענשאפטען פון א קערפער, זי וואלט געמוזט פערנעהמען פלאטץ, האבען א פארמע און קאליר, א געווינט און אזוי ווייטער. דערצו וואלט זי גופא, זייענדיג א קערפער, געמוזט האבען א נשמה איהר צו בעלעבען, און יענע נשמה וואלט געמוזט האבען אן אנדער נשמה ביז דער אונענדליכקייט, וואס דאס איז דאך אונמעג־ליך.

דאן געהט אבן צדיק אריבער צו דער בעהאנדלונג פון די פערשיעדענע מענשליכע מדות, ווי כעס, מורא, צער, שמחה. ער פרובירט זיי ערקלעהרען אויף פסיכאלאגיש־פיזיא־לאגישע יסודות, לויט ווי די דאזיגע וויסענשאפטען זיינען דאן געווען בעקאנט. ער רעדט דארטען אויך וועגען שלאף, און זוכט צו ערקלעהרען, ווארום דער מענש מוז שלאפען

אינטערעסאנט איז זיין ערקלעהרונג, ווארום דאָס הארץ דאַרף ניט שלאָפען: „ווייל זי רוהט צווישען איין קלאַפּ און דעם אנדערען".

די נשמה בעזיצט „שכל" אין דער מעגליכקייט: ער ווערט ארויסגערופען אין דער ווירקליכקייט דורך דעם לערנען און שטודיום. די אויפגאבע פון מענשען איז ארויסצוברייגנען דעם שכל פון דער מעגליכקייט אין דער ווירקליכקייט.

די עקזיסטענץ פון אזוי פיעל איינצעלנע נשמות, וועלכע האָבען אלע אין זייער עצם די זעלבע אייגענשאפטען בעווייזט, אז זיי שטאַמען אלע אָפּ פון איין מקור, וועלכער איז די גרויסע וועלט-נשמה. זיי זיינען אָבער ניט אבגעזונדערטע חלקים פון דער וועלט-נשמה; די וועלט-נשמה ווערט ניט צובראָקעלט אין קליינע חלקים, זי בלייבט אימער ווי געוועזען אָהן שום ענדערונגען. זי ווירקט אזוי ווי די זונן, וועלכע ווערט ניט פערקלענערט דורך איהרע אויסשטראהלונגען. די נשמות זיינען אזוי ווי אויסשטראהלונגען פון דער גרויסער וועלט-נשמה.

אבשטאַמענדיג פון דעם זעלבען מקור האָבען אלע נשמות די זעלבע מעגליכקייטען. די אונטערשיידונגען וואָס מיר זעהען אין די נשמות פון דעם גוטען און דעם שלעכטען מענשען, פון דעם געלעהרטען און אונוויסענדען נעהמען זיך דערפון, וואס די גופים זיינען ניט ביי אלעמען גלייך אויסגעעדעלט און גערייניגט געוואָרען. דער פערגרעבטער גוף, דורך זינד און תאוות, דורך ניט לערנען און שטודירען, קען ניט קריגען די זעלבע השפּעה, ווי דער גערייניגטער און געהייליגטער גוף. דער מענש האָט די ברירה ביי זיך אין האנד; ער קען, דורך גוטע טהאטען און דורך לערנען, מאַכען, אז זיין גוף זאָל קריגען א גרעסערע השפעה. טהוט ער עס ניט, ווערט ער בעשטראָפט; טהוט ער עס יע, קריגט ער זיין בעלוינונג.

ביי די נשמה איז ניט שייך קיין שלעכטע מדות. לויט איהר עצם נאָך, לויט איהר אבשטאַמונג, איז זי דורכאויס

גוט. דאס וואס מיר רופען שלעכטע מדות זיינען בלויז די אבוועזענהייט פון די גוטע. שלעכטס מיינט די אבוועזענהייט פון גוטס; נארישקייט די אבוועזענהייט פון חכמה.

פון דעם שטודיום פון זיין אייגענעם גוף קען דער מענש זיך ערווערבען זיינע ידיעות וועגען דער קערפערליכער וועלט בכלל; פון דעם שטודיום פון זיין שכלדיגער נשמה, קען ער אויספארשען די סודות פון די רוחניות'דיגע וועלט בכלל. א מענש מוז דערפאר זיך אליין גרינדליך שטודירען, ווייל נאר דאן קען ער אנפאנגען צו בעגרייפען גאט.

און דא געהט אבן־צדיק איבער צו בעגרינדען און צו בעווייזען די עקזיסטענץ פון גאט. ער זאגט וועגען דעם ניט ארוים קיין איינציגען נייעם געדאנק. פונקט ווי זיינע פארגעג־נער צווישען די אראבישע און אידישע פילאזאפען זוכט ער צו בעווייזען גאט'ס עקזיסטענץ פון דער שעפפונג. די וועלט קען ניט זיין אייביג, ווייל זי איז א צוזאמענגע־שטעלטע. קוים האט זי אבער אן אנפאנג מוז זי דאך האבען אן אורזאכע פאר איהר עקזיסטענץ. דיעזע אורזאכע פון אלע אורזאכען איז גאט.

גאט מוז זיין איינער, אויביג און אונענדליך. ווארום אויב ער איז בעגרענעצט אין צייט אדער פלאטץ מוז ער גופא אויך האבען א שעפפער, זיין שעפפער אן אנדער שעפפער ביז דער אונענדליכקייט, וואס דאס איז אונמעגליך. זיין גאנצער געדאנקען־גאנג איז דער זעלבער ווי ביי סעדיה־גאון, בחיי און די איבריגע.

ווי גבירול רעדט אויך אבן־צדיק וועגען גאט'ס ווילען אלס די שאפענדע קראפט. ער זעהט קלאהר די שוועריגקייטען, וואס זיינען פערבונדען מיט דער דאזיגער לעהרע. אויב גאט'ס ווילען איז אויביג און אונפערענדערבאר ווי גאט גופא, און איז בלויז אן אונפערמיידליכע אייגענ־שאפט פון זיין וועזען, דאן מוז דאך די וועלט וואס קומט ארוים פון דעם ווילען אויך זיין אויביג; דער ווילען איז דאך

אַן אויביג שאַפענדע קראַפט. אויב אָבער מיר ווען זאָגען, אַז דער ווילען איז ניט אויביג און אַז ער האָט אָנגעפאַנגען צו טהאָן זיין שאַפענדע ארבייט ערסט אין א בעשטימטער צייט, דאַן ווילען מיר דאָך מוזען זאָגען, אַז עס איז פאָרגעקומען א געוויסע ענדערונג אין גאָט, וואָס דאָס איז דאָך אונמעגליך. ער פּרובירט זיך דאָרטען ארויסצודרעהען פון דער דאָזיגער קשיא דערמיט, וואס ער ערקלעהרט, אַז „צייט" גופא איז אויך בעשאפען געוואָרען, און אַז דערפאר קענען מיר ניט פרעגען וואָס עס איז געווען פריהער, ווייל דאַן איז נאָך קיין „צייט" איבערהויפּט ניט געווען. ער ענדיגט אָבער: „אין דעם" (אין דער פראגע פון גאָט'ס ווילען) „ליגט א סוד וואָס לאָזט זיך ניט ערקלעהרען".

* * *

נאָך א גרויסער געלעהרטער און בעדייטענדער פילאָזאָף האָט געלעבט אין יענער צייט, אברהם בר חייא הנשיא. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1065 און געשטאָרבען אין 1136. ער איז אויך בעקאַנט אַלס „אברהם דער איד" און „אברהם סאַוואַסאָרדאָ". ער איז געווען איינער פון די ערסטע, וואס האָבען בעקאַנט געמאכט די קריסט-ליכע איירָאפּא מיט דער אראביש-אידישער וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע, איבערזעצענדיג פיעלע וויכטיגע אראבישע ביכער אין לאטייניש.

א חוץ איבערזעצונגען האָט ער אנגעשריעבען א היבשע צאָהל אָריגינעלע ספרים אין העברעאיש, און האָט אויף אזא אופן בעקאנט געמאכט די אידען פון פראנקרייך און דייטש-לאַנד מיט דער אידיש-שפאַנישער פילאָזאָפיע און וויסענ-שאַפט. ער איז געווען דער ערסטער אידישער שרייבער, וואָס האָט געשריעבען וויסענשאַפט אין העברעאיש. צווישען זיינע ספרים, פון וועלכע ניט אַלע זיינען געבליבען אין גאנצען, געפינט זיך אַן אבהאנדלונג איבער געאָמעטריע, וואָס איז איבערזעצט געוואָרען אין לאַטייניש. אַן אבהאנדלונג איבער העברעע מאַטהעמאַטיק און אסטראָנאָמיע; אַן אסטראָנאָ-

מישע אבהאנדלונג אונטער דעם נאָמען „צורת הארץ“, וועל־כע איז אויך איבערזעצט געווארען אין לאטייניש און פראנ־צויזיש; אבהאנדלונגען איבער אסטראלאגיע (שטערענזע־העריי). דערצו געפינען זיך זיינע אסטראָנאָמישע טאבלען און אן אבהאנדלונג וועגען דעם אידישען קאלענדאר אונטער דעם נאָמען „ספר העבור“, וועלכער איז אין פאָריגען יאָהרהונדערט צום ערסטען מאָל געדרוקט געוואָרען אין לאָנדאָן.

איבער פילאָזאָפיע האָט ער אָנגעשריעבען א קליין ווערק אונטער דעם נאָמען „הגיון הנפש“, בעטראכטונגען פון דער נשמה. אין זיין פילאָזאָפיע איז ער שטארק בע־איינפלוסט געוואָרען פון ג ב י ר ו ל און איז זעהר עהנליך אויף א ב ן ־ צ ד י ק'ס, וועמעס ספר „עולם קטן“ ער האָט אָבער ניט געזעהן. דער „הגיון הנפש“ איז געשריעבען אין דער פאָרמע פון א מוסר־ספר, בעפוצט מיט דרשות און ער־קלעהרונגען פון פסוקים. אין זיין עטהיק איז ער עהנליך צו בחיי.

IX.

(ר׳ משה אבן־עזרא און זיין אונגליקליכע ליעבע. — דער איינפלוס דערפון אויף זיין פּאָעזיע. — זיינע וועלטליכע און רעליגיעזע ליעדער. — משה אבן־עזרא אלס ליטעראטור־קריטיקער. — זיין פילאזאפיע).

ר׳ משה אבן־עזרא ווערט בעטראכט אלס איינער פון דיא דריי גרעסטע העברעא־ישע פּאָעטען, וואָס דאָס שפּאַנישע יודענטהום האָט פון זיך ארויסגעגעבען אין זיין „גאָלדענעם צייט־אלטער". איינער פון זיי, ר׳ שלמה אבן־גבירול, איז געוועזן משה אבן עזרא׳ס פאָרגייענגער און געוויסערמאססען אויך זיין אינדירעקטער רבי; דער אנדערער, רבי יהודה הלוי, איז געוועזן זיין איגגערער צייט גענאָסע און איינער פון זיינע נאָהענ־סטע פריינד און בעוואונדערער.

ר׳ משה אבן־עזרא איז געבאָרען געוואָרען אין גראַ־נאדא אין יאָהר 1070. זיין פּאָטער, ר׳ יעקב, האָט פערנומען א חשובע רעגיערונגס־שטעלע אונטער דעם וויזיר ר׳ שמואל הנגיד. זיי זיינען געוועזן פיער ברידער, אלע געלערענטע און בעריהמטע מענשען, אָבער משה איז געוועזן דער גרעסטער און פעהיגסטער צווישען זיי.

אין זיין יוגענד האָט ער זיך פערליעבט אין זיינע א פּלימעניצע, א טאָכטער פון זיין עלטסטען ברודער, יצחק. זי האָט איהם אויך געליעבט, אָבער איהרע עלטערען און די פאמיליע האָבען צוליעב אן אונבעקאַנטער אורזאכע דעם

שידוך ניט דערלאָזען, און דער פּאָעט האָט זיך געפונען גע־צוואונגען צו פערלאָזען זיין שטאָדט און לאנד און ארומוואנ־דערען אין דער פרעמד. ער איז ארומגעפאָהרען איבער קאסטיליען און פארטוגאל, האָפענדיג אז ער וועט דאָרטען פארגעסען אן זיין אונגליקליכער ליעבע. דאָס האָט איהם אָבער אפנים ווייניג געהאָלפען: ער האָט זיין ליעבע ניט געקענט פארגעסען. ער איז איהר געבליעבען טריי ביז זיין טוידט און האָט, ווי עס ווייזט אויס, קיינמאָל ניט חתונה געהאַט.

זיין וואנדער־לעבען האָט ער בעשריעבען אין פיעלע ליעדער, וואו ער בעקלאָגט זיך ביטער אויף זיין שיקזאַל, אויף דיא שלעכטס פון זיינע ברידער, וואָס האָבען איהם צובראָ־כען זיין לעבען, און אויף דיא פאלשקייט פון זיינע פריינד, וואָס האָבען איהם פערלאָזען. זיין פריינד ר' יהודה הלוי האָט איהם, ווי עס איז דאמאָלס געווען די מאָדע צו שרייבען בריעף אין ליעדער, אויפגעפאָדערט אין א ליעד, אז ער זאָל צוריק קומען אהיים און אויפגעבען זיין וואנדער־לע־בען אין דער פרעמד, אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען. ר' משה האָט איהם געענטפערט אין א ליעד, וואו ער גיסט אויס זיין גאנצען צער און זיין גאנצען כעס אויף זיינע אייגע־נע ברידער וואָס האָבען איהם פון זיך פערשטויסען.

פערוואָגעלט אין דער פרעמד און ליידענדיג אלערליי צרות, האָט ער אלץ געטראכט וועגען זיין געליעבטער און זיין פערלאָזענעם פאָטערלאנד. דאָס פאָלגענדע איז איינע פון זיי־נע ליעדער אין יענער צייט:

איך בעשווער מיט מיין ליעבע, אייך טויבען,
אייך טויבען ווי וואָלקענס וואָס יאָגען,
צו מיינע דערוויטערטע פריינד און בעקאנטע
פון מיר א גערוס ברייננגט צו טראָגען.

א גערוס צו מיין ליעבסטער, וואָס האָט איז
מיין הארצען

אָן אייביגען נעסט זיך געוואונען;
אָהן איהר וואָלט איך לאַנג שוין מיין לעבען
פערמיאוסט.
וואָלט ליעבערסט דעם טוידט זיך געפונען.

איך האָב צוליעב איהר זיך דורך פיין און
דורך אנגסטען
אליין אין דער פרעמדקייט פארטריבען;
אָ, טראָגט אַ געררוס פון אַ וואַנדערער, טויבען,
צו דער, וואס מיין זעעלע טהוט ליעבען.
(איבערזעצט פון ה. לייוויק).

זיין געליעבטע האָט ענדליך חתונה געהאַט מיט אַן אַנ־דערען, וויא עס ווייזט אויס מיט זיינעם אַן אינגערען ברודער. דאָס האָט צושטערט זיין לעצטע האָפנונג, אז זיינע קרובים וועלען סוף כל סוף איינזעהען דעם אונרעכט וואָס זיי זיינען בעגאַנגען געגען איהם און וועלען איהם לאָזען חתונה האָבען מיט זיין געליעבטער. לאַנג האָט זיא ניט געלעבט. זי איז געשטאָרבען אין קינפעט, און פאר'ן טוידט האָט זי דערמאָנט זיין נאָמען. ווען ער האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער אָנגעשריעבען א גרויסען ליעד, פון וועלכען די פאָליענדע זיי־נען א פּאָאַר פערזען:

זי האָט געבוירען אַ קינד — ניט צום האַלזען,
שוין מעהר ניט פערלאָזען די בעט;
זי האָט אַלץ דערמאָהנט איהר געליעבטען,
מיט ליפּען מיט טוידטע גערעדט.

זי האָט אלץ דערמאָהנט איהר געליעבטען.
מיט'ן אָטהעם, מיט'ן לעצטען פערכאַפּט;
ביין טהיר פון איהר קבר די ליעבע
האָט שטיל מיט די פינגער געקלאַפּט.
(איבערזעצט פון ה. לייוויק).

דער גרויסער אונגליק, וואס האט זיי אלעמען געטראפען אין דעם טוידט פון טאכטער, ווייב און געליעבטע האט דערנענטערט די ברידער, און זיי האבען ענדליך געמאכט שלום צווישען זיך. משה האט זיי אלעמען איבערלעבט — ער איז געשטארבען אין עלטער פון אכט און זעכציג יאהר — און האט אויף זיי אלעמען געשריבען הספדים אין לידער. ער איז געבליעבען דער איינציגער פון זיין פאמיליע. און אין איינע פון זיינע לידער בעקלאגט ער זיך: „צו האט די צייט געגען מיר א בונט געמאכט פון מיר אזא שוידערליכע נקמה צו נעהמען און מיין גאנצע פאמיליע צו פערשניידען?“ ער האט זיך אבער אזוי ווי געטרייסט מיט'ן געדאנק, אז באלד, באלד וועט ער אויך געהן אהין, וואו זיי זיינען אלע געגאנגען:

עס האבען מיך מיינע געדאנקען געטריבען
צו געהן און בעזוכען דעם פלאץ, יענעם ליעבען.
וואו פאטער און מוטער און פריינד מיינע ליגען,
איך האב זיי געגריסט און זיי האבען געשוויגען.
זיי האבען גערעדט מיט א לשון א שטומען:
צו פריהער צו שפעטער, דו וועסט צו אונז קומען
(איבערזעצט פון אברהם רייזען)

* * *

משה אבן־עזרא איז איינער פון דיא פרוכטבארסטע העברעאישע פאעטען פון זיין צייט. ער האט געשריבען זעהר פיעל „סליחות“ און תפילות (אריבער צוויי הונדערט), וועלכע געפינען זיך אין דיא פערשיעדענע „ספרדישע“ מחזורים. צוליעב דעם, וואס ער האט געשריבען אזוי פיעל סליחות האט מען איהם אויך גערופען ר' משה „הסלח“. דער סליחה־מאכער. זיינע סליחות, ווי אלע זיינע לידער, צייכנען זיך אויס מיט דער רייכקייט פון דער שפראך און מיט זייערע שעהנע, כאטש גאנץ אפט געקינסטעלטע, פארמען. בנוגע די רייכקייט און דיא בויגזאמקייט פון זיין שפראך האט

ער צו זיך קיין גלייכען ניט. אין דיזער הינזיכט שטייגט ער אריבער אפילו אבן-גבירול און יהודה הלוי. איהם פעהלט אבער דיא טיעפקייט פון פיהלען, די אינערליכע נשמה-ווארימקייט, וואס מען טרעפט אין אזא גרויסע מאס ביי דיא אויבענדערמאנטע צוויי. סאי אין זיינע נאציאנאלע און סאי אין זיינע ריין-רעליגיעזע ליעדער איז דער דאזיגער חסרון שטארק קענטיג. עס קען זיין, אז דאס נעהמט זיך דער־פון, וואס ער האט געשיינקט צו פיעל אויפמערקזאמקייט אויף די פארמען. דערפאר האט ער אבער א גרויסע מעלה, וואס ער ווייס ווי אויסצודריקען זיינע געדאנקען אין זעהר ווייניג ווערטער. ווי אלע אריענטאלען פאלט ער אויך אריין גאנץ אפט אין איבערטרייבענעסען און גוזמאות, אבער קיין איבעריגע מליצות זיינען ביי איהם ניטא. ער קען אין א פאאר שורות אויסדריקען א געדאנק, וואס אן אנדערער וואלט אויף דעם געדארפט אנשרייבען גאנצע פערזען.

א חוץ זיינע „הייליגע" ליעדער, א חוץ דיא סליחות און תפילות, האט ער אויך אנגעשריעבען אריבער דריי הונדערט „וואכעדיגע" ליעדער, איבער וועלטליכע ענינים. פון זיי איז צו זעהן, אז משה אבן-עזרא איז ניט שטענדיג געווען א פאעט פון טרויער, אז ניט אלע מאל האט ער געוויינט און גע־קלאגט. ער האט אויך געוואוסט פון דער פרעהליכערער זייט פון לעבען. ער בעזינגט די נאטור, ער בעזינגט „וויין, ווייב און געזאנג", די טענצערינס אין די האלען, „די גאלדענע פליסיג־קייט אין די זילבערנע בעכערען", דעם געזאנג פון די פויגלען, דעם מורמלען פון וואסער-פאלען און אזוי ווייטער. אט ווי ער בעזינגט דעם אנקומען פון פריהלינג:

אנגעטהאן האט זיך דער גארטען
אין א גרין געוועבטען קלייד:
יעדער בוים, אין גאלד געקעסטעלט,
אויפגעפעטנט האט זיין פרייד.

צו בעגעגענען דעם פריהלינג
אלע בלומען, קליין און גרויס,
טאנצען אלע, און אפריהער
טאנצט דיא קעניגין די רויז.

פון איהר תפיסה — פון די קנאָספען —
רייסט זי זיך ארויס אליין, —
ווער עס טרינקט פאר איהר קיין ווייז ניט
יענער טהוט א זינד בעגעהן.
(איבערזעצט פון ה. לייוויק).

זיין גרעסטע פאָעמא איז בעקאנט אונטער דעם נאָמען „ענק (שנירעל פעריל) אויך אונטער דעם נאָמען „תרשיש“, ווייל זי ענטהאלט צוועלף הונדערט און צעהן שורות. זי בעשטעהט פון צעהן טהיילען. יעדער קאפיטעל אָדער טהייל בעהאנדעלט א בעזונדערען געגענשטאנד. דארטען ווערט גערעדט וועגען ליעבע, וויין און געזאנג; וועגען די שעהנקייטען פון דער נאטור; וועגען די פאלשקייטען פון פריינד; וועגען די שלעכטסקייט פון עלטער; וועגען דעם צער פון לעבען און דעם טוידט; וועגען האפנונג אין גאָט און וועגען די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דער פאָעזיע.

די פארמע פון דער דאָזיגער פאָעמא איז איינע פון דיא שווערסטע. זיא איז געשריעבען אין קורצע פיער־שורה׳דיגע סטאנצען, און דער גראם בעשטעהט פון ווערטער וואס האָבען דעם ז ע ל ב ע ן קלאנג, אָבער אן אנדערע בעדייטונג. נאָר אזא מייסטער פון דער שפראך ווי מ ש ה א ב ן־ ע ז ר א האט זיך געקענט פערגינען אזא מין לוקסוס. אבער אויך איהם איז עס ניט אין גאנצען געלונגען. אין פיעלע פלעטצער קומט ארויס דער געדאנק צוקריפעלט און איינגעקרעמפפט. דיא דאָזיגע פארמע האָט משה אבן עזרא איבערגענומען פון מאנכע פון די אראבישע פאָעטען, און זי איז בע־

קאַנט אונטער דעם נאָמען „אל־מקמת“ (אל־מאַקאַמט). פאָל־
גענדע זיינען איניגע ביישפּיעלע :

זנח דודים עלי אכל אהבוך, ועל בגד ;
ועת כמו בד ימים להרע, בגדו בגד.

(פערלאָז די פריינד וואָס ליעבען דיר צוליעב עסען און
א בגד ; און קומען שלעכטע צייטען ווערען זיי דיר פאַלש).
אין די ערסטע שורה מיינט דער וואָרט „בגד“ — א קלייד ;
אין דער צווייטער שורה מיינט ער — פאַלש.

אשרי רואה כל טוב עולם חציר יצמח תוך גן ירק,
ונצורת לב יחשוב תבל, ובפניה ירוק ירק.

(וואויל איז דעם, וואָס בעטראַכט די וועלט וויא גראָז
וואָס וואַקסט אין א גאָרטען א גרינעם, וואָס בעטראַכט דיא
וועלט וויא א פרוי א פאַלשע און טהוט אין איהר פּנים
שפּייען). דער וואָרט „ירק“ אין דער ערסטער שורה מיינט —
גרין ; אין דער צווייטער שורה — שפּייען.

כמעיה הדם תמה צ ב י ה עת תרקוד
ופרע שערה תפרע ;
תמית בחציה ומדמי אותם משכרת ולא תפרע.

ווי א מירטען־צווייג בייגט זי זיך, די שעהנע, ווען זיא
טאַנצט מיט איהרע האָאר צו וואָרפען ; זי טוידטעט מיט
איהרע פייליען, פון מיין בלוט זעטיגט זי זיי אָן, און ווערט
ניט בעשטראָפט). דער וואָרט „תפרע“ אין דער ערסטער שורה
מיינט — צוּוואַרפענע האָאר; אין דער צווייטער שורה —
בעשטראָפונג.

משקה החיש, מזרק כסף מלא ממי זהב שחוט ;
חלש יגבר בו, רק גבור ישוב מאין שלח שחוט.

(דעם געטראַנק אהער ! א זילבערנעם בעכער אָנגע־
פילט מיט דיא גאָלדענע וואסער, די אויסגעדריקטע ; דער

שוואכער ווערט שטארק דערפון, נאר דער שטארקער קעהרט זיך אום ווי אהן א שווערד געשאכטען). דער ווארט „שחוט“ אין דער ערסטער שורה, מיינט אויסגעדריקט, אויסגעפרעסט, די וויין וואס ווערט אויסגעדריקט פון די טרויבען; אין דער צווייטער שורה — געשאכטען.

* * *

א חוץ מיט פאעזיע האט זיך משה אבן עזרא אויך אבגעגעבען מיט ליטעראטור־קריטיק און מיט דער גע־שיכטע פון ליטעראטור. ער האט אנגעשריעבען אין אראביש א בוך איבער דער העברעאישער פאעזיע.דער בוך איז איבער־זעצט געווארען אין העברעאיש אונטער דער נאמען „אשכול הכופר“ פון אן אונבעקאנטען שרייבער; פון דער העברעאי־שער איבערזעצונג זיינען נאר געבליעבען קליינע טהיילען. אין דעם דאזיגען בוך מאכט ער די בעהויפטונג, אז די אידען האבען זיך בעזעצט אין שפאניען נאך אין די צייטען פון ער־סטען חורבן. ער מיינט, אז דער ווארט „ספרד“ וואס איז דער־מאנט אין „עובדיה“ מיינט שפאניען. דארטען ווערט צווישען די איבריגע בעהאנדעלט די העברעאישע פאעזיע פון דער ביבעל, און ער בעהויפטעט, אז אין דער אלטער העברע־אישער פאעזיע איז ניטא ניט קיין מעטער און ניט קיין גראם. דאס האבען די שפעטערע העברעאישע פאעטען איבערגענו־מען פון די אראבער. ער זוכט צו ערקלעהרען די בעזונדערע פעהיגקייט פון די אראבער צו פאעזיע דורך די רייכקייט פון דער נאטור און די שעהנקייט פון דעם קלימאט אין וועלכען זיי לעבען. דאן גיט ער די געשיכטע פון די שפאנישע העברע־אישע פאעטען, געבענדיג א קורצע כאראקטעריסטיק פון די וויכטיגסטע צווישען זיי. וועגען אבן־גבירול צום ביישפיעל זאגט ער: „גבירול איז געוועזען א פאלקאמענער שריפטשטעלער, וועלכער האט אין דער פאעזיע דערגרייכט דיא העכסטע מדרגה. ער ווייס זיך וויא צו בענוצען מיט די ערעלסטע אויסדריקע און איז דערפאר פון אלעמען בעטראכט געווארען אלס דער מייסטער פון ווארט, און קינסטלער פון

פּערז. זיין סטיל איז גלאַט, זיינע אויסדריקע פליסיג, די גאַנ־
צע בעהאַנדלונג פון געגענשטאַנד איז פול מיט חן. אַלע האָ־
בען געקוקט אויף איהם מיט בעוואונדערונג; אַלע זיינע נאָכ־
פאָלגער האָבען זיך בענוצט מיט די געשטאַלטען וואָס ער האָט
אויף דער שפּראַך אַרויפגעדריקט. אונזער יונגער דיכטער איז
געווען גרוים אין אַלע אַרטען פון דער דיכטונג; אין לויב־ליע־
דער ווי אין הספדים און פילאָזאָפישע ליעדער. זיינע פריינד־
שאַפט ליעדער זיינען פול מיט צאַרטליכקייטען; זיינע רעלי־
גיעזע ליעדער ריהרען צו טרעהרען; זיינע מאָראַלע ליעדער
צוטרייסלען טיעף אונזערע הערצער. אָבער אויך זיינע סאַ־
טירען זיינען געווען שאַרף און שטעכיג. פילאָזאָף ווי ער איז
געווען, איז ער דאָך געווען אַן אויפגערייצטער מענש, און דאָס
האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף זיין שכל".

די דאָזיגע אָבשעטצונג פון גבירול'ען, וועלכע ווערט דאָ
ציטירט לויט קארפּעלעסען („געשיכטע דער אידי־
שען ליטעראַטור") איז, קורץ ווי זי איז, פאַלשטענדיג גענוג,
אַז דער לעזער זאָל זיך בילדען אַ פאָרשטעלונג וועגען דער
פּערזענליכקייט און ליטעראַרישער טהעטיגקייט פון גבירול.
פון דער דאָזיגער כאַראַקטעריסטיק אַליין קען מען זעהן, אַז
משה אבן־עזרא איז געווען ניט בלויז אַ גרויסער פּאָעט, נאָר
אויך אַ בעדייטענדער קריטיקער.

משה אבן־עזרא האָט זיך אויך בעשעפטיגט מיט דער
פילאָזאָפיע. ער האָט אָנגעשריעבען אַ ווערק וועגען פילאָזאָ־
פיע אין אַראַביש, וועלכע איז איבערזעצט געוואָרען אין העב־
רעאיש אונטער דעם נאָמען „ערוגת הבשם" (דער בשמים־
בייט). ער ציינגט דאָרט אַרויס אַ גרויסע בקיאות אין דער גרי־
כישער און אין דער אַראַבישער פילאָזאָפיען. צווישען די אַי־
בעריגע דערמאָנט ער דאָרטען דיא נעמען פון די גריכישע פי־
לאָזאָפען סאָקראַטעס, פּלאַטאָ, אַריסטאָ־
טעלעס, דעם אַראַבישען אַלפאַראַבי און די אידי־
שע סעדיה גאון און אבן־גבירול.

דער „ערוגת הבשם" שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין סיס־
טעמאַטישע אָבהאַנדלונג איבער פילאָזאָפיע. דאָס איז גיכער

א מין זאמלונג פון פערשיעדענע געדאנקען פון אנדערע פילאָזאָפען און שרייבער. פון געוויסע שטעלען איז צו זעהן, אז ער איז בעאיינפלוסט געוואָרען פון א ב ן ־ ג ב י ר ו ל, כאָטש ביי איהם ווערט גבירול'ס „יסוד הכללי" אָנגערופען „שכל הפועל".

בקיצור זיינען זיינע לעהרען דיא פאָלגענדע :

גאָט איז א פאָלשטענדיגע און אן אבסאלוטע איינהייט. אזוי וויא אונזערע אויגען קענען ניט זעהן די זונן צוליעב די שטאַרקייט פון איהרע ליכט־שטראהלען, אזוי קענען מיר אויך ניט בעגרייפען גאָט צוליעב דיא פאָלקאָמענהייט פון זיין וועזען. דאָס ענדליכע און בעגרעניצטע קען נ'ט בעגרייפען דאָס אונענדליכע און אונבעגרעניצטעס. מיר קענען דארום גאָט ניט געבען קיינע נעמען אָדער איהם צושרייבען וועלכע־ניט־איז אייגענשאַפטען. דאָס וואָס אין דער ביבעל געפינען זיך אזעלכע אויסדריקע איז עס מעהר ניט בדרך משל.

דער מענש איז אן „עולם קטן", א מיניאטור־בילד פון דעם אוניווערזום, אין איהם געפינט זיך אין א זעהר קליינע פארם אלץ, וואָס עס געפינט זיך אין דער גאנצער שעפּפונג. ער איז דיא מייסטער־ווערק פון דער גאנצער בריאה.

די ערסטע שעפּפונג פון גאָט איז דער „טהעטיגער אינטעלעקט" („שכל הפועל"), וועלכער איז אן אויסשטראהלונג פון גאָט'ס ווילען. דער שכל־הפועל בעשטעהט פון אזא מין עדעלע מאַטעריע אין וועלכער עס געפינען זיך שוין אין דער מעגליכקייט די אלערליי פארמען וואָס עקזיסטירען. דורך איהם איז די וועלט געוואָרען.

און אזוי ווי אין דעם „עולם גדול" געפינען זיך פערמיטלער צווישען די חומריות'דיגע וועלט און גאָט, אזוי איז אויך אין דעם „עולם־קטן", אין דעם מענשען, פאראנען פערמיטלער צווישען גוף און שכל. דאָס זיינען דער „רוח" און דער „נפש". אין דעם מענשליכען לעבען זיינען דאָ טהעטיגקייטען און פונקציאָנען, וואָס מען געפינט אויך ביי געוויקסע, ווי צום ביישפיעל וואקסען, נעהרען זיך און פערמעהרען זיך. עס זיינען דאָ אנדערע פונקצ'אָנען, וואָס מען טרעפט נאָר ביי חיות,

ווי צום ביישפּיעל בעוועגען זיך. די ערסטע פונקציאָנען זיינען אונטער דער אויפזיכט פון „רוח"; די לעצטע ווערען בעאיינ־פלוסט פון „נפש". זייביידע זיינען עם די פערמיטלער צוויר־שען דעם מענשליכען גוף און זיין העכערען וועזען, — דעם שכל.

אין זיין פילאָזאָפיע איז משה אבן־עזרא א ניי־פלאַטאָ־ניקער.

X.

(ר׳ יהודה הלוי׳ס יוגענד. זיינע ליעדער פון יענער צייט. ר׳ יהודה הלוי אַלס דאָקטאָר. זיין בעשלוס צו פאָהרען אין ארץ ישראל. זיין שטורמדיגע רייזע אויפ׳ן ים. זיין אויפהאַלט אין מצרים. זיין אַנקומען אין ארץ ישראל. זיין בעריהמטע קלאָג־ליעד „ציון הלא תשאלי?“ און די לעגענדע וועגען זיין טראַגישען טוידט. זיין נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פילאָזאָפישע פּאָעזיע. זיין פילאָזאָפיע און דער „כוזרי“).

ר׳ יהודה הלוי איז געבאָרען געוואָרען אין ט אָ ל ע ד אָ, ש פּ א נ י ע ן, אין יאָהר 1085 אָדער 1086. דאָס קומט אויס בערך אין דער צייט, ווען דיא שטאָדט איז אריבערגעגאנגען אין קריסטליכע הענד, אונטער דער הערשאַפט פון א ל פ אָ נ ז אָ דעם זעקסטען. צום גליק איז א ל פ אָ נ ז אָ געווען איינער פון דיא װעניגע קריסטליכע הערשער אין יענער צייט, וועלכע זיינען ניט געוועזן פערבלענדעט פון זייער ווילדען רעליגיעזען פאַנאַטיזם. א ל פ אָ נ ז אָ אַליין איז געווען א מענש, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פּאָעזיע און דיא וויסענשאַפטען. דיא אראַבער און דיא אידען, וואָס זיינען געווען אונטער זיין הערשאַפט האָבען פריי און אונגעשטערט זיך געקענט אָבגעבען מיט זייער קולטורעלער טהעטיגקייט. ט אָ ל ע ד א איז פאַר א היבשע צייט נאָכדעם נאָך אַלץ געבליבען אונטער דעם איינפלוס פון דער אראַבישער שפּראַך און קולטור, און דאָס האָט געהאַט אויך אַ גוטע ווירקונג אויף דיא קריסטען.

ר׳ יהודה הלוי׳ס פאטער, ר׳ ש מ ו א ל פון ק א ס־ ט י ל י ע ן, איז געווען א חשוב׳ר און פערמעגליכער מענש. ער האט געהאט דיא מעגליכקייט צו געבען זיין איינציגען זוהן א גוטע ערציהונג. ר׳ יהודה הלוי האט ניט געוואוסט פון דחקות און צרות אין זיינע יונגע יאהרען, ער האט ניט גע־ דארפט אנקומען צו פערשיעדענע מעצענאטען, וויא עס איז געווען דער פאל מיט זיין גרויסען פארגייענגער אבן־גבירול. ער האט פערבראכט א רוהיגע, גליקליכע יוגענד, און דאס האט זיך אבגעשפיגעלט אין זיין יוגענד־פאעזיע. ער האט דאן בעזונגען דיא שענקייטען פון דער נאטור, דיא ליעבע, וויין און דערגלייכען. זיין מוזע איז געווען א פרעהליכע, א צופרי־ דענע, צייטענווייז זאגאר א שטיפערישע. זיא איז ניט בע־ טריבט און ניט טרויעריג וויא גבירול׳ס.

ווען ער איז נאך געווען א גאנץ יונגער בחור׳ל, האט איהם זיין פאטער געשיקט שטודירען אין ל ו צ ע נ א אין דיא בעריהמטע ישיבה פון ר׳ י צ ח ק א ל פ ס י. דאר־ טען האט ער געלערענט תלמוד און דארטען האט ער געקרא־ גען דיא מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט דיא גרעסטע תלמודיסטען פון זיין צייט וויא י ו ס ף א ב ן־מ י ג א ש, י ו ס ף א ב ן־צ ד י ק און אנדערע. ר׳ יהודה הלוי איז בכלל געווען א גליקליכער מענש מיט דיא פריינד, וואס ער האט זיך ערווארבען. פון זיין פריהעסטער יוגענד איז ער שוין געווען בעפריינדעט מיט דיא גרעסטע מענשען פון זיין צייט.

פאר א פראפעסיע האט ער זיך אויסגעקליבען מעדי־ צין. ווער עס זיינען געווען זיינע לעהרער אין מעדיצין איז ניט בעקאנט. עס איז אויך ניט בעוואוסט אויף וויפיעל ער האט זיך אין דעם אויסגעצייכענט, ווייל קיין מעדיצינישע אבהאנדלונגען זיינען פון איהם ניט געבליבען. ער האט זיך אבער ערווארבען א גרויסע פראקטיקע אין זיין געבורטס־ שטאדט ט א ל ע ד א, וואו ער האט זיך בעזעצט נאכדעם וויא ער האט גענדיגט זיין שטודיום. אין אייגעם פון זיינע

בריעף צו א פריינד בעקלאָגט ער זיך, וואָס זיין פּראַקטיקע איז צו גרויס און זיא רויבט פון איהם אוועק זיין גאנצע צייט.

זיין פּאָעטישער טאלאנט האָט זיך פאַרנאַנדערגעבליהט, ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג. עס געפינען זיך פון איהם ליעדער, וועלכע זיינען געשריעבען געוואָרען ווען ער איז נאָך געווען א אינגעל פון פערצעהן־פופצהן יאָהר. צווישען דיא ערסטע ליעדער זיינע בעלאַנגען זיין קלאָג־ליעד אויפ'ן טוידט פון „אלפסי", א חתונה־ליעד צו ר' יוסף אבן־מיגאש און מאַנכע אַנדערע.

ר' יהודה הלוי שיינט אויך געווען גליקליך צו זיין אין זיין ליעבע. וויא מען קען ארויסזעהן פון געוויסע שטעלען אין זיינע ליעבעס־ליעדער האָט ער שפּעטער חתונה געהאַט מיט זיין הערצענס־געליעבטע, וועמעס שעהנקייט, ליעבליכקייט און חן ער האָט בעזונגען אין אזעלכע פייערדיגע פערזען. וויא עס ווייזט אויס איז איהם זיין פרוי געשטאָרבען, ווען ער איז נאָך געווען א מאַן אין אָנפאַנג פון די מיטעלע יאָהרען. עס איז איהם פון איהר געבליעבען א טאָכטער, וועלכע זאָל לויט א לעגענדע האָבען חתונה געהאַט מיט אברהם אבן־עזרא. זיין טאָכטער און איהרען א קינד, וועמעס נאָמען עס איז געווען יהודה דערמאָנט ער אין זיינע ליעדער.

אין זיין פּאָעזיע האָט ר' יהודה הלוי צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראטור, אחוץ אבן־גבירול. אבן־גבירול'ס רעליגיעזע און רעליגיעז־פילאָזאָפישע ליעדער זיינען פיעלייכט צאַרטער און טיעפער וויא יהודה הלוי'ס, אָבער דערפאַר קען זיך דער ערסטער ניט פערגלייכען צום צווייטען אין זיינע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע ליעדער. אין דיעזער הינזיכט שטעהט יהודה הלוי אַליין און העכער וויא אַלע אַנדערע אידישע פּאָעטען ביז היינטיגען טאָג. זיין גאַנצע נשמה, זיין גאַנצער וועזען איז דורך און דורך אָנגעזאָפּט מיט דעם צער און דיא צרות פון זיין פאָלק.

ר׳ יהודה הלוי׳ן האָט קיין זאַך ניט געפעהלט. ער איז געווען רייך, איז געליעבט און געעהרט געוואָרען פון זיינע פיעלע פריינד און פערעהרער, האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען נאָמען און איז געפייערט געוואָרען פון זיינע צייט־גענאָסען אלס דער גרעסטער פּאָעט און גרויסער געלעהרטער, אָבער זיין פּערזענליכער גליק האָט איהם ניט צופריעדען געשטעלט, האָט ניט בערוהיגט זיין ליידענדע הארץ. ער האָט געליטען ניט זיינע אייגענע פּערזענליכע צרות, נאָר דיא צרות פון דעם גאנצען כלל, די צרות פון דעם פערוואָגעלטען פּרינץ, דעם צער פון דער שכינה, וואָס געפינט זיך אין גלות. דאָס אידישע פאָלק, דאָס אידישע לאַנד און דיא אידישע תורה זיינען איהם גלייך ליעב און טהייער געוועזן. ער האָט זיי אַלע צוזאמען בעטראכט וויא איין גאנצעס; זיי זיינען אלע אזוי ענג צוזאמענגעבונדען, אז איינער אָהן דעם אנדערען קען גאָר קיין קיום ניט האָבען.

דיא גרויזאמע פערפאָלגונגען, וואָס דיא אידען האָבען געהאַט אויסצושטעהן אין דיא ארומיגע קריסטליכע לענדער; דיא אונטערדריקונגען פון דיא אידען אונטער די נייע מאָהאמעדאנישע הערשער, דיא אַלמאָראַווידען, צוזאמען מיט דער פעראכטונג, וואָסביידע צוזאמען האָבען ארויסגעצייגט צום אידישען פאָלק, ווייל עס האָט ניט קיין אייגען לאַנד און קיין אייגענע מלוכה, וואָס איז דאמאָלסט געווען דער בעסטער בעוויז, אז גאָט האָט פערמיאוסט און פערוואָרפען דיא אידען, — דאָס אלעס האָט איהם פערביטערט זיין לעבען. ער האָט פערלאָזען דיא קריסטליכע טאָלעדאָ און האָט זיך בעזעצט אין דער מאהאמעדאנישער קאָרדאָווא, אָבער אויך דאָרטען האָט ער געפונען דיא זעלבע האס און פעראכטונג. אין פיעלע פון זיינע ליעדער און תפילות בעקלאָגט ער זיך, וואָס דיא אידען האָבען צו ליידען פון ביידען, סאי פון דיא קריסטען („אדום״) און סאי פון דיא מאהאמעדאנער („הגר״). דאן איז איהם אריינגעקומען דער געדאנק, אז ארץ ישראל איז דער איין איינציגער

פלאטץ, וואו דאס אידישע פאלק קען געפינען זיין רוהע. ער האט געבעטען און געהאפט, אז גאט זאל און וועט שיקען דעם ערלייזער, אבער דאס איז פאר איהם געווען נאך ווייניג. ער האט בעשלאסען אליין צו פאהרען אהין, צו בעגיסען דאס הייליגע לאנד מיט זיינע טרעהרען, צו קושען זיינע שטיי־נער, ארייצואטהעמען זיין נשמה־לופט און צו וויינען אויף זיינע חורבות.

אומזיסט האבען איהם מאנכע פון זיינע פריינד געפרו־בירט אבהאלטען פון זיין בעשלוס, אומזיסט האבען זיי איהם אנגעצייגט דיא געפאהרען פון אזא רייזע, דיא געפאהרען פון ימים און מדבריות, ר׳ י ה ו ד ה ה ל ו י איז געבליע־בען ביי דאס זייניגע. ער האט פאר זיי אלעמען געהאט איין ענטפער: „צו האבען מיר אין מזרח אדער מערב אזא פלאץ וואו מיר קענען זיין זיכער?" אין איינעם פון זיינע ליעדער דערצעהלט ער, וויא זיינע פריינד ווילען איהם ניט דערלאזען צו דער נסיעה:

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס ווילען מיר פריינד און געליעבטע פערהאלטען—
איך הער און איך שוויג און לייד נור
בעהאלטען.
וואס זאל איך זיי זאגען? וואס זאל איך
דערקלעהרען?
זיי וועלען פערשטעהן דען מיין וויטאג דעם
שווערען?
צי קען איך פערשטיקען מיין הערצענ׳ס
פערלאנגען,
פערשקלאפט וויא א פויגעל ביי קינדער
געפאנגען?
ביי מיר אין די אויגען איז פינסטער דער שיין,
און ביטער צום גומען דער זיסעסטער וויין.

עס האָט מיר די קנעכטשאפט מיין לעבען
פערביטערט.
און אנדערע געטער מיין גלויבען ערשיטערט.
געפּלאגט און געשלאָגען, געדריקט און געמאַטערט
האָט אימער מיין זעלע געביינקט און געפּלאטערט
אהין, וואו עס זיינען בעגראָבען געוואָרען
די היילינע אבות, די לוחות, דער ארון.

(איבערזעצט פון י. י. שווארץ)

אין יאָהר 1141, ווען ער איז געווען אין עלטער פון פינף און פופציג יאָהר האָט יהודה הלוי אונטערגענומען זיין רייזע קיין ארץ ישראל. בעזאָרגט מיט נענוג הוצאות האָט ער זיך מיט א פּאָאר פריינד געזעצט אויף א שיף צו פאָהרען אין מצרים, פון וואנען ער האָט ברעה געהאט פארטצוזעצען זיין רייזע נאָך ארץ ישראל. נאָך א לאנגע און שווערע רייזע אין איינע פון דיא דאמאָלסטדיגע קליינע און ענגע זעגעל־שיפלעך איז ער ענדליך אָנגעקומען קיין אלעק־סאנדריא. פון זיין רייזע אויפ'ן ים איז אונז געבליבען א רייהע פון ליעדער, וועלכע קענען גערעכענט ווערען צווישען זיינע בעסטע.

.1

כוואליעס יאָגען, כוואליעס שלאָגען,
רוישען, קאָכען אין דעם מעער;
ס'זידט דאָס וואסער, ראש און ראשער
מישט זיך, טראָגט זיך ווילד און שווער.

תהומות לאכען, תהומות קראכען
ס'הילכט א בייזער דונער קול;
בערגער טהורמען, בערגער שטורמען,
ס'ברעכט זיך איין א גהינם־טהאָל.

די שיף זי ציטערט, בויגט זיך, פליטערט
האָט פערלאָרען לאנג איהר וועג; —

נור אָהן מורא, כ׳האָף צום בורא
װעלכער שנײדט אין ים אַ שטעג.

כװאַליעס קומען, כװאַליעס ברומען,
ס׳ברעכט דער װינד פון מאַסט דעם בױם ;
ביז צום הימעל אין געטימעל
שפּריצט אַ זילבער-װײסער שױם.

ס׳זידט אָהן פלאַמען, ניט צום צאַהמען —
ס׳געהט אַ שיכור-טאַנץ די שיף ;
און בעזױפען, װיל פערקױפען
איהרע אָפּפער צו דער טיעף

דער לױתן װי א חתן
לאַדט די װאַלפיש איין צום פעסט ;
אַלץ געצװױנגען, אַלץ פערשלינגען
זוכט דער ים און ברומט און פרעסט.

2.

עס דאַנקט, גרױסער גאָט, דיר מײן זעעלע
און ס׳לױבט דיר מײן טיעפסטער געזאַנג ;
בײ איטליכען שטורם פון די כװאַליעס,
בײ איטליכען שטורעם געדראַנג.

װען ס׳שפּרײט אױס דאָס שיף װי א בושעל
די פליגעל און טראָגט מיך גאַנץ שנעל ;
און אױך װען דער תהום קאָכט און שטורעמט
װי נאַכגעאַהמט װאָלט ער מײן זעעל.

עס פרעגעלט דער ים זיך אין פלאַמען
און ס׳זידט װי א קעסעל די טיעף.
די װאַל-פיש געגרײט צו דער סעודה
בעגלײטען אין מחנות די שיף.

כ׳פערגעס אויך מיין איינציגע טאָכטער,
מיין שוועסטער-נשמה, מיין פרייד ;
איהר זוהן וואָס זיין אבשייד, אויף שטיקער
צוריסען מיין הארץ האָט מיט לייד.

די פרוכט מיינע לענדען׳ס, מיין ציערונג,
קען יהודה יהודה׳ן *) פערגעסען ?
וואָס בעטרעפט עס אנטקעגען דיין ליעבע
וואָס האָט מיין נשמה בעזעסען ?

ביז כ׳וועל דיינע טויערען בעטרעטען,
די טויערען פון הייליגער שטאָדט
און כ׳וועל אלס א קרבן מיין הארצען
עס מקריב זיין דיר, גרויסער גאָט !
און מיין קבר זאָל ליעבע פערצעהלען,
מיין גרוים ליעבע צו דיר, שטאַרקער גאָט !

(איבערזעצט פון י. י. שווארץ)

.1

אָנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט —
פלוצים האָט ער זיך צובייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפען שוין אנטקעגען
ווילד און בייז מיט ווייסען שוים,
כוואליעס לייבען, כוואליעס שלאַנגען,
אויסגעוואקסען פון דעם תהום.

אָט האָט זיך א טאָהל געעפענט,

*) זיין אייניקעל האָט אויך געהייסען יהודה.

אַט שטעהט אויף אַ הויכער בארג —
פלאטער, זעגעל! בויג זיך, מאסטבוים!
דו, מיין הארץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסען גאָט אין הימעל,
ימים שפאלט ער מיט זיין האַנד;
אויף זיין פליגעל מיט זיין שטורם
טראָגט ער דיך צום ליעבען לאנד.

.2

מיט דער לבנה-שיין פערזילבערט,
וויט רינצעלט זיך דער וואסער-שפיגעל;
פערשפרייט האָט זיך אויף אונז די נאַכט
מיט איהר בלאָ-סאַמעטענעם פליגעל.

ס'איז נישט קיין נאַכט — ס'א מלכת-שבא!
געהילט אין בלאָס, מיט גאָלד בעפּליטערט,
שטיל אטעמט זי, און אויף איהר ברוסט
שעמערירט דאָס גאָלד, שעמערירט און ציטערט.

ווי שאָף צושפרייט, די קליינע כוואליעס
שטיל וויגען זיך אין לייכטען דרימעל,
עס ציטערען אין ים די שטערען —
ווער איז דאָ ים און ווער איז הימעל?
צוויי ימ'ען שלאָפען דאָ צוזאמען
צונויפגעלייגט ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים אין מיטען שלאָפט נישט:
מיין הארץ מיט זיינע נייע ליעדער.

(ח. נ. ביאליק נאָך ר' יהודה הלוי)

אין אלעקסאנדריא איז ער עמפּפאנגען געוואָרען מיט גרויס כבוד. די פארשטעהער פון דער דאָרטיגער אידישער קהלה זיינען איהם ארויס מקבל פנים זיין. אהרון-בן-ציון אבן

א ל אַ מ א נ י, דער רב און דאָקטאָר פון אלעקסאנדריא, אליין אויך אַ דיכטער, האָט איהם אריינגענומען צו זיך אין הויז, דריי מאָנאַט האָט זיך יהודה הלוי אויפגעהאלטען אין אלעקסאנדריא ביז וואנען ער האָט זיך ערהאלט פון זיין שווע־רער נסיעה. דאַן האָט ער בעשלאָסען פאָרטצוזעצען זיין רייזע.

זיינע פריינד אין מצריים האבען איהם געפּרובירט אי־בעררעדען, אז ער זאָל בעסער דארטען פערבלייבען, אבער ר׳ י ה ו ד ה ה ל ו י איז געבליעבען ביי דאס זייניגע. אין אַ ליעד בעט ער זיך ביי זיי, אז זיי זאָלען איהם מעהר ניט פערהאלטען, וויל ער האָט מורא, אז עס קען איהם נאָך טרע־פען אַ סבה און ער וועט ניט זוכה זיין צו זעהן דאָס לאַנד פון זיין בעגעהר. „מיין וואונש איז צו זיין געשיצט אין דיא פליעגלען פון גאָט און צו זיין דארטען, וואו מיינע עלטערען זיינען געוועזן.“

אין ק א א י ר א האָט דאמאלס זיך אויפגעהאלטען ר׳ שמואל אבו־מאנסור, וועלכער האָט פערטראַטען אַ וויכ־טיגע רעגיערונגס־שטעלע. ער איז, וויא עס ווייזט אויס, אויך געוועזן דער אנערקענטער הויפּט פון דיא אלע עגיפּטישע אי־דען. דער דאזיגער אבו־מאנסור האָט איינגעלאַדען ר׳ יהודה הלוי׳ן צו זיך אין קאאירא. ווען ר׳ יהודה הלוי איז אהין גע־קומען, האָט איהם אבו־מאנסור אנגעבאָטען געלד צו דעקען דיא קאָסטען פון זיין רייזע. ר׳ יהודה הלוי האָט זיך שעהן בעדאַנקט, ענטפערענדיג, אַז ער האָט גענוג פאַר זיך און אַז ער האָט אויך איבערגעלאָזען גענוג פאַר דער פאמיליע אין שפאניען. עטליכע טעג האָט זיך ר׳ יהודה הלוי אויפגעהאל־טען אין קאאירא, וואו אבו־מאנסור האָט איהם בעזאָרגט מיט דיא נויטהיגע דאָקומענטען און רעקאָמענדאַציעס, און דאַן האָט ער זיך געלאָזען אויף זיין וועג.

דעם איינדרוק, וואָס עגיפּטען מיט איהר וואונדער־שעהנע נאַטור האָט געמאַכט אויפ׳ן פּאָעט, קען מען זעהן פון דיא פאָלגענדע ליעדער:

1

האָט דיא צייט איהר טרויער פערוואָרפען
און אין גלאַנץ און אין שיין זיך בעקליידט ?
און דיא ערד האָט מיט בלומען בעדעקט זיך,
און פון גאָלד-וועב געפלאָכטען א קייט ?

און דיא פעלדער ביים נ י ל ו ס זיי בליהען
אין ליכטיגע פארבען קאָלירט ;
ס'איז דער מדבר אין גרינע טאפעטען,
פיראמידען — אין גין - גאָלד פערציערט.

און דיא רייצענדע טעכטער מצריים'ס
מיט גאָלד און מיט זילבער בעהאַנגען —
און דאָך אזוי פלינק וויא אינדינען
פערפיהרעריש וועקען פערלאנגען.

און דאָס לייכטזיניג האַרץ — עס פערגעסט זיך
און חלום'ט פון יוגענד אויף ס'ניי,
אין גן עדן מצריים'ס, ביים נ י ל ו ס,
וואו ס'ציהען זיך אָפען און פריי

דיא וויים-בליהענדע גערטנער, און פעלדער
בעדעקטע מיט גאָלדענע זאנגען.
א מערב - ווינד בויגט זיי, און ס'דאכט זיך
זיי לויבען דעם בורא און דאנקען.

2

איהר, זינגער, בעזינגט זייער שעהנהייט
און, שפּיעלער, בעגלייט זיי אין כאָר ;
דיא טעכטער דיא שעהנסטע פון מזרח,
דיא צניעות וואָס לויכט אַזוי קלאָהר.

זיי דאַרפען צום זיעג נישט קיין שווערדען,
דיא ארעמס ענטבלויזט — זייער וואפען.
דיא פוילע זייער בליק אויפצוהויבען.
וויא קען זיי דיא ציערונג פערשקלאַפּען ?

און וואָלט זייער בליק אַנגעטראָפען
דיא זונן, וואָלט פערדונקלען איהר פּראַכט.
דיא מארמאָר-געזיכטער און לאָקען, —
אָט מאַכען זיי טאָג, און אָט נאַכט.

פערהילעט אין ליכטיגע קליידער,
בעקרוינטע מיט לאָקען פון שווארצען.
זיי האָבען וויא שטערען אין הימעל
זיך איינגעפּאַסט טיעף אין מיין הארצען.

אָט, דאַכט זיך, פערבייטסטו אויף בליהענדע
בוימער, דיא פרויען וואָס שטראהלען.
אריבער צוויי שניר פּערל-ציינער
פּריש דופטען דיא ליפּען קאָראַלען.

און ברוסטען — וויא ראָזיגע עפּעל,
דיא פרישקייט פון ראָזען — געזיכטער ;
געשטאַלטען — וויא פאלמען וויא שלאַנקע,
וואָס טרוימען אין שאָטענס און ליכטער.

(איבערזעצט פון י. א. שווארץ.)

זיין מארשרוט פון עגיפטען און ארץ ישראל איז געוועז די אלטע, שווערע וועג, וואו דאס אידישע פאלק האט אין זיין יוגענד ארומגעוואנדערוועט גאנצע פערציג יאהר:

דיא צייט האָט מיך אין מדבר פון מצריים
ווייט פערשלאָגען.
בעפעהל דיא צייט זיא זאָל מיך ווייטער,
ווייטער אלץ פערטראָגען.

ביז אָנקוקען דעם מדבר פון יהודה
זאָלען מיינע אויגען,
וואו ס'ליעגט מיין וואונדער-שעהנע לאנד
אין גלאנץ בעצויגען.

און דאָרטען זאָל דאָס גרויסע ליכט פון
גאָטעס נאָמען מיך איינוועבען.
און שיינען זאָל זיין הייליגטהום אויף מיר
און שוועבען.

(איבערזעצט פון י. י. שווארץ)

וויא לאנג עס האט איהם גענומען זיין רייזע און ווען ער איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, איז ניט בעקאנט. אלט און צובראכען טרעפען מיר איהם אין צ ו ר און אין ד מ ש ק. עס איז ניט זיכער, אויב ער איז געווען אין ירושלים, כאטש פון א שטעלע אין איינע פון זיינע תפלות קען מען ארויס־דרינגען, אז ער איז דארטען געווען, אבער אז ער האט זיך דארטען ניט געקענט לאנג אויפהאלטען. ירושלים איז דאן געווען אין קריסטליכע הענד, און דיא קריסטען זיינען א פנים ניט געווען פריינדליך צו איהם. ער בעקלאגט זיך: „צו זעהן דיין כבוד האט מיין הארץ געגלוסט, און ווען איך בין ענדליך געקומען צו דיין הייליגען פלאץ, האט מען מיך פון דארטען פערטריעבען, גליך וויא איך וואלט געווען א טמא, אן אונ־ריינער. דעם שיקזאל פון מיין פאלק מוז איך טראגען. גערול־

דיג זיך בויגען אונטער דער רוט פון בעדריקער, ווייל איך וויל ניט דיענען צו קיין פאַלשען גאָט, און נאָר צו דיר וויל איך בעטען".

וואו און ווען ער איז געשטאָרבען, איז אויך ניט בע־וואוסט. דיא פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט אָבער צוגעשפּונען אַ פּאַסענדע טראַגישע ענדע צו דעם דראַמאַטישען לעבען פון זיין דיכטער... .דיא לעגענדע דערצעהלט, אַז ווען ער איז אָנגע־קומען קיין ירושלים און האָט דערזעהן דיא חורבות, איז ער געפאַלען אויף זיינע קניע, האָט גענומען קושען דיא זאַמד און די שטיינער און האָט דאַמאָלס פערפאַסט זיין בעריהמטע טרויער־ליעד: „ציון הלא תשאלי?". ווען ער האָט דיא דאָזיגע ליעד געענדיגט, האָט איהם אַ רייטענדער בעדואין דערשטאָכען מיט זיין שווערד. זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען מיט „ציון" אויף דיא ליפּען.

בײנקסט אויך נאָך דײנע קינדער, מוטער ציון,
וויא זיי, צוזייטע און צושפּרייטע, בײנקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבען גרוס בעקומען?
דאָ האָסטו איהם אַ גרוס פון נאָהענטע און ווייטע!
אין האַרצען דורות־לאַנג געוואַרעמט, טראָגט איהם
פון אַלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים אַן עלענד קינד דיינס. איינער
פון דיא, וואָס זאָפען אָן, וויא טוי דיין חרמון,
דיא פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרעהרען,
און שטאַרבען אין דער פרעמד פערליעבטע און
פערביינקטע . . .

מיך ציהט צו דיר! ביינאַכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאַכט־איילע, דיין יאָמער־ליעד.
און חלום׳ט זיך מיר נאָר דיין מאָרגענשטערען—
ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדע האַרפע.

מיך ציהט צו דיר ! מיין הארץ געהט אוים נאך
יענע ערטער,
וואו דיא אבות האבען זיך בעגעגענט מיט מלאכים,
וואו דיא שכינה האט גערוהט, וואו דיין בעשעפער
האט דיינע טויערן, דיא הייליגע געעפענט
אנ׳קעגען זיינע הימעלשע שערים ;
וואו ניט דיא זון און ניט דיא לבנה, שטערען —
גאט׳ס עהרע זעלבסט האט דיר בעשיינט מיט
גלאנץ . . .
איך גאר, אז אויסגיסען זאל זיך מיין זעעלע דארטען
וואו ס׳פלעגט אמאל גאט׳ס גייסט און גאט׳ס
גענאד זיך גיסען
אויף דיינע אויסערוועהלטע, מוטער ציון !
וואו נעהמט מען פליגעל ? שטיקערווייז וואלט
איך מיין הארץ
ווייט, ווייט צווישען דיינע בערג פערטראגען.
כ׳וואלט צוגעפאלען צו דיין ערד, כ׳וואלט
אויסגעקושט
איהר יעדען פוס-טרעט, יעדעם שטיינדעלע
בעזונדער,
און אומגעוואנדערט וואלט איך טאג און נאכט
א נאקעטער, א בארפיסער אויף דיינע חורבות.
כ׳וואלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאסטען אלע
קברים
מיט דיין נשמה-לופט זיך אנגעאטהעמט,
זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב,
און ביז צום בלינד ווערן בעוויינט דיין חורבן, ציון...
צי קען דיא שיין פאר מיינע אויגען זים זיין —
אז שווארצע ראבען פיקען דיינע אדלערם ?
צי קען מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן,
וויא גאס-הינד שלעפען דיינע טויטע לייבען ?
גענוג, לאז אפ איין ווילע, כוס פון טרויער !
מיין הארץ איז איבערפול מיט דיר פערביטערט.

כ׳האָב איינגעזאפּט אין זיך דיין שוים מיט דיינע
הייוועז . . .
גענוג ! איך וויל איין חלום זעהן און שטאַרבען...
כ׳וויל זעהן, אָה גרויסער גאָט, נאָר איין
שטראהל ליכט,
נאָר איין שטראהל ליכט פון יענעם מאָרגענשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אמאָל נאָך העל און ליכטיג
זיך אָנצינדען אויף ציון׳ס בלויען הימעל,
בענייען און בעפרישען זיך מיט יוגענד . . .
גענוג, איין זיסען חלום לאָז מיר זעהן נאָך
און אויסגעהן מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען *).

(ח׳ נ׳ ביאַליק נאָד ר׳ יהודה הלוי)

* * *

ר׳ יהודה הלוי האָט געשריבען זעהר פיעל. דיא צאָהל פון זיינע ליעדער גרייכט אין דיא טויזענדער. פיעלע פון זיי זיינען פערפאלען געוואָרען, אָבער פיעלע זיינען אויך געבליעבען און זיי זיינען צוזאמענגעקליעבען געוואָרען אין מעהר אָדער וויניגער פאָלשטענדיגע זאמלונגען. דיא ערשטע זאמלונג איז געמאכט געוואָרען פון ר׳ חייא אל־מאראבי, אן אינגערער פריינד פון פּאָעט. אין דער נייער צייט האָט זיך דערמיט אָפּגעגעבען דער איטאַליעניש־אידישער פאָרשער שמואל דוד לוצאטא (שד״ל). אין יאָהר 1893 האָט די חברה „אחיאסף" ארויסגעגעבען א זאמלונג פון זיינע ליעדער. א טהייל פון זיינע ליעדער איז אויך איבערזעצט געוואָרען אין דייטש, ענגליש, פראנצויזיש און איטאַליעניש. היינריך היינע האָט אָנגעשריעבען איינע פון זיינע גרעסטע פּאָעמען לכבוד ר׳ יהודה הלוי. צי האָט ער געלעזען

*) ביאַליק׳ס איבערזעצונג פון דעם „ציון, הלא תשאלי" איז אין ערטער ניט אין גאנצען געטריי צום טעקסט. געוויסע שטעלען האָט ער אויסגעלאָזען, אנדערע האָט ער עטוואָס געענדערט. אָבער ביאַליק׳ן איז מעהר וויא אלע אָנדערע איבערזעצער געלונגען איבערצוגעבען דיא ברויזענדע געפיהלען און דיא שטאַרקייט פון דעם אָריגינאַל.

זיינע שירים אין העברעאישען אריגינאל אדער אין א דייטשער איבערזעצונג, איז ניט בעקאנט. ער ראטה אבער דארטען אין דער פאעמא זיין פריינדין זיך צו לערנען העברעאיש, כדי זיא זאל קענען לייענען אין אריגינאל ג ב י ר ו ל, מ ש ה א ב ן ע ז ר א און י ה ו ד ה ה ל ו י.

א חוץ וועלטליכע ליעדער האט ער אנגעשריעבען אריבער דריי הונדערט תפילות, סליחות און קנות, וועלכע זיינען פערשפרייט און אנגענומען געווארען אין אלע אידישע קהלות. אפילו דיא קאראאימען האבען אריינגענומען אייניגע פון זיינע תפלות אין זייערע סדורים.

זיינע „הייליגע" ליעדער קענען איינגעטהיילט ווערען אין רעליגיעז־פילאזאפישע און אין נאציאנאלע. דיא מעהרסטע פון זיי זיינען נאציאנאלע. „דיא טייבעלע, וואס דו האסט געטראגען אויף דיינע אדלער־פליעגלען, ווענען דו האסט ביי זיך געמאכט א נעסט, — ווארום האסטו איהר פערלאזען פערוואגעלט אין וועלדער, און פון אלע זייטען שטעלט מען איהר נעטצען?" אדער: „זאלען דיא טרעהרען פון דיא בערויבטע דערגרייכען דיין וואהנונג; מיט דיין קראפט ערלייז דיא שעפעלע פון דיא לייבען; דערבארם זיך, פאסטוך, אויף דיין סטאדע".

ניט אלע מאל זיינען זיינע נאציאנאלע תפלות פול מיט תחנונים און בקשות. גאנץ אפט זיינען זיי איבערפילט מיט צארטליכקייטען און טרייסט־ווערטער צום אידישען פאלק. דער פאעט זעהט אין זיין פאנטאזיע, וויא דיא ערלייזונג איז שוין געקומען, און ער רופט אויס: „ירושלים, גיעב דיינע שונאים טרינקען דיין ביטערען כוס. עס איז געקומען דיין גליקליכע צייט, דיין געליעבטער האט זיך צוריקגעקעהרט צו דיר. הער דעם טומעל פון דיא אלע, וואס זיינען געקומען פון אלע זייטען דיך צו פייערען און דיך צו בעגריסען".

די בעציהונג צווישען גאט און דעם אידישען פאלק ווערט ביי יהודה הלוי'ן גאנץ אפט פארגעשטעלט אזוי וויא פון א פערליעבטער פאארעל. אט צו־ווערטלען זיי זיך און צוקריעגען זיך, ווערען בייז איינע אויף דיא אנדערע. אבער דאס דויערט

ניט לאנג. מען איז פון דאָס ניי פערליעבט. דער פּאָעט לאָזט דאָן „דיא כנסת ישראל" פיהרען א צוויי-געשפּרעך מיט איהר געליעבטען. זיא פּיעשצעט זיך פאַר איהם, זיא וויינט. זיא פרעגט ווארום האָסטו מיר פערלאָזען ? ווארום האָסטו איבערגעלאָזען דיין געליעבטע אין פּרעמדע, שלעכטע הענד? און דער געליעבטער לאַסצעט איהר, זאָגט איהר זיסע ווערטער. טרייסט איהר מיט גוטע האָפנונגען און הייסט איהר ווארטען ביז דיא צייט וועט קומען.

און דיא געליעבטע איז זיכער מיט איהר געליעבטען. זיא וויים, זיא פיהלט, אז סוף כל סוף וועט ער צוריק צו איהר קומען. ער וועט איהר ניט פערבייטען אויף קיין אנדערע. ער וועט זיך ניט לאָזען פערפיהרען פון דיא פאַלשע חן'דעלער און אויגעלער פון פרעמדע פרויען. עס מאַכט איהר צום לאַכען, ווען זיא זעהט וויא אנדערע ווילען איהם אַפּריידען פון איהר ; „די חן'עוודיגע. פון איהר היים דערווייטערט. איהר געליעבטער אין צאָרן. — וואָס לאַכט זיא ? זיא לאַכט פון דער טאָכטער פון א ד ו ם און פון דיא טעכטער פון א ר אָ ב י ע ן. וועלכע ווילען ביי איהר דעם געליעבטען אוועקנעהמען. זיא לאַכט. וויא קענען זיי זיך פערגלייכען מיט איהר, מיט דער וואונדערבאַרער שעהנהייט ?"

אין זיינע רעליגיעז - פילאָזאָפישע ליעדער דריקט ער אבער און ווידער אויס דעם געדאַנק, אז גאָט קען מען מיט דעם שכל ניט דערגרייכען ; מען קען איהם נאָר פיהלען מיט'ן הארצען : „מיין הארץ און מיינע געפיהלען קענען דיך געפינען. אבער ניט מיינע געדאַנקען קענען דיך דערגרייכען" (לבי וקרבי ימצאוך. אך לא מחשבי ישאוך). אָדער : „דער שעפּפער האָט ארויסגעבראַכט אלץ פון גאָרנישט. ער ענט-פּלעקט זיך צום הארצען, ניט צום אויג, דארום פרעג ניט ו ו י און ו ו א ו (יוצר הממציא כל מאין. נגלה ללבב ולא לעין. כן אל תשאל איך ואין). דאָס איז, איבריגענס. דער הויפּט געדאַנק און דער לייט-מאָטיוו פון זיין פילאָזאָפישען ווערק, דער „כוזרי".

* * *

ר' יהודה הלוי איז בעריהמט ניט בלויז אלס פּאָעט, נאָר אויך אלס דיינקער און פילאָזאָף. וויא אלע אנדערע אידישע פּאָעטען און געלעהרטע פון יענער צייט, האָט זיך אויך ר' יהודה הלוי אָבגעגעבען מיט דעם שטודיום פון דער דאמאָלס־דיגער פילאָזאָפיע. ער איז אָבער געווען דער ערסטער צווי־שען זיי, וואָס האָט זיך אָנגעפאנגען צו בעציהען סקעפּטיש צו דער גאנצער פילאָזאָפיע. ער איז געווען דער ערסטער צווישען זיי, וואָס האָט זיך ערלויבט צו צווייפלען אין דער אונפעהלבארקייט פון דער פילאָזאָפיע און דיא פילאָזאָפען. ער איז געווען דער ערסטער צווישען זיי, וואָס איז ניט פער־בלענדעט געוואָרען פון דיא גלענצענדע שכל'דיגע קונצען־מאכעריי און האָאר־שפּאלטענדענע לאָגישע דריידלעך און פּאָרמולעך פון דער פילאָזאָפיע. ער איז געווען דער ערסטער צווישען זיי, וואָס האָט זיך ערלויבט צו דיינקען, אז סוף כל סוף איז דיא גאנצע פילאָזאָפיע בלויז א שפּיעל אין ווערטער און אין בעגריעפע, א שעהנער שפּיעל, וואָס קען אפשר בע־פריעדיגען דעם מענשליכען שכל אָבער בשום אופן ניט בע־רוהיגען דאָס מענשליכע הארץ: „און לאָז זיך ניט פער־פיהרען פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, וואָס האָט בלויז בלומען, אָבער ניט קיין פרוכט". עס איז זעהר מעגליך, אז זיין סקעפּטישע בעציהונג צו דער פילאָזאָפיע איז ניט אזוי געקומען פון א שניידענדער קריטישער אונטערזוכונג, ווי פון א טיעפער רעליגיעזער איבערצייגונג, אָבער דאָס ענדערט ניט דעם רעזולטאַט. ר' יהודה הלוי איז אין יענער צייט פון דער אראביש־אידישער פילאָזאָפיע געווען דער ערסטער אידישער סקעפּטיקער בנוגע דער פילאָזופיע.

ר' יהודה הלוי'ס כוזרי איז ניט קיין ריינע אָבהאנדלונג איבער דער פילאָזאָפיע, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט מיט דער טראַדיציאָנעלער אידישער אמונה, ווי דאָס איז צום ביישפּיעל אבן־גבירול'ס „מקור חיים". ער איז אויך ניט קיין פרוב צו פעראייניגען און האר־מאָנירען דעם יודענטהום מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע.

וויא עס איז צום ביישפּיעל דעם רמ"בם'ס „מורה נבוכים". ר' יהודה הלוי דאַרף ניט זוכען קיין תירוצים, ער דאַרף ניט מאַכען קיין פּשרות צווישען דעם יודענטהום אין דער פילאָ־זאָפיע, וויא דאָס האָבען געטהאָן אנדערע פאר און נאָך איהם, ווייל ער בעטראַכט ניט דיא פילאָזאָפיע אלס דעם מקור פוי אלע אמת'ען. אויב דיא גריכישע פילאָזאָפיע שטימט ניט איין אין אלע פּרטים מיט דעם יודענטהום, איז עס דיא שולד פון דער פילאָזאָפיע ; זאָל זיא זיך פערענטפערען, זאָל זיא זוכען תירוצים.

דער „כוזרי" איז ניט קיין פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונג. ער איז פריהער פאר אלץ פּשוט א פערטהיידיגונג פון דעם יו־ד'ענטהום, א פערטהיידיגונג געגען אלע נעגנער, סאַי געגען דער פילאָזאפיע און סאַי געגען די אַנדערע אמונות. דער נאָמען פון זיין ווערק אין דעם אראַבישען אָריגינאַל איז מאַקע דארום געווען : „אַ פערטהיידיגונג פאר דיא ערני־עדעריגטע אמונה". דאָס אידישע פאָלק און דאָס יודענטהום ווערען אטאַקירט פון אלע זייטען ; זיי ווערען בעליי־דיגט און בעשפּאָט פון דיא אלע ארומיגע פעלקער. דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס דיא אידען זיינען אזוי שוואַך און הילפלאָז, וואָס זיי זיינען אין גלות, צוזייט און צושפּרייט, און האָבען ניט זייער אייגענע מלוכה. ר' יהודה הלוי, דער גרויסער אידישער פּאטריאָט, קען ניט בלייבען גלייכגילטיג דערצו, און ער נעהמט זיך אונטער צו בעווייזען, אז דאָס יו־דענטהום איז דאָס גרעסטע, דאָס בעסטע, דאָס העכסטע ניט בלויז פון אלע אנדערע רעליגיאָנען, נאָר אויך פון דער פילאָזאָפיע. דאָס אידישע פאָלק, כאָטש אונטערדריקט, פער־פאָלגט און ערניעדעריגט איז דאָך דאָס אויסערוועהלטע פון אלע פעלקער, איז דאָס הארץ פון דער מענשהייט. און אפילו אין זיינע ליידען און צרות איז דאָ א פערבאָרגענער מיין, א פערבעהאלטענע כונה, א בעשטימטער תכלית.

א „פערטהיידיגונג פאר דיא ערניעדעריגטע אמונה", אָבער דער כוזרי איז מעהר וויא דאָס, ער איז מעהר וויא א פערטהיידיגונג. ר' יהודה הלוי האלט זיך גאַנץ אָפּט אן דעם

כלל, אז דיא בעסטע פערטהיידיגונג איז א געלונגענע אטאקע, און דער „כוזרי“ איז מעהר אן אטאקע געגען דיא געגנער פון יודענטהום וויא א פערטהיידיגונג פון יודענטהום.

געשריבען איז דער „כוזרי“ אין דער פארמע פון א צוויי־געשפרעך. דעם קעניג פון דיא כאזארען (דעם „כוזרי“) האט זיך עטליכע מאל גע׳חלום׳ט, אז א מלאך האט צו איהם גע־זאגט : „דיין כונה איז גוט, אבער דיינע מעשים טויגען ניט“. ער האט דארום בעשלאסען אוועק צו ווארפען זיין געטצענדיענסט און געפינען דיא ריכטיגע אמונה. ער האט געשיקט רופען צו זיך א פילאזאף און האט איהם געבעטען, אז ער זאל איהם ערקלעהרען דיא יסודות פון זיין גלויבען און זיין עטהיק. דער פילאזאף האט איהם געגעבען זיין ענטפער, אבער דער קעניג איז געבליעבען מיט איהם אונצופריעדען. ער האט דאמאלסט בעשלאסען צו שיקען נאך די פארשטעהער פון דיא קריסטען און מאהאמעדאנער. וועגען דיא אידען האט ער גאר נים געטראכט, „ווייל זיי זיינען אזוי ערניעדע־ריגט, און אזוי וויינוג, און אזוי פערמיאוסט ביי אלעמען“. דער קריסטליכער פארשטעהער האט איהם ערקלעהרט דיא יסודות פון זיין אמונה, בעגרינדענדיג זיך אויף דער אידי־שער תורה און דיא אידישע נביאים. דער קעניג איז אויך מיט איהם געבליעבען אונצופריעדען און ער האט גענומען פערנאנדער פרעגען דעם מאהאמעדאנישען געלעהרטען וועגען זיין אמונה. אויך דער מאהאמעדאנער האט בעגרינדעט זיין אמונה אויף דער אידישער תורה. דער כוזרי האט ביי זיך געטראכט : „איך זעה, אז איך וועל מוזען אנקומען צו דיא אידען, ווארום זיי אלע ברייגגען ראיות פון דער אידישער תורה; זיי אלע זיינען מודה, אז דיא אידישע תורה איז אמת און אז דיא אידען זיינען געווען דיא אויסערוועהלטע“. ער האט געשיקט רופען א אידישען געלעהרטען, וועלכער זאל איהם ערקלעהרען דיא יסודות פון דער אידישער אמונה. דער אידישער געלעהרטער קומט און גיט איהם זיין ערקלעהרונג. עס ציהען זיך לאנגע דעבאטען איבער אלערליי רעליגיעזע, עטהישע און פילאזאפישע פראגען. דער כוזרי פרעגט קשיות

און דער אידישער געלעהרטער, דער „חבר“. ווי ר׳ יהודה הלוי רופט איהם, גיט זיינע תירוצים, ביז דער קעניג ווערט איבערציינט אין דעם אמת פון דער אידישער אמונה, און ער און זיין פאָלק נעהמען אן דעם אידישען גלויבען.

ר׳ יהודה הלוי, גלייך וויא דער אראבישער פילאזאף אל־גאזאלי, פון וועמען ער איז וואהרשיינליך בעאיינפלוסט געוואָרען, איז ענטוישט אין דער פילאָזאָפיע. זיא, דיא פילאָזאָפיע, קען ניט בעפריעדיגען דעם מענשליכען גייסט און קען ניט בערוהיגען זיין הארץ. זיא קען ניט דורכדרינגען דיא טיעפסטע טיעפעניסען, זיא קען ניט ארונטעררייסען דעם שלייער, וואָס פערדעקט די סודות פון דער גאטהייט, פון דער שעפּפונג, און זיי צו ענטפּלעקען פאר דער מענשליכער אויג. דער מענשליכער שכל איז צו שוואך און צו קליין דאָס צו טהאָן. דער מענשליכער שכל האָט זיינע גרענ׳צען און קען העכסטענס פערשטעהען און בעגרייפען אלץ וואָס עס געפינט זיך „ניעדריגער פון דעם גלגל פון דער לבנה“, דאָס הייסט אלץ וואָס עס געפינט זיך אויף אונזער וועלט, אָבער ניט דאָס וואָס געפינט זיך העכער דערפון. דער מענשליכער שכל איז שוואך און הילפסלאָז, ווען ער פאנגט זיך אָן צו בעשעפטיגען מיט פראגען, וואָס שטעהען אויסערהאלב זיינע חושים און ערפאהרונגען. דער שכל טאפּט דאָרטען ארום אין דער פינסטערניס, ער בלאָנדזשעט וויא אין א פרעמדען לאנד און מוז דאָרטען האָבען א פיהרער און א ווינג־ווייזער.

ר׳ יהודה הלוי אטאקירט דיא פילאָזאָפען און דיא פילאָזאָפיע ניט וויא איינער וואָס האָט וועגען דעם קיין ידיעה ניט און ער האָט מורא, אז זיא קען אונטערגראבען זיין אמונה. ער אטאקירט איהר וויא א מענש, וואָס פערשטעהט איהר גאנץ גוט און ווייס אלע איהרע שוואכקייטען. ער צייגט ארויס א געוואלדיגע בקיאות אין דער גריכישער און אין דער אראבישער פילאָזאָפיען. ער ציטירט און דערמאָנט מעהר פילאָזאָפישע שרייבערס וויא אירגענד „עלכער אנדערער אידישער געלעהרטער פאר איהם. ער אטאקירט דיא

שוואכע זייטען פון דער פילאָזאָפיע ; ער אטאקירט איהר פאר איהר גרויסער חוצפה, וואס זיא וויל מיט דער הילף פון א פאאר שכל'דיגע פארמולעך און לאָגישע סילאָגיזמען אריינגדרינגען אין דעם סוד פון אלע סודות. דיא פילאזאפען, ווען זיי בעטראכטען דיא וואונדערבארע חכמה און דעם סדר פון דער וועלט, דיא חכמה פון דעם קלענסטען מילבעלע, זאָגען זיי, אז דאָס איז דיא נאטור. אָבער וואס איז די נאטור? ס'איז אזא קראפט, וואס זיי אליין ווייסען ניט וואס דאָס איז. עס קומט אויס, וויא דיא נאטור וואָלט געווען א בעל שכל, וואָס טהוט אלץ מיט א תכלית. זיי רופען עס נאטור, אָבער דאָס איז ניט מעהר וויא אן אנדער נאָמען. עס קומט אויס וויא דיא נאטור איז אויך א בורא. דיא עלעמענטען, די זינן, דיא לבנה און דיא שטערען האָבען בעשטימטע אייגענשאפטען, אָבער מיר קענען ניט זאָגען, אז זיי האָבען חכמה, ווארום חכמה איז בלויז שייך ביי איינעם, וואָס טהוט אלץ מיט א פלאַן און מיט א כונה (ספר הכוזרי, מאמר ראשון).

ער לאכט פון דיא פילאָזאָפען און זייער בעגריעף פון אונשטערבליכקייט. זיי מיינען, אז דיא אונשטערבליכקייט בעשטעהט אין דעם, וואָס דער מענשליכער שכל פעראייניגט זיך און בעהעפט זיך מיט דעם גרויסען וועלט־שכל און ווערט א מהייל פון איהם. אז דאָס איז דיא העכסטע מדרגה צו וועלכע א מענש קען דערגרייכען, און אז ער קען דערצו גרייכען בלויז דורך שטודירען און פארשען. עס קומט אויס, אז נאָר זיי, דיא פילאָזאָפען, קענען דערגרייכען דיא דאָזיגע מדרגה. ער פרעגט מיט א ביטערען סארקאזם : „אויב זיי פעראייניגען זיך מיט דעם וועלט־שכל, טאָ פאר וואָס קומען זיי צו פערשיעדענע אמת'ען ? פאר וואס האָבען זיך דיא נשמות פון א ר י ס ט א ט ע ל ס און פ ל א ט א און דיא איבעריגע פילאָזאָפען זיך ניט פעראייניגט (אין דעם אלגעמיינעם וועלט שכל) ? פאר וואס ווייסען זיי ניט איינער דעם אנדערענס מיינונג, איינער דעם אנדערענס אמת, און פאר וואָס מיידען זיי ניט אויס זייערע סתירות ? פאר וואָס דארפען זיי קומען צו זייערע אמת'ען בהדרגה, דורך

לאָגישע הנחות און שליסע, פאר וואָס קריגען זיי ניט זייערע אמת'ען פלוצלונג, פונקט וויא עס איז ביי גאָט אָדער ביי דעם וועלט־שכל ? פאר וואָס פערגעסען זיי צייטענווייז זייערע אמת'ען ? וואָס ווערט פון דיא פילאָזאָפישע נשמות ווען זיי זיינען שכור אָדער ווען זיי ווערען קראנק ?... און וואָס פאסירט מיט אזא פילאָזאָף ביי וועמען זיין נאטור האָט זיך געביטען און ער האָט זיך אריינגעלאָזען אין אויסגעלאסענ־קייט ? האָט ער דאן צוויי נשמות, איינע אין גן־עדן און איינע אין גהינום ? און וויפיעל דארף עס א מענש שטור־דירען און פאָרשען, כדי ער זאָל זוכה זיין צו אונשטערבליכ־קייט ?" (ספר הכוזרי, מאמר חמישי, י"ד).

דער מענשליכער שכל איז ניט בכוח צו פערענטפערען די אלע גרויסע וועלט־פראבלעמען, און דערפאר זעהען מיר טאקע, אז דיא פילאָזאָפען זיינען זיך ניט איייניג צווישען זיך. יעדער האָט זיך דארום זיין אמת און זיין שיטה, וואָס איז ניט מסכים און איז א סתירה צו דעם אמת און צו דער שיטה פון דעם אנדערען : „עס זיינען כמעט ניטאָ קיין צוויי פילאָזאָפען, וואָס זאָלען האָבען איין מיינונג ניט בלויז אין פראגען פון איבער דער נאַטור, נאָר אויך אין פיעלע פראגען פון דער נאַטור. און אויב איהר טרעפט א כתה, וואָס האלט זיך אָן איין מיינונג, איז עס ניט דערפאר, ווייל זיי זיינען דערצו געקומען מיט זייער אייגענעם שכל, נאָר ווייל זיי האלטען זיך אָן דיא שיטות פון זייערע רביים, וויא דיא תלמידים פון פיטהאגאראס, עמפעדאקע־לעס, היפאקראטוס, אריסטאָטעלעס, פלאטאָ און אנדערע" (ספר הכוזרי, מאמר חמשי, י"ד).

עס איז אָבער דאָ אן אנדער מקור פון וויסען, וועלכער איז פיעל זיכערער און ראיעלער. דאָס איז א וויסען, וואָס קומט ניט דורך דיאלעקטישע מעטהאָדען און דורך לאָגישע פארמולען, וועלכע זיינען אזוי ניט זיכער, און אזוי פערפיהרעריש. דאָס איז א העכערער מין וויסען, א וויסען וואָס קומט צום מענשען אונמיטעלבאר, פלוצלונג און מיט אמאָל, אזוי וויא א בעלייכטונג פון הימעל. דער מענש זעהט

און בעגרייפט דאן זאכען, וואס זיינען אונמעגליך צו בע־גרייפען מיט די געוואוינליכע חושים. דאס איז א גייסטיגער זעהן. דאס איז א מין זעקסטער חוש. ר׳ י ה ו ד ה ה ל ו י רופט עס אן „חוש הרוחני״ און אויך „חוש הנסתר״. „מיט אונזערע הושים בעגרייפען מיר די קערפערליכע וועלט; מיט דעם פערבארגענעם חוש בעגרייפען מיר דיא ניט־קער־פערליכע וועלט. דער וואס האט יענעם פערבארגענעם חוש, יענער זעהט די זאכען ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט״. (ספר הכוזרי, מאמר רביעי, ג׳).

ניט אלע מענשען האבען דעם דאזיגען פערבארגענעם חוש; בלויז די אויסערוועהלטע, די נביאים, האבען איהם. „און דער יעניגער, וואס בעזיצט יענע פערבארגענע אויג איז דער אמת׳ער זעהעדיגער. ער בעטראכט אלע מענשען ווי בלינדע, און ער לערנט זיי און צייגט זיי די ריכטיגע וועג״ (ספר הכוזרי, מאמר רביעי, ג׳). וואס דאס איז פאר אזא מין חוש, איז ר׳ יהודה הלוי ניט זיכער. „עס קען זיין, אז דאס איז דיא פאנטאזיע, וואס ארבייט צוזאמען מיט דעם שכל״.

די נביאים בעגרייפען זייערע זעהונגען אין בילדער; זיי זעהען אין געשטאלטען, יעדער לויט זיין השגה נאך. זייערע אלעמענס זעהונגען זיינען אמת, כאטש זייערע געשטאלטען זיינען ניט די זעלבע. „עס איז פונקט ווי איינער וואלט זא־גען: אט יענער מיט די זיידענע קליידער איז דער קעניג און א צווייטער וועט זאגען: אט יענער מיט׳ן בעפעהלענדען קוק איז דער קעניג. זיי זאגען ביידע אמת: איינער האט דער־קענט דעם קעניג אן זיינע קליידער און דער צווייטער אן זיין קוק. דער קעניג איז דער זעלבער״.

די נביאים זעהען דורך דעם זעקסטען חוש בילדער און געשטאלטען, וואס מיר פראסטע מענשען זעהען ניט, אבער דאס מיינט ניט, אז זייערע זעהונגען זיינען דארום בלויז איל־לוזיאנען, פאנטאזיען, וואס האבען קיין ממשות ניט. אונזער הסכמה איז דא ניט וויכטיג. עס איז וויכטיג, אז זיי, דיא נביאים, זיינען אויף דעם מסכים. מיר מיט אונזער חוש פון

געשמאַק ווייסען, למשל וואס עס איז ביטער און וואס עס איז זיס; אויב אימיצער וועט אָנרופען זיס—ביטער, וועלען מיר זאָגען, אַז ער איז ניט נאַטירליך, ווייל זיין חוש פון געשמאַק איז געגען אונזער אַלעמענס חוש פון געשמאַק. די ראיה אויף די אמת׳קייט איז די הסכמה פון דעם גאַנצען מין. כל זמן דער מין נביאים זיינען זיך אייניג און זיינען מסכים אויף די אמת׳קייט פון זייערע זעהונגען, איז עס א געניגענדער בעווייז, אַז זייערע זעהונגען זיינען ווירקליכקייטען, כאָטש פאַר אונז קענען זיי אויסווייזען ווי אילוזיאָנען. דער נביא בעלאַנגט דורך זיין פערבאָרגענעם חוש צו אַן אנדער מין.

דער נביא קען מיט זיין פערבאָרגענעם חוש אריינדרינגען אהין, וואו דער גרעסטער פילאָזאָף קען מיט זיין שכל ניט דערגרייכען. דער נביא בעגרייפט עס אונמיטעלבאר; ער זעהט גאָט דורך זיין פערבאָרגענעם חוש אין געשטאַלטען. דאָס מיינט ניט, אַז גאָט איז חס ושלום א געשטאַלט. דאָס מיינט בלויז, אַז דער נביא זעהט איהם אזוי אין זיין פאָרשטעלונג, אַז אזוי אנטפּלעקט ער זיך צום נביא. „ער הערט איהם אין זיין נשמה, ניט מיט זיינע אויערען; ער זעהט איהם אין געדאַנק, אבער ניט מיט די אויגען“ ((ושומע דבריו בנפשו לא באזניו, ורואה אותו במחשבתו לא בעיניו, כוזרי כאמר ראשון).

די געשטאַלטען, וואס דער נביא זעהט זיינען בלויז סימבאָלען. זיי זיינען נויטהיג, ווייל נאָר דורך די סימבאָלען קען זיך די מענשליכע נשמה פעראייניגען און בעהעפטען מיט גאָט. די מענשליכע נשמה איז אזא, וואס קען ניט בעוועגט ווערען, קען ניט היגגעריסען ווערען דורך ריינע אבסטראַקציעס. „א מענש קריגט ליעב א שעהנעם בילד, ווען ער זעהט איהם, ניט ווען מען דערצעהלט איהם וועגען דעם“. א מענש מוז זיך ד ע ר פ י ה ל ע ן צו גאָט, ניט בלויז זיך דערטראַכטען צו איהם. „און אויב אימיצער וועט זאָגען, אַז זיין געדאַנק קען זיך בעהעפטען מיט גאָט דורך זיין שכל אליין, ניט צו דארפען זיך פערלאָזען אויף עטוואָס פיהלבארעס, ווי א פאָרשטעלונג פון ווערטער, אדער שריפט, אדער ביל־

דער, געזעהענע צו פארגעשטעלטע, זאלסטו איהם ניט גלויי־בען" („ואל תאמין למתחכם, שיאמר כי מחשבתו מתחברת על סדר עד שיגיע אל כל הענינים הצריכים באלהות בשכלו לבד, מבלתי שיסמוך אל מורגש, בראות דמיון ממלות, או מכתב, או מצורות, נראות או מתדמות". כוזרי, מאמר רביעי).

דער גאט פון דעם פילאזאף לאזט דעם מענשען קאלט און גלייכגילטיג. ער קען ניט בעוועגען די מענשליכע נשמה, ער קען ניט אנפילען זיין הארץ מיט ליעבע און ציטערנים. ער איז א קאלטע, אינדיפערענטע ערשטע אורזאכע, וואס וויים ניט און אינטערעסירט זיך ניט מיט דער וועלט און מיט די מענשען. ווען די פילאזאפען זאגען, אז גאט האט בעשאַ־פען די וועלט, מיינען זיי דערמיט בלויז צו זאגען, אז ער איז די אורזאכע פון איהר ענטשטעהונג. ער האט דערביי ניט גע־האט קיין ווילען, קיין כונה, קיין ציעל און קיין תכלית. דאס איז א גאט ביי וועמען עס איז ניט שייך קיין ליעבע און קיין שנאה, ביי וועמען מען קען ניט בעטען און פאר וועמען מען קען ניט מתפלל זיין. דאס איז דער גאט פון שכל, אבער ניט דער גאט פון הארצען. „דאס איז דער גאט פון אריסטאטעל־סען און ניט דער גאט פון אברהם" (כוזרי, מאמר רביעי).

ניט אלע מענשען גלייך קענען בעגרייפען גאט אויף א גלייכע מדרגה, פונקט ווי ניט אלע קערפערס גלייך נעהמען איין זיך אריין די זעלבע זונען־שטראהלען. דימאנטען נעה־מען אין זיך אריין מעהר זונען־שטראהלען ווי א פראסטער שווארצער שטיינדעל. מאנכע מענשען בעגרייפען גאט בלויז אלס די ערשטע סבה. דאס קען בעגרייפען יעדער בעל שכל. יעדער בעל שכל פערשטעהט, אז די וועלט מוז האבען אן אור־זאכע. צו בעגרייפען אבער גאט אלס דעם בעוואוסטזיניגען שעפפער פון די וועלטען, וואס האט א תכלית און א כונה, קען מען נאר דורך דער נבואה. די מענשען, וואס בעגרייפען איהם בלויז אלס דיא ערשטע אורזאכע האבען אין זיך אריינ־גענומען נאר וועניגע פון די געטליכע שטראהלען; די נביאים, וואס האבען איהם בעגריפען אלס שעפפער און פיהרער, וואס טהוט אלץ מיט א כונה און מיט א תכלית, האבען אריינגענו־

מען אין זיך פיעל מעהר פון דיא געטליכע שטראהלען. דעם גאָט, וועלכען מען בעגרייפט מיט'ן שכל אליין בעצייכענט ר' יהודה הלוי מיט דעם נאָמען „אלוהים", א קראפט. דער גאָט, וועמען די נביאים האָבען בעגריפען אין וואס איז דער שעפּפער און פ י ה ר ע ר פון די וועלטען ווערט ביי איהם בעצייכענט מיט דעם נאָמען „י ה ו ה". די נביאים מיט זייערע ריינע נשמות האָבען ארייננענומען אין זיך מעהר פון די געטליכע שטראהלען, פּונקט ווי די דימאַנטען, וואָס נעהמען אריין אין זיך מעהר זונען־שטראהלען, און זיי האָבען בעגריפען דעם דאָזיגען ג אָ ט פ ו ן ה א ר צ ע ן, וועלכער איז „יהוה" (כוזרי, מאמר רביעי, ט"ו).

די נביאים האָבען איהם בעגריפען דערפאר, ווייל זיי זיינען די גליקליכע אויסערוועהלטע, וואס זיינען געבענשט מיט דעם „פערבאָרגענעם חוש", מיט דער „גייסטיגער אויג". אָבער פאר וואָס זיינען דוקא זיי די אויסערוועהלטע? פאר וואָס האָבען בלויז זיי דעם דאָזיגען חוש? ר' י ה ו ד ה ה ל ו י פּרובירט עס צו דערקלעהרען אויף א וויסענשאפט־ליכען אופן, און זאָגט דערביי ארויס געדאנקען, וועלכע זיינען גאנץ מאָדערנע. דאָ איז כדאי צו בעמערקען, אז ר' יהודה הלוי האָט אין זיין „כוזרי" ארויסגעבראכט איינינע געדאנ־קען, וועלכע זיינען נאָך היינט ניט פערעלטערט געוואָרען. איהר קענט גאר ניט אויסזעצען געגען די געדאנקען גופא, כאָטש איהר האָט פיעל אויסצוזעצען געגען דעם, ווי ער ווענ־דעט זיי אָן. אזוי איז צום ביישפּיעל זיין געדאנק, אז עס איז דאָ א וויסען, וואס דער מענש קען דערגרייכען דורך א פערבאָרגענעם חוש, דורך א גייסטיגען זעהן, דורך אינטואי־ציע, לעצטענס אויסגעארבייט געוואָרען פון דעם בעריהמטען אידיש־פראַנצויזישען פילאָזאָף ב ע ר ג ס אָ ן. ב ע ר ג־ ס אָ ן זוכט עס צו בעגרינדען אויף ביאָלאָגישע יסודות און רופט עס ניט אן א „פערבאָרגענער חוש" אדער „נבואה", אבער דער געדאנק איז אין עצם דער זעלבער. ר' יהודה הלוי'ס בעהויפּטונג, אז דער מענשליכער וויסען, וואס קומט פון היס־טאָרישער ערפאהרונג איז מעהר פערטרויאונגסווערטה וויא

דער וויסען וואס קומט פון ספעקולאטיווען דענקען, און אז די היסטאָרישע ענטוויקלונג שפּיעלט א גרויסע ראָלע אין רעליגיאָן און אין קולטור, די דאָזיגע בעהויפּטונג איז נאָך גילטיג אויך היינט, כאָטש דאָס וואס ער רופט היסטאָריע זיינען בלויז לעגענדען לויט אונזער היינטיגען בעגריף. זיינע געדאנקען וועגען דער ווירקונג פון דעם קלימאט אויף דעם מענשען און וועגען די אייגענשאפטען פון די עלטערען, וואס ווערען איבערגעגעבען בירושה צו די קינדער, זיינען ניט ווייניגער אינטערעסאנט און מאָדערנע.

וואָרום אלזא האָבען בלויז די נביאים דעם דאָזיגען פערבאָרגענעם חוש ?

ר' יהודה הלוי פאנגט אן פון דעם, וואס ער רופט היסטאָריע.

דער ערשטער מענש, אדם הראשון, איז געווען דער מוסטער פון פאָלקאָמענהייט. שוין דערפאר אליין, וואס גאָט האָט איהם בעשאפען. ער האָט געקראָגען די העכסטע נשמה, דעם פאָלשטענדיגסטען שכל וואס א מענש קען האבען. א חוץ דעם האט ער אויך בעזעסען א געטליכען כוח וואס שטעהט איבער'ן שכל (דער „פערבארגענער חוש“). מיט דעם דאָזיגען כוח האט ער געקענט זיך בעהעפטען אן גאט און אָן דער רוחניות'דיגער וועלט. דורך דעם האָט ער געקענט וויסען די אמת'ען אונמיטעלבאר, אהן שטודירען.

אדם האט געהאט פיעל קינדער, אבער ניט אלע האבען פון איהם איבערגענומען בירושה דעם דאזיגען כוח. הבל איז געווען דער יעגינער, וואס איז געווען עהנליך אויף אדם'ען. ווען קין האט איהם אויס קנאה ערמאָרדעט, איז געבארען געוואָרען שת, וועלכער איז געווען עהנליך אויף אדם'ען. די איבריגע קינדער פון אדם'ען און זייערע קינדער האבען שוין די דאָזיגע אייגענשאפט ניט בעזעסען. אזוי איז די דאזיגע מעלה איבערגעגאנגען פון דור צו דור, פון פאטער צום קינד (ניט צו אלע קינדער) ביז נח'ן.

נח האָט געהאט דריי קינדער. יפת האָט זיך בעזעצט אין די צפון־לענדער, אין די קעלטערע געגענדען;

חם האָט זיך בעזעצט אין די דרום־לענדער, אין די הייסע געגענדען; שם איז געבליבען זיצען אין די מיטעלע געגענדען, וואו דער קלימאַט איז מיטעלמעסיג און גלייך. פון די מיטעלע געגענדען איז ארץ ישראל דער מיטעלפּונקט און האָט דעם בעסטען קלימאַט. זי איז דאַרום דאָס לאַנד פון דער נבואה. שם האָט געקראָגען די נבואה בירושה פון נח'ן און האָט עס איבערגעגעבען צו עבר'ן. און אַזוי איז עס איבערגעגעבען געוואָרען צו אברהם'ן. אברהם'ס פאָטער, תרח, האָט ניט בעזעסען די דאָזיגע מעלה און ער איז געווען אַ געצענדיענער. „עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז אַ מענש גיט זיך ניט אויף אין זיין פאָטער, נאָר אין זיין עלטער־פאָטער" (דאָס וואָס מען רופט איצטער „אַטאַוויזם"). פון אַלע אברהם'ס קינדער האָט יצחק געקראָגען די דאָזיגע מעלה בירושה. פון יצחק'ן האָט עס געקראָגען יעקב, און פון יעקב'ן אַלע זיינע צוועלף קינדער.

דאָס אידישע פאָלק, וואָס שטאַמט אָב פון די דאָזיגע צוועלף קינדער פון יעקב איז דאַרום דאָס איינציגע פאָלק, וואָס איז מסוגל געווען צו האָבען נביאים צווישען זיך. אָבער אויך נאָר דאַמאָלס, ווען עס האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דעם לאַנד, וואָס איז צוליעב דעם קלימאַט מסוגל צו נבואה, אין ארץ ישראל.

איצטער האָט דאָס אידישע פאָלק מעהר קיין נביאים ניט. אָבער מיר ווייסען, אַז די תורה וואָס מיר האָבען איז געגעבען געוואָרען פון גאָט דורך דעם גרעסטען פון אַלע נביאים, פון משה'ן, און די שפּעטערע נביאים האָבען אונז שטענדיג געוואָרענט, אַז מיר זאָלען איהר אָבהיטען. די אמת'קייט פון דער תורה דאַרף ניט בעווייזען ווערען מיט שכל'דיגע ראיות, ווייל מיר ווייסען עס פון היסטאָרישע פאַקטען, פון די פיעלע וואונדער, וואָס איז צו אונז בעוויזען געוואָרען. אַ מופת, אַן ענדערונג אין דעם געוועהנליכען גאַנג פון דער נאַטור, איז דער בעסטער בעווייז. און אַזעלכע וואונדער זיינען געווען פיעל. די היסטאָריע איז דער אמת'ער מקור פון דעם מענש־ליכען ווינען. די ענטפּלעקונג אויפ'ן באַרג סיני איז אַ

היסטארישער פאקט. זעקס הונדערט טויזענד מענשען האבען עס בייגעוואוינט. און עס קען דאך ניט זיין, אז זיי אלע האבען געזאגט דעם זעלבען ליגען. ניט נאר די אידען, נאר אויך די קריסטען און מאהאמעדאנער גיבען צו און זיינען מודה אין דער ענטפלעקונג אויפ'ן בארג סיני, ווייל א היסטארישער פאקט קען ניט אבגעלייקענט ווערען. די שפאלטונג פון ים און דער „מן" וואס די אידען האבען געקראגען אין דער מדבר פערציג יאהר כסדר זיינען אויך היסטארישע פאקטען. . די אמת'קייט פון דער אידישער תורה ווערט אלזא בעוויזען פון דער היסטאריע.

„זאגט דער כוזרי: ווער עס הערט אייערע רייד, אז גאט האט גערעדט מיט אייער פאלק, אז ער האט געשריבען פאר אייך די לוחות און דערגלייכען, איז בערעכטיגט צו זאגען, אז איהר גלויבט אין א קערפערליכען גאט. מען קען אייך דערפאר ניט בעשולדיגען, ווייל די היסטאריע זאגט אויף דעם עדות, און מען מוז פערווארפען דעם שכל."

„זאגט דער חבר: חס ושלום, דאס וואס דער שכל פער־ווארפט און ערקלעהרט פאר פאלש, טהוט גאט ניט ערקלעה־רען פאר אמת. דער ערשטער פערזאג אין די עשרת הדברות איז צו גלויבען אין גאט; דער צווייטער איז, אז מען טאר ניט מאכען קיין בילד און קיין געשטאלט פון איהם. ווי קענען מיר מאכען א בעהויפטונג, אז גאט איז א קערפער, וועה־רענד מיר זאגען ,אז אפילו דער מענש, דער אמת'ער מענש, ניט זיינע גליעדער און גוף וואס זיינען בלויז זיינע כלים, נאר זיין נשמה, איז אויך אונקערפערליך? ביי גאט איז אבער אלץ מעגליך, כאטש מיר ווייסען ניט בעשטימט, ווי אזוי דאס איז פארגעקומען. פונקט ווי גאט האט בעשאפען די וועלט מיט זיין ווילען אליין, אזוי איז אויך מעגליך, אז ער האט בעשאפען די לוחות מיט די אויסגעקריצטע עשרת הדברות אויף זיי. מען קען זיך אויך פארשטעלען, אז די לופט וואס האט דערגרייכט די אויערען פון דעם נביא איז געקומען מיט דעם געשטאלט פון די בוכשטאבען, וואס האבען אנגעצייגט

די ענינים, וועלכע גאָט האט געלאָזען וויסען דעם נביא אדער דעם גאנצען פאלק. אגב זאג איך ניט, אז דאָס האָט דוקא פּאסירט אויף אזא אופן. מעגליך, אז דאָס איז פּאָרגעקומען אויף אן אנדער טיעפערען אופן" (כוזרי מאמר ראשון).

ווען דער „חבר" פאנגט אָן צו דערצעהלען דעם כוזרי די יסודות פון דער אידישער אמונה, זאָגט ער: „מיר גלויבען אין דעם גאָט, וואָס האָט אונז ארויסגענומען פון מצרים". דער כוזרי ווערט בייז: „איך האָב געמיינט, אז דו וועסט מיר אָנגעפאנגען צו ערקלעהרען, אז דו גלויבסט אין דעם גאָט, וואָס האט בעשאפען הימעל און ערד". דער חבר ענטפערט: ווען משה איז געקומען צו פּרעה'ן, האט ער איהם ניט געזאגט, אז דער גאָט, וואָס האט בעשאפען די וועלט, מיר און דיר, האָט מיר צו דיר געשיקט. ער האָט געזאָגט, דער גאָט פון די אידען האָט מיר געשיקט, דער היסטאָרישער גאָט. ביי דער ענטפּלעקונג אויפ'ן בארג סיני האָט גאָט געזאגט: „איך בין אייער גאָט, וואָס האָט אייך ארויסגענומען פון מצרים" און ער האָט ניט געזאָגט: „איך בין דער גאָט, וואָס האָט בעשאפען די וועלט". די אידישע רעליגיאָן איז א היסטאָרישע. אונזערע עלטערען האָבען געזעהן די ענטפּלעקונג אויפ'ן בארג סיני, און מיר ווייסען עס פון דער היסטאָריע, וואָס איז אזוי גוט ווי געזעהן".

„זאָגט דער כוזרי: הייסט עס, אז אייער תורה איז נאָר געגעבען געוואָרען פאר אייך".

„זאָגט דער חבר: יע, אזוי איז עס. אָבער אויך אלע אומות, וואָס בעהעפטען זיך מיט אונז, וועלען קריגען פון דאָס גוטעס, וואָס גאָט וועט מיט אונז טהאָן, כאָטש זיי זיינען ניט אין גאנצען גלייך מיט אונז, ווייל מיר זיינען די אויסערוועהלטע צווישען די מענשען."

„זאָגט דער כוזרי: וואָלט ניט גלייכער געווען, אז די תורה זאָל געגעבען ווערען צו דער גאנצער וועלט, אז אלע מענשען זאָלען זוכה זיין דערצו?"

„זאָגט דער חבר: וואָלט ניט גלייכער געווען, אז אַלע לעבעדיגע זאָלען זיין מענשען מיט שכל? האָסטו שוין פערגעסען, וואס איך האָב דיר דערקלעהרט וועגען דעם, ווי אַזוי די געטליכע אייגענשאַפטען פון אדם'ען האָבען זיך איבערגעגעבען בלויז צו מאַנכע פון זיינע קינדער. דאָס אידישע פאָלק שטאַמט אָב פון די צוועלף קינדער פון יעקב'ן, וועלכע האָבען אַלע געקראָגען בירושה די דאָזיגע מעלה פון נבואה."

דאָס אידישע פאָלק איז דאָס אויסערוועהלטע, ווייל עס שטאַמט אָב פון א העכערען מין מענש, פון דעם מין מענש, וואס קען זעהן מיט'ן „פערבאָרגענעם חוש". דאָס מיינט אבער ניט, אז בלויז דאָס אידישע פאָלק איז זוכה צו „יענער וועלט" און צום אייביגען לעבען. „מיר בערויבען פון קיין מענשען ניט, פון וועלכע אמונה ער זאָל ניט אָבשטאַמען, א בעצאָהלונג פאַר זיינע גוטע מעשים. מיר זאָגען בלויז, אז דאָס פאָלק וואָס איז נעהנטער צו איהם ביים לעבען, דערגרייכט א העכערע מדרגה פון גליק נאָכ'ן טויט".

דער כוזרי ענטפערט מיט א ביטערע איראָניע: און וואָס בעסער עס איז אייך אויף יענער וועלט, אַלץ ערגער דאַרף אייך זיין אויף דער וועלט"....

„זאָגט דער חבר: דו לאַכסט פון אונז פאַ. אונזער ארעמקייט? האָסטו דען ניט בעמערקט, ווי אַלע גרויסע פעלקער בעריהמען זיך און זיינען שטאָלץ ניט מיט זייערע גרויסע גבורים און קעניגע, נאָר דוקא מיט דיא, וואָס האָבען געפּריידיגט: „ווער עס שלאָגט דיר אויפ'ן רעכטען באַק, גיעב איהם אויך די לינקע, און ווער עס נעהמט דיין מאַנטעל, גיעב איהם אויך דיין העמד"? ווייסטו דען ניט, אז זיי שטאָלצירען גראַדע מיט זייערע מאַרטירער? דאָס זעלבע איז אויך מיט די מאַהאַמעדאַנער. אונזערע צרות בעווייזען, אז מיר שטעהען אויף א נעהענטערע מדרגה צו גאָט טאַקע דער פאַר, וואָס מיר ליידען" (כוזרי מאמר ראשון, קי"א — קי"ג)".

דאָס וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ניט קיין אייגענע מלוכה, קען ניט דיענען אלס א בעווייז, אז עס איז פארלאָזען פון גאָט. דיא קריסטען און דיא מאהאָמעדאנער, וואָס קריעגען איינע געגען דיא אַנדערע, האָבעןביידע גרויסע מלוכות, און עס קען דאָך ניט זיין, אז זיי זיינען ביידע אמת. אין דעם אידישען גלות איז דאָ א געוויסע געטליכע כונה. לאָמיר נעהמען אלס ביישפּיעל דעם קערענדעל, וואָס ווערט אריינגעטהאָן אין דער ערד. ער ווערט דאָרטען פערפוילט און עס בלייבט אויגענשיינליך פון איהם גאָרניט. אין דער אמת'ן אָבער זויגט ער אריין אין זיך די ערד און דאָס וואסער און די אַנדערע עלעמענטען און פערוואנדעלט זיי אין מעהר קערענדלעך. ער דערהויבט די ערד און די עלעמענטען צו זיין מדרגה, און עס וואקסט ארויס א זאנג, וואָס ענטהאלט אין זיך פיעל קערנער דאָס אידישע פאָלק אין גלות איז ווי דער דאָזיגער קערענדעל: ער דערהויבט די אַנדערע פעלקער צו זיין מדרגה. „און ד י ע ז ע פ ע ל ק ע ר — דיא קריסטען און דיא מאהאָמעדאנער — זיינען פ אָ ר ל ו י פ ע ר, ווי א הקדמה, צו דעם ערווארטעטען משיח, וועלכער איז דיא פרוכט. זיי וועלען אלע ווערען איין פרוכט און עס וועט זיין איין בוים, און דאמאָלס וועלען זיי ריהמען און טהייער האלטען דעם וואָרצעל, וועלכען זיי האָבען מבזה געוועזן" (כוזרי, מאמר רביעי, כ"ג). מיר ליידען צרות און בזיונות, אָבער עס איז דאָך אונז זעהר לייכט פון זיי פטור צו ווערען. מיט איין וואָרט וואָלטען מיר זיך געקענט בעפרייען פון אונזער שקלאַפעריי און ערניעדערונג. מיר ליידען דיא אלע צרות, ווייל מיר ווילען ניט אויפגעבען אונזער תורה. דאָס אידישע פאָלק איז צווישען די אַנדערע פעלקער, וויא דאָס הארץ אין גוף. דאָס הארץ ליידט פון די קראנקהייטען פון אלע גליעדער. דאָס אידישע פאָלק ליידט פון די שלעכטס פון די אַנדערע פעלקער. אזוי ווי דאָס הארץ קען ניט ליידען פון א וואונד, א ראק און דאָס גלייכען, ווייל דאָס

וועט ברייגגען שנעל דעם טויט, אזוי קען דאָס אידישע פאָלק ניט זיין לאנג שלעכט און זינדיג.

ווייסען מיר אלזא, אז 1) דאָס אידישע פאָלק איז דאָס אויסערוועהלטע, ווייל עס שטאַמט אָפּ פון די מענ־שען, וואָס האָבען פון דיא פריהערדיגע דורות געקראָגען בירושה די מעלה פון נבואה; 2) ארץ ישראל איז צו ליעב איהר געמעסיגטען קלימאט דיא לאנד, וואָס איז ראוי צו נבואה; 3) די אידישע תורה איז בעשטעטיגט געוואָ־רען מיט אונבעשטרייטבארע היסטאָרישע פאַקטען, און דער היסטאָרישער אמת איז זעהר צופערלעסיג, מעהר זיכער, ווי דער אמת פון ספעקולאטיווען דיינקען; 4) דער אידישער גלות און דיא אידישע צרות האָבען א בעשטימטע געטליכע כונה. בלייבט איצטער צו בעווייזען מיט וואָס דיא אידישע תורה איז בעסער פאר דער פילאָזאָפיע און פאר די אַנדערע רעליגיאָנען.

די פילאָזאָפען, ווען זיי פאָרשען וועגען דער גאָטהייט, האָבען דערביי קיין אַנדער כונה ניט, ווי נאָר צו בעפריעדיגען זייער וויסענסדורשט. זיי בעשעפטיגען זיך דערמיט אויף דעם זעלבען אופן, ווי זיי בעשעפטיגען זיך מיט אַן אנדער ווי־סענשאַפט, ווי מיט אסטראָנאָמיע, למשל. דאָס איז אָבער נאָך ווייניג. די פאָרשונג וועגען גאָט דאַרף האָבען א הע־כערען ציעל, א העכערען תכלית. דער מענש דאַרף זיך קענען פערטיעפען און בעהעפטען אין איהם; איהם ליעב האָ־בען און זיך קענען מוסר נפש זיין פון זיינעט־וועגען. ער דאַרף זיך לערנען צו געהן אין זיינע וועגען.

דער מענש מיט זיין שכל אליין קען אָבער ניט וויסען, וועלכע מעשים ער דאַרף טהאָן, אום צו געפעהלען גאָט. גע־וויסע גוטע מדות קען דער מענש דערגרהען מיט דעם שכל אליין, אז זיי זיינען גוט, אָבער אפילו וועגען דיא דאָזיגע מדות קען ער אויך ניט וויסען דעם שיעור און די מאָסס. ער איז געגליכען צו אַן אונוויסענדען מענשען, אין וועמעס הענד

עס זיינען אריינגעפאלען דיא רפואות פון א בעריהמטען דאָקטאָר. מענשען קומען צו איהם נעהמען רפואות און ער גיט זיי. אבער ער ווייס ניט וועלכע רפואה איז גוט פאר דעם חולה און וויפיעל דער חולה דארף דערפון קריעגען. עס לאָזט זיך אויס, אז די גוטע רפואות מאכען גאָר קראנק די מענשען אנשטאָט זיי געזונד צו מאכען. עס איז בלויז דער גוטער און געניטער דאָקטאָר, וועלכער ווייס וואָס מען דארף געבען צו יעדען און וויפיעל ער דארף קריגען (כוזרי, מאמר ראשון ע"ט).

עס איז אמת, אז צווישען דיא מצוות אין דער תורה געפינען זיך אזעלכע, וואָס מיר פערשטעהן ניט זייער צוועק, אבער עס איז אָהן ספק פאראן א ציעל און א כונה אין זיי.

דער עיקר אין א רעליגיאָן זיינען דיא גוטע טהאטען. גוטע ווינשען און גוטע כונות אליין זיינען וועניג. „אדום (די קריסטען) און ישמעאל (די מאהאמעדאנער) האָבען זיך צוטהיילט מיט דער וועלט און פיהרען מלחמות איינע געגען דיא אנדערע. יעדער פון זיי איז ביי זיך גערעכט, זייער כונה איז פון גאָט'ס וועגען. זיי געהען אין זייערע געבעטהייזער, זיינען מתפלל, פאסטען, און זייער ציעל איז צו הרג'ענען איינער דעם אנדערען. און זיי גלויבען, אז מיט זייער הרג'ענען טהוען זיי א נחת רוח צו גאָט ,און יעדער פון זיי מיינט, אז ער קומט דערפאר אריין אין גן־עדן (כוזרי, מאמר ראשון, ב').

די אידישע רעליגיאָן איז א רעליגיאָן פון טהאטען און ניט בלויז פון גוטע כונות. זי פאָדערט ניט פון דעם מענשען קיין אונמעגליכעס. זיא פערלאנגט פון איהם ניט, אז ער זאָל זיך אבזונדערען פון דער וועלט. ביי אירען זיינען ניטאָ קיין מאָנאָסטירען. דיא אידישע תורה איז א תורה פון לעבען. זיא לערנט דעם מענשען זיך צו פרעהען מיט'ן לעבען און פון איהם הנאה צו האָבען. דאָס לעבען איז גוט און דיא תורה פערשפרעכט לאנגע יאָהרען צום פרומען. א פרומער

ביי אידען איז אזא, וואס קען בעהערשען זיינע פערלאנגען און קען זיי קאנטראלירען. ער ערפילט זיינע גייססטיגע און קערפערליכע פערלאנגען אין א בעשטימטע מאס און אין א בעשטימטען סדר (כוזרי, מאמר שלישי).

דיא קאראאימען, וועלכע האבען פערוואָרפען דעם תלמוד און די „תורה שבעל פה" (די טראדיציע) האבען גע־מאכט א גרויסען טעות. עס זיינען פאראנען פיעלע מצוות און שטעלען אין דער תורה, וואס זיינען ניט קלאהר און אונפער־שטענדליך אָהן דער טראדיציע. ר' יהודה הלוי ברייננט דאָרטען פיעלע מצוות, וואס וואָלטען ניט געקענט ער־קלעהרט ווערען אָהן דער תורה שבעל פה. די קאראאימען, וועלכע ווילען יענע אלע מצוות ערקלעהרען מיט זייערע אייגענע סברות, זיינען זיך ניט אייניג צווישען זיך. סוף כל סוף האבען זיי זיך געמוזט אויסארבייטען אן אייגענע טראדיציע. אויב אזוי, איז דאך אונזער טראדיציע פיעל זי־כערער, ווייל זיא איז עלטער. אט געפינט זיך צום ביישפיעל אין דער תורה א געזעץ „עין תחת עין", אן אויג פאר אן אויג. דאס איז א געזעץ, וואס לייגט זיך ניט אויפ'ן שכל. האבען מיר אויף דעם א טראדיציע, אז דאס מיינט צו בע-צאהלען פאר דער אויג (כוזרי, מאמר שלישי, מ"ז).

* * *

עס איז אונמעגליך איבערצוגעבען בקצור דעם אינהאלט פון דעם „כוזרי", איינער פון די מערקווירדיגסטע ביכער פון דער מיטעל - אלטערליכער אידישער ליטעראטור. צוזאמען מיט בריליאנטענע טיעפע געדאנקען, מיט וואונדערבארע פאעטישע פערגלייכונגען, מיט ריא צארטעסטע רעליגיעזע געפיהלען, מיט די עדעלסטע געפיהלען פון ליעבע צום אי־דישען פאלק, צום אידישען לאנד, צו דער אידישער תורה און צו דער העברעאישער שפראך, צוזאמען מיט דעם גע־פינען זיך דאָרטען אויך א היבשע ביסעל שטותים פון אונ־

זער איצטיגען שטאַנדפּונקט. ווען איהר דערמאָהנט זיך אָבער אין וועלכע צייט ער איז געשריעבען געוואָרען, וואונדערט איהר זיך ניט אויף די שטותים; איהר וואונדערט זיך מעהר אויף די טיעפקייט און פרישקייט פון פיעלע פון זיינע געדאַנקען, וועלכע זיינען נאָך עד היום ניט פערעלטערט געוואָרען.

בעשטרייטענדיג די בעדייטונג און דעם אויטאָריטעט פון דער פילאָזאָפיע, אָבלאָכענדיג פון דיא פילאָזאָפען און זייערע פּרעטענזיעס אויף אונפעהלבאַרקייט, קען זיך ר׳ יהודה הלוי צום סוף אַזוי וויא ניט איינהאַלטען, און אין פינפטען טהייל פון דעם „כוזרי" גיט ער איבער די פילאָזאָפיע פון זיין צייט.

די דאָזיגע פילאָזאָפיע איז שוין דעם לעזער בעקאַנט פון די פריגע אַרטיקלען. די עקזיסטענץ, די איינהייט, די אונקערפּערליכקייט און די אונענדליכקייט פון גאָט ווערט אין דער דאָזיגער פילאָזאָפיע בעוויזען דורך דער וועלט־שעפּפונג, די וועלט, זייענדיג אַ צוזאַמענגעשטעלטע, מוז זיין אַ בעשאַפענע. גאָט איז די ערשטע סבה, וואָס קען ניט האָבען קיין סבה צו זיך, און אַלס אַזעלכער מוז ער זיין איינער, אונענדליך, אייביג, אונקערפּערליך און אַזוי ווייטער.

ר׳ יהודה הלוי האַלט זעהר וועניג פון דער גאַנצער פילאָזאָפיע. ער גיט איבער די פילאָזאָפישע אַרגומענטען בקצור און בעמערקט דערביי, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי שכל׳דיגע גימנאַסטיק („אין בזה תועלת זולת החדוד בדברים").

דער גאָט פון ר׳ יהודה הלוי, דער גאָט פון משה און די נביאים, איז אַן עטהישער וועזען און ניט בלויז די ערשטע סבה. ר׳ יהודה הלוי׳ן אינטערעסירט דאַרום שטאַרק די פראַגע פון פאָראויסבעשטימונג (דעטערמיניזם) און פרייען ווילען. האָט דער מענש אַ פרייען ווילען אָדער ניט? אויב עס איז ניטאָ קיין פרייער ווילען, קען דאָך אויך ניט זיין קיין בעצאָהלונג און בעשטראָפונג. אויב עס איז אָבער יע דאָ אַ פרייער ווילען, טאָ ווי אַזוי קען עס שטימען מיט דעם געדאַנק, אַז גאָט ווייס אַלץ פון פאָראויס? אויב גאָט ווייס פון פאָר־

אוים אלץ וואס דער מענש וועט טהאן, הייסט דאך עס, אז דער מענש האט קיין אנדער ברירה ניט.

פון טעגליכער ערפאהרונג וויסען מיר, אז דער מענש האט א פרייען ווילען. דער מענש איז ביי זיך בעוואוסט, אז ער קען האנדלען פריי. דער מענש בעזארגט זיך מיט געוועהר געגען זיין פיינד און מיט שפייז און געטראנק פאר זיין הונגער און דורשט. מען וועט זאגען, אז ער איז דערצו געצוואונגען צוליעב דעם געפאהר פון דעם שונא אדער צוליעב זיין הונגער. אבער דערמיט גופא גיעבען זיי דאך שוין צו, אז עס זיינען פאראנגען אנדערע אורזאכען א חוץ די ערשטע אורזאכע, וואס בעשטימען די מענשליכע טהאטען. אלץ וואס פאסירט אויף דער וועלט זיינען פאלגען פון אורזאכען, און אז איהר וועט אנאליזירען די גאנצע קייט פון אורזאכען און פאלגען, וועט איהר סוף כל סוף קומען צו די ערשטע אורזאכע. דאס מיינט אבער בשום אופן ניט, אז אלע פאסירונגען שטאמען ארוים דירעקט פון דער ערשטער אורזאכע; עס זיינען דא *פערמיטלענדע* אורזאכען. אין דעם לאנגען קייט פון אורזאכען און פאלגען איז דער מענשליכער ווילען גופא אויך אן אורזאכע, די לעצטע און די ענטשיידענדע אורזאכע אין בעצוג צו זיין האנדלונג.

דיא אלע פאסירונגען קענען איינגעטהיילט ווערען אין פיער קלאסען: 1) אין *געטליכע*, ווי צום בייספיעל די וועלט־שעפפונג און דער סדר העולם; 2) *נאטירליכע*, ווי צום ביישפיעל אז פון דעם צוזאמענלעבען פון מאן און פרוי ווערט געבארען א קינד. די זריעה פון מאן און דאס בלוט פון דער פרוי זיינען די פערמיטלענדע אורזאכען, און האבען א בעשטימטען ציעל און כונה צו פערפאלקאמענען די נאטור. 3) *צופעליגע*, וועלכע ווערען אויך ארויסגערופען פון פערמיטלענדע אורזאכען, אבער ביי וועלכע עס איז ניטא קיין ציעל און קיין כונה. 4) *פרייע* טהאטען פון דעם מענשען, אין וועלכע דער מענשליכער ווילען איז די פערמיטלענדע אורזאכע. ר' יהודה הלוי איללוסטרירט זיין געדאנקען מיט

אייניגע ביישפּיעלע, פון וועלכע דאָ ווערט געבראכט דאָס פאָלגענדע: דער נביא רעדט, ווייל ער איז דערצו געצוואונגען פון גאָט'ס קראַפט, ער האָט ניט קיין ברירה — דאָס איז א געטליכע אורזאכע; מענשען ריידען צווישען זיך מיט זייערע פערשיעדענע שפּראכען, וואָס בעשטעהן פון געוויסע קלאַנגען און בעוועגונגען, דאָס איז די נאַטירליכע וועג פון צוזאממענריידען און דיא מענשען האָבען דערביי א ציעל און א תכלית. דער משוגענער רעדט און עס קלעפּט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט, אהן א ציעל און אהן א כונה, — דאָס איז א צופעליגער ריידען. דער פּאָעט זיצט און קלייבט זיינע ווערטער און אויסדריקע, וואַרפט אוועק איין וואָרט און קלייבט אויס אן אנדערען, וואָס פּאַסט זיך בעסער צו זיין ענין, דאָס איז א פרייער אויסוואהל פון ווערטער.

דער מענש האָט א פרייען ווילען, און דאָס איז ניט קיין סתירה מיט גאָט'ס וויסען. פּונקט ווי אונזער וויסען פון דער פערגאנגענהייט איז ניט די סבה פון דאָס געשעהענע, אזוי איז גאָט'ס וויסען פון דער צוקונפט ניט קיין סבה פון דאס וואס וועט געשעהן".

* * *

און ווען דער לאַנגער ויכוח צווישען דעם כוזרי און דעם חבר האָט זיך געענדיגט, האָט דער לעצטער איהם ערקלעהרט אז איצטער איז געקומען די צייט, ווען ער פערלאָזט איהם, ווייל ער וויל געהן אין ארץ ישראל.

נאָך'ן דערענדיגען זיין ווערק דעם כוזרי, האָט זיך ר' יהודה הלוי ווירקליך גענומען צו זיין רייזע אין ארץ ישראל.

XI.

ר׳ אברהם אבן־עזרא און זיין כאראקטער. — דער פיעל זייטיגסטער פון אלע זיינע צייט־גענאסען. — זיין בעדייטונג אלס ביבעל־קריטיקער און קאמענטאטאר. — זיין פאעזיע. — דיא אידישע לאגע אין מאהאמעדאנישען שפאניען. — דיא פערפאלגונגען פון דיא אלמאהאדען געגען דיא אידען. — דער אבן־עזרא פערלאזט שפאניען און פאנגט אן זיין וואנדער־לעבען. — דיא צוויי פעריאדען פון זיין לעבען. — זיינע וויסענשאפטליכע און מאַטהעמאטישע ספרים. — זיין פילאזאפיע. — דער אבן־עזרא איז איינער פון דיא וואס מאכט בעקאנט אייראפא מיט דער אידיש־שפאנישער קולטור.

איינער פון די גרעסטע פערזענליכקייטען פון יענער צייט איז געווען ר׳ אברהם אבן־עזרא, וועלכער איז בעסער בעקאנט אלס „דער אבן עזרא“. ער איז געבארען געווארען אין טאלעדא, שפאניען, אין יאהר 1092 (לויט גרעטץ אין 1088) און איז געשטארבען אין ק א ל א ה א ר א, אין יאהר 1167.

ער איז געווען בעפריינדעט מיט אלע גרויסע מענשען פון זיין צייט, וועלכע האבען פון איהם געהאט די העכסטע מיינונג. זיין עלטערער צייט־גענאסע דער פאעט משה אבן־עזרא רעדט פון איהם אלס פון א גרויסען פילאזאף. זיין אינגערער צייט־גענאסע אברהם אבן־דאוד אין זיין „סדר הקבלה“ זאגט וועגען איהם: „ער איז געווען דער לעצטער פון די גרויסע מענער, וואס זיינען געווען דער שטאלץ פון דעם שפאנישען יודענטהום. ער האט געשטארקט די הענד

פון דעם אידישען פאלק מיט זיינע ליעדער און מיט זיינע טרייסט־ווערטער". ער איז אויך געווען א נאָהענטער פריינד פון ר' יהודה הלוי.

דער „אבן־עזרא" איז געווען דער פיעל־זייטיגסטער פון זיינע אלע צייט־גענאסען. זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט האט זיך בעצויגען אויף אלע געביטען פון דער מענשליכער וויסענשאַפט און קונסט, און ער האט זיך אין זיי אלע מעהר אדער ווייניגער אויסגעצייכענט. ער איז געווען פּאָעט, פי־לאָזאָף, וויסענשאַפטס־מאַן, אסטראָנאָם און מאטהעמאטי־קער, אסטראָלאָג (ער האט געגלויבט אין שטערנזעהעריי), און פילאָלאָג. ער האט וועגען די אלע געגענשטענדען גע־שריעבען. אם מעהרסטען אבער האט ער זיך אויסגעצייכענט און זיך אויף אייביג פערדיענט געמאכט אלס קאָמענטאַטאָר און ביבעל־קריטיקער. ער ווערט פון פיעלע בעטראַכט אלס דער ערשטער וויסענשאַפטליכער ביבעל־קריטיקער, און שפּי־נאָזא אין זיין „טהעאָלאָגיש־פּאָליטישען טראַקטאַט" ציטירט איהם אלס אויטאָריטעט. אזוי צום ביישפּיעל איז אבן־עזרא דער ערשטער, וואס האט זיך ערלויבט אנצודייטען, אז דער בוך „ישעיה" ווי מיר האבען איהם איצטער, איז צוזאמענגע־שטעלט פון צוויי בעזונדערע פערפאסערס, וואס האבען גע־לעבט אין גאנץ פערשיעדענע צייטען. דער „ערשטער ישעיה" איז ביז דעם קאפּיטעל פערציג; פון קאפּיטעל פער־ציג ביז דער ענדע פון דעם בוך איז פון ישעיה דעם צווייטען. ער איז אויך דער ערשטער וואס האט געמאכט די השערה, אז דער ספר „איוב" איז אן איבערזעצונג. וועגען בוך „אסתר" בעמערקט ער, אז דארטען געפינט זיך ניט דער־מאָנט גאט, און ער וואונדערט זיך ווארום ער איז אריין אין די הייליגע שריפטען.

אין זיין כאראַקטער איז ער געווען איינער פון די זאָנ־דערבאַרסטע מענשען, א מענש פון שטימונגען און קאפּרי־זען. ער האט ניט געהאט קיין בעשטימטע, אויסגעשפּראָכע־נע, קלאָהרע וועלט־אנשויאונג. ער איז געווען א מענש פון ספיקות און האט זיך גאנץ אפט געוואָרפען פון איין עקסט־

רעם צום צווייטען. ער איז געווען אזוי ווי געמאכט פון ווידערשפרוכען און סתירות, און אין איהם האבען זיך פער־אייניגט געגענזעצטע מיינונגען און געפיהלען. ער איז געווען אי אויסגעשפראכען און אי צוריקגעהאלטען; ער זאגט ארויס די פרייעסטע געדאנקען, אבער ער זאגט זיי ארויס אזוי פערשטעלט, מיט אזעלכע סודות און דונקעלע אנצוהערעניסען, אז נאר יחידי סגולה פערשטעהען וואס ער מיינט. דערביי איז ער בשום אופן ניט קיין היפאקריט; צביעות איז פרעמד דעם כאראקטער פון אבן־עזרא. ער איז א מענש פון מאמענט. אט איז ער א ראדיקאלער פריידענ־קער און אט איז ער א פערביסענער פרומאק; אט איז ער א שארפער, אונ׳ברחמנות׳דיגער קריטיקער און אט זידעלט ער אם שארפסטען אנדערע פאר זייער צו פרייע קריטיק; אט גלויבט ער אין גאט און אט האט ער מורא פאר דער ווירקונג פון די שטערען. אט לאכט ער פון דער וועלט און די רייכע מיט זייער נארישען יאגען זיך נאך כבוד, און אט פיהלט ער זיך שטארק בעליידיגט, וואס מען האט איהם ביי א מאהלצייט ניט געגעבען זיין חלק פיש צום ערשטען. קומט ער צופאהרען אן אורח אין פראנקרייך און דערוויסט זיך, אז דער גרעסטער פראנצויזישער איד פון יענער צייט, דער בעריהמטער „רבינו תם“ שרייבט אויך ליעדער. ווערט ער בייז און פרעגט אין א ליעד: „ווי קומט דער פראנצויז אין דעם פאלאסט פון פאעזיע?“ און ווען יענער, בעשיידענער מענש וואס ער איז געווען, ענטפערט איהם אין א ליעד, וואו ער דריקט אוים בעוואונדערונג און דרך ארץ צום פרעמדען, וואנדערענדען פאעט, געהט אבן עזרא אריבער צום אנדע־רען עקסטרעם און ערקלערט זיך שיעור ניט אלם שקלאף פון רבינו תם. אין קליינע און אין גרויסע זאכען, אין זיין פריי־וואט לעבען און אין זיין פארשען, איז אבן עזרא א מענש פוי שטימונגען.

גאנץ ריכטיג זאגט וועגען איהם גרעטץ: „זיין קלאה־רער קוק, זיין שארפער, אנאליטישער שכל, זיין שניידענדע קריטיק, וועלכע האלט זיך פון קיין זאך ניט אב און וואס

פיהרט איהם כמעט צום פּאַנטהעאיזם, געהט האנד אין האנד מיט א טיעפען דרך ארץ פאר אויטאָריטעטען. דאס האט געפיהרט דערצו, וואס ער האט, ווי אן אמת'ער פאַנאַטיקער, אטאקירט אונאבהענגיגע דענקער אין אפּיקורסות. זיין גרונטפאָרמעל ... שכל, וועלכער האט אונטערזוכט דעם אור־שפּרונג פון יעדער ערשיינונג, האט איהם ניט צוריקגעהאל־טען פון צו בלאנדזשען אין די דונקעלהייטען פון דעם מיסטי־ציזם. איבערפילט מיט בטחון אין גאָט, אין וועמעס הענד ער האט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען, האט ער פון דעסט־וועגען געגלויבט אין דעם איינפלוס פון די שטערען, פון וועלכען קיין מענש קען ניט אנטרינען. אויף אזא אופן איז אבן־עזרא געווען אן אונערשראָקענער קריטיקער און א שקלאַף צום בוכשטאב פון געזעץ, א ראַציאָנאַליסט און א מיסטיקער, א טיעף־רעליגיעזער מענש און אן אסטראָלאָג".

אבן־עזרא איז זיין גאַנצען לעבען געווען א גרויסער קבצן. ער האט ניט געוואוסט היינט פון וואס ער וועט דעם מאָרגענדיגען טאָג לעבען, און ער האט שטענדיג געמוזט אנ־קומען נאך הילף צו זיינע פריינד און פערעהרער. די פאָלקס־לעגענדע שטעלט איהם פאר שוין אין זיינע יונגע יאהרען אלס בעטלער. זיא דערצעהלט: „אן אבגעריסענער און גע־קליידעט ווי א בעטלער איז ער אריינגעקומען אין דער הויז פון דעם רייכען ר' יהודה הלוי. דער לעצטער האט באלד דערקענט אין דעם בעטלער א געלעהרטען מענשען און א גרויסען פּאָעטישען טאַלאַנט. ער האט איהם אריינגענומען צו זיך אין הויז און האט איהם געגעבען זיין איינציגע טאָכ־טער פאר א ווייב". די מעשה וועגען דעם, אז ער איז געווען ר' יהודה הלוי'ס אן איידים איז ניט אמת. עס איז בעקאַנט אז ר' יהודה הלוי'ס טאָכטער האט געהאַט בלויז איין זוהן, וואס האט געהייסען יהודה. וועהרענד דער אבן עזרא דער־צעהלט, אז ער האט געהאַט פינף קינדער און זיין זוהן, וועל־כער האט שפּעטער אנגענומען דעם מאהאמעדאַנישען גלוי־בען, האט גאר געהייסען יצחק. אבער, אז ער איז געווען א גרויסער ארימאַן, אויף דעם זאָגט אבן־עזרא אליין עדות.

אין זיינע ליעדער בעקלאגט ער זיך גאנץ אפט אויף זיין ארימקייט, וועלכע ער ערקלערט דורך זיין שלעכטען מזל און דורך דער ווירקונג פון די שטערען אין הימעל.

דער הימעל האט ביי מיין געבוירען
א ריכטונג אן אנדערע גענומען ;
ווען איך וואלט מיט ליכט אויך געהאנדעלט
וואלט קיינמאל די נאכט ניט געקומען.
איך זוך אלץ מיין גליק און געפין ניט,
פערבלאנדזעט אין הימעל מיין שטערען ;
ווען איך וואלט תכריכים פערקויפען
וואלט דעמאלט דער טויט גאר אויפהערען.
(איבערזעצט פון אברהם רייזין).

און ניט נאר האט ער קיין מזל ניט אין זיינע געשעפטען, נאר אפילו ווען ער דארף געהן צום גביר בעטען א טובה אדער א גמילות חסד, געפינט ער איהם ניט, ווי אויף צו־להכעיס אין דער היים:

קום איך צום גביר אין דער פריה
איז ער גאר שפאציערען געפאהרען ;
קום איך אין אווענט צום גביר —
נאר וואס אנשלאפען געווארען.

אדער ער פאהרט
אדער ער ליעגט ;
דעם ארעמען מענשען
קיינמאל ניט גליעקט..
(איבערזעצט פון אברהם רייזין).

ניט אלע מאל ברייננט איהם זיין ארימקייט אין א גע־דריקטער שטימונג. ער איז א פרעהליכער קבצן, און מאכט

אפּט חוזק פון זיך אליין. ער בעשרייבט זיין מאַנטעל, וועל־כער דיענט איהם ביינאַכט אין זיין וואַנדער־לעבען אַלס געצעלט. דורך די לעכער קען ער בעטראַכטען די אַלע שטערען פון הימעל, וועלכע שיינען דורך זיי אריין.

כ׳האב א מאַנטעל איז ער אַלט —
האָט פערלאָרען זיין געשטאַלט.
ווי א זיפּ איז ער געוואָרען
זיפּ דורך איהם כאַטש ווייץ און קאָרן.
ווען עס ווערט פון איהם געמאַכט
א געצעלט אין פינסטערער נאַכט
זעה איך דאַן דורך איהם אין גאַנצען
ווי די אַלע שטערען גלאַנצען.
זיינע לעכער — א פערמעג!
ווי די צעהנער פון א זעג.
און די לאַטעס—האָב איך מורא —
זיינען מעהר שוין פאַר דער סחורה.

* * *

ליעבער גאָט, איהם בייט מיר אום
אויף א מאַנטעל צו מיין רוהם!

(איבערזעצט פון אברהם רייזין).

און ווען ער געפינט זיך אין אן ערנסטערע שטימונג, שרעקט איהם אויך די ארעמקייט ניט. ארעם צו רייך, גליק אדער אונגליק, וואס איז דער חלוק? דאס לעבען געהט סיי ווי סיי אוועק:

ניט ווער דערשראָקען פון דעם טאָג,
דען אַלץ וואס פּאַסירט האט קיין דויער.
ניט פרעה זיך ווען ס׳טרעפט דיר א גליק,
אן אונגליק — ניט וויין און ניט טרויער.

פון טאָג פון דעם גוטען און שלעכטען
ווערט סיי ווי סיי ווערען א נעכטען.
(איבערזעצט פון אברהם רייזין).

אין איינעם פון זיינע ליעדער מאכט ער א קורצען סך־הכול פון מענשליכען לעבען:

דער מענש דארף זיך שטענדיג בעקלעהרען
ער ווערט זיך צו שטויב צוריק קעהרען.

* * *

צו פינף יאהר איז פול מיט ענטציקען
דאס אינגעל מיט זוניגע בליקען.
די מוטער ווערט אלץ איהם פערטראָגען,
די האלדז פון דעם טאַטען—זיין וואָגען.

דאס אינגעל איז צעהן יאָהר געווארען —
נים מוסר'ט איהם, רעדט נישט מיט צאָרן.
לאָזט פריי זיינע יונגע געפיהלען,
זאָל ער מיט פאמיליע זיך שפיעלען.

צו צוואנציג ווי שעהן איז דאס לעבען
ער וואָלט בלויז אומשפרינגען און שוועבען.
ער לאכט פון די לעהרער און טוגענד,
די ליעבע — געפאנגען זיין יוגענד.

און זיינען איהם דרייסיג פערשוואונדען
דאָן איז מיט א ווייב ער פערבונדען.
ער קעמפפט שוין—אזוי ווי געפאנגען —
פאר ווייב און פאר קינדער'ס פערלאנגען.

און זיינען איהם פערציג בעפאלען
דאָן פיהלט ער ביי זיך שוין געפאלען.
צופריעדען מיט פיעל און מיט ווייניג —
און טראָגט שוין זיין יאָך אונטערטעניג.

און זיינען איהם פופציג אריבער
דאַן ווערט ער שוין טרויעריגער, טריבער.
ער שפּאַט פון דעם מענשליכען יאָגען
און שרעקט זיך: די שעה וועט באַלד שלאָגען.

און ווערט ער מיט זעכציג געלאָדען
דאַן האט ער שוין מעהר ניט קיין באָדען...
ער קען שוין, א מאַטער, ניט שטרייטען
און מוז בלייבען שטעהן פון דער ווייטען.

דערגרייכט ער שוין זיבציג מיט גבורה
ער האט ביי דער וועלט ניט קיין צורה.
קיין האַנד וועט איהם קיינער ניט שטרעקען —
א לאַסט נאר פאר זיך און זיין שטעקען...

און האט ער שוין אַכטציג דערצויגען
דאַן דיענען ניט מעהר שוין די אויגען.
די קינדער איהם ווילען ניט ויסען,
פער׳סם׳ט איז זיין טרונק און זיין ביסען.

דערנאָך איז דער טויט איהם שוין ליעבער...
אַז וואויל איז דעם מאַן, וואס טראַכט איבער
און וויים, אַז דאס לעבען איז שטויביג
און בלויז יענע וועלט איז אויף אייביג.

* * *

דער מענש דארף זיך שטענדיג בעקלעהרען
ער וועט זיך צו שטויב אומקעהרען.

(איבערזעצט פון א. ר. און נ. ג.)

ארעמקייט איז אבער ניט געווען דיא איינציגע צרה, פון וועלכע דער אבן־עזרא האט געהאט צו ליידען. עס האבען זיך אנגעפאנגען רדיפות און פערפאלגונגען געגען די שפּאַנישע אידען, וועלכע האבען געלעבט אונטער דער הערשאפט

פון די מאהאמעדאנער. א געוויסער אבדאלהא אבן־טומארט האט געגרינדעט א נייע סעקטע אין דעם מאהאמעדאניזם, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען אלמאהאדען. זיין נאכ־פאלגער אבדולמומען, א בעגייסטערטער רעליגיעזער פאנא־טיק, האט גענומען פיהרען מלחמות געגען דער דינאסטיע פון די אלמאראווידען, וועלכע זיינען אין זיינע אויגען ניט געווען גענוג פרום. איהם איז געלונגען צו בעזיעגען די אלמאראווידען ניט בלויז איי צפון־אפריקא, נאר אויך אין שפאניען. ער האט דאן זיך גענומען אפרעכענען מיט די אידען, וועלכע האבען נאמירליך געהאלטען מיט די ליבע־ראלערע אלמאראווידען. „איהר גלויבט ניט", האט ער זיך געווענדעט צו די אידען, „אין די שליחות פון נביא (מאהא־מעד). איהר ווארט אויף דעם משיח, וואס איז אייך פער־שפראכען געווארען, אז ער זאל קומען בעשטעטיגען אייער תורה. נו, אייערע עלטערען האבען פערזיכערט, אז משיח מוז קומען אם שפעטסטען פופציג יאהר נאך מאהאמעד'ס טוידט. די צייט איז שוין לאנג אריבער. מיר קענען אייך מעהר ניט לאזען אין אייער אונגלויבען. איהר האט פאר זיך די ברירה: דעם „איסלאם" אדער דעם טוידט". א גרויסער טהייל פון די אידען האבען לפנים אנגענומען דעם „איסלאם"; א היבשער טהייל זיינען זיך צולאפען אין די בענאכבארטע לענדער און מאנכע ווידער האבען זיך געלאזט טוידטען אויף „קדוש השם". די אידישע שוהלען און בתי מדרשים אין די אלטע בליהענדע אידישע קהלות פון קארדאווא, לוצענא, סעוויל און אנדערע שטעדט זיינען חרוב געווארן. אבן־עזרא איז ניט געבליעבען גלייכגילטיג צו דעם גרויסען אונגליק, און אין א קינה וואס פאנגט זיך אן: „וועה אויף דעם אונגליק, וואס איז אראפ אויף שפאניען", גיסט ער אויס זיין ביטער הארץ, און רעכענט אויס די אלע אידישע קהלות וואס זיינען חרוב געווארען.

א חוץ די צרות פון כלל האט דער אבן עזרא בערך יענער צייט געהאט אריבערצוטראגען אויך פיעל אייגענע צרות. זיין פרוי און פיער קינדער זיינען געשטארבען. עס

איז איהם געבליעבען איין זוהן, יצחק אבן עזרא, וועלכער איז אויך געווען, לויט די עדות פון יהודה אל־חריזי, א גרויסער פּאָעט. דער דאָזיגער זוהן האט אבער פערראַטהען דעם אידישען פאָלק און איז אריבער צום איסלאַם: „ער האט אראבגעוואָרפען פון זיך זיין טהייערען מאַנטעל און האט אנגעטהאָן אַנדערע קליידער", ווי אלחריזי דריקט זיך אויס וועגען דעם. דער אונגליקליכער פאטער האָט אַנגעשריעבען א הערצרייסענדע קלאַג־ליעד אויפ'ן זוהן. ווענען ער האט בעטראַכט פאר געשטאָרבען: „איך בין דער מענש, וועמען עס האט געטראָפען דער אונגליק, וועמעס פרייד עס איז פערטריעבען געוואָרען. איך האָב פערלאָרען מיין קינד; דער קינד, וועלכער איך האָב געהאָפּט, וועט זיין מיין טרייסט און שטיצע אויף דיא עלטערע יאהרען... מיינע פריינד, לאָזט מיר אָפּ, טרייסט מיר ניט. דערמאָנט מיר מיין אונגליק ניט, דערמאָנט מיר ניט זיין נאמען. דאס איינציגע שטיקעל פייער, וואס איז מיר געבליבען האָט זיך אויך אויסגעלאָשען. מיין הארץ איז מיר געבליעבען פוסט און וויסט, טוידט פונקט ווי יצחק איז טוידט".

די מוזע פון אבן עזרא האט אויפגעהערט צו זיין שטיפעריש. זיינע שפּעטערע ליעדער, פונקט ווי זיינע קינות און סליחות, זיינען שוין פול מיט צער און טרויער:

וועז מיינע טרערען וואָלטען לויט מיין אונגליק רינען,
וואָלט קיינער אויף דער ערד קיין טרוקען אָרט
געפינען;
נאר ניט פאר נח'ן אליין — פאר מיינע אויגען
האט אויך געוויזען גאָט דעם רעגענבויגען...
(איבערזעצט פון אברהם רייזין).

די רדיפות געגען די אידען, זיינע פערזענליכע צרות און אפשר אויך די שאנדע, וואס זיין זוהן האט איהם פערשאפט, האבען אבן עזרא'ן בעוואויגען ער זאָל פערלאָזען שפּאַניען. עלענד און אליין, האט ער, אין דעם עלטער פון קרוב פופציג יאהר, פערלאָזען זיין פאטערלאַנד, וועלכע ער

האט אזוי שטארק געליעבט און וועלכע ער האט קיינמאל ניט געקענט פארגעסען. זיין צוריסענער מאנטעל און זיין שטעקען, דאס איז געוועזן זיין גאנצער פערמעג.

* * *

אין וועלכען יאהר דער אבן עזרא האט פארלאזען שפאניען איז ניט אין גאנצען בעשטימט. מיר ווייסען בלויז, אז אין יאהר 1140 האט ער זיך אויפגעהאלטען אין רוים. איטאליען. אבער איידער ער איז אהין אנגעקו־מען האט ער א לאנגע צייט ארומגעוואנדערט איבערן אריענט. ער איז געוועזן אין עגיפטען, אין ארץ ישראל און אויך אין באגדאד. לויט ווי א לעגענדע דערצעהלט איז ער זאגאר געוועזן אין אינדיען. מען קען דארום אנגעהמען, אז ער האט פארלאזען שפאניען צווישען די יאהרען פון 1137 און 1138.

אין רוים האט ער זיך אויפגעהאלטען בערך פינף יאהר. ער האט דארטען געקראגען תלמידים און פערעהרער. אבער זיין אונרוהיגער גייסט און זיין וואנדער־לוסט האט איהם ניט געלאזען איינזיצען אויף אן ארט. ער האט פאר־לאזען רוים און גענומען וואנדערן איבער איטאליען. ער איז געוועזן אין לוקא, מאנטוא, וועראנא און אנדערע שטעדט. איבראל האט מען איהם עמפפאנגען מיט גרויס כבוד און איבעראל האט ער איבערגעלאזען תלמידים און פריינד. פון איטאליען איז ער אנגעקומען קיין פראנק־רייך, וואו ער האט זיך בעקענט מיט די דארטיגע בעריהמ־טע תלמודיסטען פון יענער צייט, די אייניקלאך פון רש"י, — „די בעלי התוספות" רבינו תם און דער רשב"ם.

נאכדעם ווי ער האט בעזוכט מעהרערע אידישע קהלות אין פראנקרייך איז ער אריבער קיין ענגלאנד, און אין יאהר 1158 טרעפען מיר איהם אין לאנדאן. דער לאנ־דאנער קלימאט איז איהם אפנים ניט געפעהלען, ווייל אין 1160 געפינען מיר איהם שוין ווידער אין פראנקרייך. אויף זיינע עלטערע יאהרען האט ער זיך פערבענקט נאך זיין

פּאַטערלאַנד, וועמעס זוניגע הימלען האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעסען. אויף'ן וועג אַהיים איז ער קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען אין ק א ל א ה א ר ר א, אין צפון שפּאַניען, ניט ווייט פון פראַנצויזישען גרעניץ.

אבן־עזרא'ס לעבען קען אַלזאָ איינגעטהיילט ווערען אין צוויי פּעריאָדען. אין דער ערשטער פּעריאָדע ביז בערך 1137 האָט ער זיך אויפגעהאַלטען אין שפּאַניען. אין דער צווייטער פּעריאָדע, פון 1137 ביז 1167, האָט ער ארומגעוואַנדערטוועט איבער דער וועלט. די מייסטע פון זיינע ליעדער, סאַי די וועלטליכע און סאַי די רעליגיעזע, זיינען אָנגעשריעבען געוואָרען אין דער ערשטער פּעריאָדע. וועגען יענער צייט זאָגט ער אויף זיך: „אין מיין יוגענד האָב איך ליעדער גע־שריעבען, וואָס זיינען געווען ווי פּערעל פאַר די העברייער" ער האָט געהאַט זעהר אַ הויכע מיינונג וועגען זיין פּאָעזיע. פון איינעם פון זיינע ליעדער קען מען אַרויסזעהן, אַז ער האָט פון זיין אייגענער פּאָעזיע געהאַלטען אפילו מעהר ווי פון ר' י ה ו ד ה ה ל ו י'ס, וועמען ער האָט בעטראַכט פאַר אַלטמאָדיש. ער האָט ליעב זיך אָנצורופען „דער פּאָעט". די צאָהל פון אבן עזרא'ס ליעדער, וואָס זיינען אונז בעקאַנט, זיינען אַריבער צוויי הונדערט, אַ חוץ סליחות און קינות. אַ זאַמלונג פון זיינע ליעדער, אין צוויי טהייל, איז אַרויסגע־געבען געוואָרען אין יאָהר 1894 פון דער חברה „אחיאסף" אונטער דער רעדאַקציאָן פון ד ו ד כ ה נ א. צווישען די איבריגע געפינען זיך דאָרטען אויך זיינע ליעדער וועגען דעם שאַך־שפּיעל, וועלכען דער אבן־עזרא האָט גוט געקענט. זיינע ליעדער צייכנען זיך אויס מיט דער קורצקייט און שאַרפקייט פון זייער שפּראַך און מיט זייער געדאַנקען־רייכקייט. דער אבן־עזרא בעזיצט אַ גרויסע מאָס פון הומאָר און וויטץ און אויך אַ בייסענדע סאַטירע.

זיין רייזע איבער דער וועלט האָט איהם געגעבען די גע־לעגענהייט זיך צו בעקענען מיט די ליטעראַטורען פון די פער־שיעדענע פעלקער, און אין איינעם פון זיינע עפּיגראַמען,

וועלכע ווערט דא איבערזעצט אין פּאָזא, גיט ער א קורצע כאַראַקטעריסטיק פון זייערע ליעדער:

דיא אַראַבער זיי זינגען נאָר וועגען ליעבע;
וועגען מלחמות און נקמות זינגען די רוימער.
געדאַנקען-פול איז דער געזאַנג פון די גריכען,
די אינדיער—דורכאוים משלים און רעטניסע,
און די אידען — נאָר צו גאָט טהוען זיי זינגען.

זיינע וויסענשאַפטליכע ..ון פילאָזאָפישע ווערק, ווי אויך זיינע בעריהמטע קאָמענטארען אויף דער ביבעל, האָט ער געשריעבען אין דער צווייטער פעריאָדע פון זיין לעבען. פלעגט קומען אין א געוויסע שטאָדט, זיך דארטען אויפהאַל־טען א געוויסע צייט, ערווערבען זיך תלמידים און פאר זיי אַנשרייבען א ווערק. דאן קומען אין אן אַנדער שטאָדט און דארטען טהאָן פונקט דאס זעלבע. „איבעראַל האָב איך גע־וואוינט, געשריעבען ביכער און ערקלעהרט געהיימניסע“ (בכל מקום גרתי, ספרים חברתי, וסודות בארתי), דערצעהלט ער וועגען זיך.

אין זיינע פירושים אויף דער ביבעל זוכט ער זיך צו האַלטען אן דעם איינפאַכען זינן פון דיא ווערטער. ער זידעלט די „אַללעגאַריסטען“, די בעלי הסוד, וואָס געפינען אין דער תורה נאָר אינערליכע כונות און פערנאַכלעסיגען דארום די מצוות פון דער תורה. ער האַלט זעהר ווייניג פון די דאָזיגע מפורשים, וואָס זוכען אריינצושפּארען אין די פסוקים זייערע פילאָזישע מיינונגען און סברות. ער איז אויך ניט אין גאַנ־צען צופריעדען מיט דעם וועג ווי די „דרשנים“ זוכען אויסצור־טיימשען די פסוקים דורך דרשות „פון וועלכע מאַנכע זיינען גראָב ווי זעק און אַנדערע עדעל ווי זייד“. מען קען אָבער ניט זאָגען, אז ער אליין איז אין גאַנצען ריין דערפון. ער אליין דערקלעהרט מאַנכע שטעלען אין דער תורה, ווי צום ביישפיעל די מעשה פון דעם „עץ הדעת“, אַלס משלים און אַללעגאָריען. דערצו האָט ער אליין אריינגעשפּארט זיין גאַנצע פילאָזאָפיע אין זיינע ערקלעהרונגען פון דער ביבעל. דעם בעקאַנטען פאַרשער נ ח מ ן ק ר א כ מ ע ל איז אויף אזא אופן געלונגען

צוזאמענצושטעלען די גאנצע סיסטעם פון אבן עזרא'ס פילאָ־זאפיע פון זיינע פירושים אויף דער ביבעל (זעה, מורה נבוכי הזמן, שער חכמת המסכן).

גאנץ אפט זוכט דער אבן עזרא צו דערקלעהרען די וואונ־דערליכע מעשיות פון דער תורה אויף א נאטירליכען וועג. ווענען דעם טורם פון בבל, פון וואנען די מענשען זיינען פערשפרייט געוואָרען און זייער שפראך איז צומישט גע־ווארען זאגט ער: „די בויער פון טהורם זיינען גאר ניט געווען אזעלכע נארען צו דענקען, אז זיי וועלען ארויפקומען אויף'ן הימעל. זיי האבען געבויט דעם מויער, כדי זיי זאלען ניט פערשפרייט ווערען, אבער דאס איז געווען געגען גאט'ס ווילען, געגען דער נאטור . . . נאך מיין מיינונג זיינען זיי פערשפרייט געווארען (דורך זייער פערמעהרען זיך). און נאכדעם, ווי זיי האבען זיך פערשפרייט... און עס זיינען אויפ־געשטאנען נייע קעניגע, און ווען דער ערשטער דור איז אויס־געשטארבען איז די ערסטע שפראך פערגעסען געווארען. זייער פערשפרייטען זיך איז גראדע געווען גוט פאר זיי, ווייל זיי האבען בעזעצט די גאנצע וועלט".

גלויבענדיג אין אסטראלאגיע (שטערנזעהעריי), ער־קלעהרט ער מאנכע ניסים דורך דער ווירקונג פון די שטערען. בלעם, מיינט ער, האט געוואוסט פון דער אסטראלאגיע, פון דעם צוזאמענהאנג פון די שטערען, ווען צו שילטען און ווען צו בענשען, אז עס זאל מקוים ווערען.

אין מאנכע שטעלען גיט ער אנצוהערעניסען, אז געוויסע פלעטצער אין דער תורה זיינען איבערזעצונגען: „דער נאמען משה איז איבערזעצט פון עגיפטיש. זיין עגיפטישער נאמען איז געווען מוניוס". איהם איז געווען קשה, ווי אזוי האט פרעה'ס טאכטער, וועלכע איז געווען אן עגיפטיאנערען, איהם געקענט געבען דעם העברייאישען נאמען משה, און דערצו נאך די ערקלעהרונג, ווייל זי האט איהם ארויסגעצויגען (משיתיהו) פון וואסער. ווי קומט זי צו העברעאיש? דער תירוץ איז דארום, אז דאס איז איבערזעצט געווארען פון עגיפטיש. ער דערשרעקט זיך אבער פאר זיין אייגענע העזה

עטוואס אזעלכעס צו בעהויפטען, און ער ענדיגט: „אפשר האט זי זיך אויסגעלערנט זיין שפראך“.

אט די דאזיגע מורא מערקט מען ביי איהם אפט אן. „און דא געפינט זיך א סוד, וועלכען איך קען ניט מגלה זיין, און דער קלוגער וועט פערשטעהן“. בעגעגענט מען אן ביי איהם אויף שריט און טריט. דערביי גיט ער פערשטעלטע אנדייטונגען און סימנים, ווי אזוי „דער קלוגער“ קען עס אויסגעפינען.

אבן־עזרא איז געווען א גרויסער מאטהעמאטיקער. ביים פאלק האבען זיך פערשפרייט אלערליי וואונדער־מעשיות וועגען דעם. אזוי ווערט דערצעהלט, אז ער איז אמאל געפאהרען אויף א שיף מיט זיינע פונפצעהן תלמידים. די שיף האט געהאלטען ביים זינקען. עס איז געבליעבען ביים קאפיטאן, אז מען זאל א מהייל מן די פאססאזשירען אריינווארפען אין ים. דער אבן עזרא האט געמאכט א פארשלאג, אז מען זאל די רייזענדע אויסשטעלען אין רייהען און דעם ניינטען אריינווארפען אין וואסער. דער קאפיטאן האט מסכים געווען. דער אבן עזרא האט זיי אזוי אויסגעשטעלט, אז קיינער פון זיינע תלמידים איז ניט אויסגעקומען דער ניינטער.

סאי אין זיינע פירושים אויף דער ביבעל און סאי אין זיין פילאזאפיע האט דער אבן־עזרא ליעב אנצודייטען אויף די אייגענטהימליכקייטען פון די צאהלען און די געאמעטרישע פיגורען. אין דער מאטהעמאטיק איז דער „איינס“ דער יסוד פון אלע צאהלען ביז דער אונענדליכקייט. ווען איהר זאגט „צוויי“, מיינט עס צוויי מאל „איינס“; „דריי“ — דריי מאל „איינס“; א „מילליאן“ — א מילליאן מאל „איינס“ און אזוי ביז דער אונענדליכקייט. ס'איז ניטא קיין צאהל, וואו דער „איינס“ זאל ניט זיין, אפילו ווען איהר זאגט א העלפט“ א פיערטעל און אזוי ווייטער, מיינט עס א האלבער „איינס“, א פיערטעל „איינס“ און אזוי ווייטער. קיין צאהל קען ניט אויסקומען אהן דעם איינס; דער איינס אליין דארף ניט קיין אנדער צאהל. דער איינס מאכט אלע צאהלען, און

אלע צאהלען געפינען זיך שוין אין איהם, ווייל אלע צאהלען זיינען נאר איבער׳חזר׳ונגען פון דעם איינס. דער איינס איז אין אלע צאהלען, וועהרענד ער אליין איז ניט קיין צאהל. ווייל א צאהל מיינט די ווידערהאלונג פון איינס. דער „איינס“, דער סתם־איינס, דער ניט בעשטימענדער איינס, איז בלויז א פארשטעלונג אין שכל: ער האט ניט קיין ממשות׳דיגע עקזיסטענץ. איהר זאגט איין מענש, איין הויז, איין עפעל, איין פלוים, דער איינס קריעגט דאן א ממשות, ווייל ער איז א בעשטימטער איינס. ווען איהר זאגט אבער „איינס“ אליין, אהן א שום בעשטימונג, איז עס בלויז א פארשטעלונג אין שכל.

דאס, וואס דער „איינס“ איז אין צאהלען איז דער „פונקט“ אין פיגורען. דער פונקט איז דער יסוד פון אלע פיגורען. די ליניע איז די פארזעצונג פון דעם „פונקט“ אין דער לענג; די פארטזעצונג פון דער ליניע אין דער ברייט איז דער שטח. דער פונקט איז בלויז א פארשטעלונג אין שכל, ווייל קוים שטעלט איהר, למשל, א פונקט אויף׳ן פאפיער איז ער שוין ניט מעהר קיין פונקט: ער ווערט אליין א פיגור. דער „איינס“ און דער „פונקט“ זיינען דארום ביי דעם אבן עזרא דער סימבאל פון גאט. אלע צאהלען קומען פון „איינס“; אלע פיגורען קומען פון „פונקט“. ביידע, סאי דער איינס און סאי דער פונקט, זיינען בלויז פארשטעלונגען אין שכל, אהן שום ממשות׳דיגער עקזיסטענץ, אבער אהן זיי איז אונמעגליך די בילדונג פון אירגענד וועלכען צאהל אדער אירגענד וועלכער פיגור.

פון זיינע ספרים איבער מאטהעמאטיק געפינט זיך דער „ספר האחד“, א קורצע אבהאנדלונג וועגען די אייגענטהימליכקייטען פון די צאהלען 1—9. „יסוד מספר“ איבער אריפמעטיק. „לוחות“ — אסטראנאמישע טאבעלען; „ספר העבור“, וועגען דעם קאלענדאר (מאנכע זיינען מיט דער מיינונג אז די „לוחות“ זיינען פון אברהם בר יחייא) דערצו האט ער אויך געשריעבען אייניגע אבהאנדלונגען איבער דער

העברעאישער גראמאטיק, די בעסט בעקאנטע פון וועלכע זיינען „מאזנים“ און „צחות“.

דער אבן עזרא האט אלע זיינע ספרים געשריעבען אין העברעאיש, כאטש ער האט זעהר גוט געקענט אראביש. דאס און דער אומשטאנד, וואס ער האט געפיהרט א וואנדערענדען לעבען און איז געקומען אין פערזענליכער בעריהרונג מיט די פארשטעהער פון די אידישע קהלות אין איטאליען, פראנקרייך און ענגלאנד, האט געבראכט דערצו, וואס ער איז געוועזען איינער פון די וויכטיגסטע פערשפרייטער פון דער אידיש־אראבישער קולטור צווישען די אידען פון די אנדערע אייראפעאישע לענדער. ער האט דורך דעם אויך בייגעטראגען צו דער פארברייטונג פון דער דאזיגער קולטור צווישען די אייראפעאישע פעלקער בכלל.

* * *

קיין ספעציעלע סיסטעמאטישע ווערק איבער פילאזאפיע האט אבן עזרא ניט אנגעשריעבען. עס געפינט זיך פון איהם א פילאזאפישע ליעד אונטער דעם נאמען „די בייטען פון חכמה און דער גארטען פון געדאנקען“ (ערוגות החכמה ופרדס המזמה). אין יאהר 1901 איז אין לאנדאן ארויסגעגעבען געווארען זיינער א קורצער ספר מיט דעם נאמען „ספר העצמים“ (דאס בוך פון סובסטאנצען). עס געפינט זיך אויך פון איהם א קורצע אפהאנדלונג איבער עטהיקס אונטער דעם נאמען „יסוד מורא“ (דער פונדאמענט פון מאראל). זיין גאנצע סיסטעם פון פילאזאפיע איז אבער אויסגעארבייט געווארען פון נחמן קראכמעל, וועלכער האט זי ארויסגענומען פון אבן עזרא'ס פרושים אויף דער ביבעל (מורה נבוכי הזמן, חכמת המסכן). נאך קראכמעל זיינען געקומען אנדערע פארשער, ווי ראזין און ארשאנסקי.

זיין גאנצע פילאזאפיע איז כמעט ווי ווערטערליך איבערגענומען פון אבן־גבירול. עס קען נאר קיין צווייפעל ניט זיין, אז דער אבן־עזרא איז געוועזען בעקאנט מיט גבירול'ס פילאזאפיע. אויף דעם פסוק „בראתיו, יצרתיו אף עשיתיו (ישעיה מ"ג), זאגט ער: „דער פאעט

ר׳ שלמה האָט ערקלעהרט, אז אין דעם ליעגט דער גאַנצער סוד פון דער וועלט־שעפּפונג״.

די גאַנצע שעפּפונג בעשטעהט פון צוויי זאַכען: פון מאַטעריע און פאָרמע. מאַטעריע בעצייכענט ער מיט דעם נאָמען „גרם״ און פאָרמע מיט דעם נאָמען „מקרה״, ווייל די מאַטעריע איז דאָס אויביגע אונפערענדערבארע און די פאָר־מען זיינען נור צופאַלען. די מאַטעריע קען אננהמען אלערליי פאָרמען אָבער זי ווערט אין עצם ניט געענדערט. („התבוננתי בעצם העולם, ואראה כי כלו שני דברים: „גרם״ „ומקרה״, והמקרה יפסד בבוא מקרא אחר שיהיה הפך הראשון, והגרם ישאר״, ס פ ר ה ע צ מ י ם). די מאַטעריע איז ניט קיין קער־פּער, זי איז אַ רוחניות; אַ קערפּער איז מאַטעריע, וואָס האָט שוין אַ פאָרמע. מאַטעריע קען נאָר בעגריעפען ווערען, ווען זי האָט שוין אַ בעשטימטע פאָרמע.

אַלע שעפּפונגען, פון די העכסטע ביז די ניעדריגסטע, אפילו פון די העכסטע וועלטען, בעשטעהען פון מאַטעריע און פאָרמע. מיר מיט אונזערע חושים קענען נאָר בעגרייפען די זאַכען דורך זייערע פאָרמען, אָבער ניט אין זייער עצם („כי החרגשות אינם מרגישים רק המקרים״). אַלע זאַכען בעשטע־הען פון די דאָזיגע צוויי, פון מאַטעריע און פאָרמע, אַ חוץ גאָט, וועלכער איז אַן אַבסאָלוטע איינהייט (והכל שניים חוץ מיוצר הכל״).

די מאַטעריע איז אייביג און אונקערפּערליך. די שעפּ־פונג איז פאָרגעקומען, ווען די מאַטעריע האָט געקראָגען די פאָרמען. דער וואָרט „ברא״ אין העברעאיש, ערקלעהרט אבן עזרא, מיינט ניט בעשאַפען עטוואָס פון גאָר נישט (יש מאין); ער מיינט בלויז געבען אַ בעשטימטע פאָרמע צו דאָס, וואָס האָט ניט קיין פאָרמע, צו דער מאַטעריע. ער ברענגט אַ ראיה דערפון, וואָס אויך ביים מענשען שטעהט: „ויברא אלהים את האדם״ (גאָט האָט בעשאַפען דעם מענ־שען). אויף׳ן מענשען קען מען דאָך ניט זאָגען, אז ער איז בע־שאַפען געוואָרען פון גאָר נישט, ווייל ער איז דאָך געמאַכט געוואָרען פון דער ערד, וואָס איז אַ עטוואָס. די תורה מיינט

אלזא ניט, אז די וועלט איז בעשאפען געווארען פון גאר ניט; זי מיינט בלויז, אז די וועלט איז בעשאפען געווארען דורך דעם ארויסרופען פון די פארמען אין דער מאטעריע. פאר אונז הייסט עס א נייע שעפפונג, ווייל מיר קענען בעגרייפען זאכען נאר דורך זייערע פארמען און ניט זייער עצם.

צי איז די דאזיגע מאטעריע אן איינגעשאפט פון גאט'ס נאטור אדער אויך ניט מעהר ווי א שעפפונג, איז ניט אין גאנצען קלאהר ביי דעם אבן־עזרא. די פארמען ווערען ארויס־גערופען אין דער מאטעריע דורך „גאט'ס ווילען", וועלכען ער רופט אן „חפץ פשוט".

די שעפפונג איז אלזא דער ארויסרופען פון די פארמען אין דער מאטעריע דורך גאט'ס איינפאכען ווילען, וועלכען ער רופט אויך „חכמה".

גאט אליין איז אונקערפערליך און אהן אירגענד וועלכען פארם. ער איז ווי דער „איינס", דער מאטהעמאטישער איינס, אין צאהלען און ווי דער „פונקט", דער מאטהעמאטי־שער פונקט, אין פיגורען. דער „איינס" און דער „פונקט" זיינען די יסודות פון אלע צאהלען און פיגורען, כאטש אליין זיינען זיי ניט קיין צאהל אדער פיגור. דאס, וואס אין דער תורה געפינען זיך אויסדריקע, וואס ריידען פון גאט אלס קערפער, איז עס נאר בדרך משל, פיגוראטיוו. ווען א מענש וויל אויסדריקען זיינע אידעען און געדאנקען, מוז ער געברוי־כען די מענשליכע בעגריפע, די מענשליכע טערמינען. די מענשליכע שפראך קען אבער ניט אויסדריקען עטוואס, וואס איז איבער־מענשליך אדער אונטער־מענשליך. ער דערנידריגט דארום די העכערע און דערהויבט די ניעדריגערע צו זיך. ער זאגט „פי הארץ" (די מויל פון דער ערד) „יד הירדן" (די האנד פון ירדן), „ראש עפרות תבל" (די קאפ פון וועלט שטויב). די ערד האט ניט קיין מויל, דער ירדן האט ניט קיין האנד און די וועלט־שטויב האט קיין קאפ ניט. אין דעם פאל בעלעבט דער מענש זיי און ער דערהויבט זיי צו זיך. פונקט אזוי איז עס ווען ער זאגט: „גאט האט גערוהט". „גאט האט חרטה געהאט". „דער וואס זיצט אין הימעל

לאכט", אין דעם פאל דערניעדעריגט דער מענש די העבערע צו זיך.

דער אוניווערזום ווערט ביי דעם אבן עזרא איינגע־טהיילט אין דריי וועלטען. די אויבערסטע וועלט, די וועלט פון דער וועלט־נשמה און די מלאכים. די מענשליכע נשמה שטאמט אויך פון דאָרטען. די דאָזיגע וועלט איז די ערשטע אויסשטראהלונג פון גאָט.

די צווייטע אָדער מיטעלע וועלט איז די וועלט פון די הימעלישע קערפּערס, פון די „גלגלים" און די שטערען. זי איז אַ מין אויסשטראהלונג פון דער אויבערסטער וועלט.

די דריטע וועלט אָדער דער „עולם השפל" איז אונ־זער וועלט, די ערדישע וועלט. אין איהר איז דער מענש דער חשובסטער פון אַלץ און איהר מיטעל־פּונקט. דאָס איז דער־פאר, ווייל ער האָט אַ נשמה, וועלכע שטאמט פון דער אויי־בערשטער וועלט. אונזער וועלט איז ניעדריגער אין מדרגה פון דער מיטעלער וועלט און שטעהט דארום אונטער איהר איינפלוס. די שטערען, די גלגלים און זייער איינאָרדנונג האָבען דארום אַן איינפלוס אויף די געשעהעניסען און פּאַ־סירונגען אויף אונזער וועלט. זייער איינפלוס איז אָבער ניט קיין פרייער און ניט קיין בעוואוסטזיינניגער, ווייל זיי גופא זיינען אונטער דעם איינפלוס פון דער העכערער וועלט.

דאָ פאלט אבן־עזרא אריין אין זיין אַסטראָלאָגישען אבערגלויבען. ער גלויבט, אַז די ווירקונג פון די שטערען איז פאטאַל און אונפערמיידליך, און ער זוכט מיט אַלערליי פּלפּולים און דריידלעך צו מאכען אַ פּשרה צווישען דעם פאַ־טאַלען ווירקען פון די שטערען און די השגחה פון גאָט, וואס קענען איינע מיט דער אַנדערער ניט שטימען. ביי איהם קומט אויס, אַז דער גוטער מענש קען דורך זיינען גוטע מעשים און דורך תפלות ענדערען זיין מזל, וואס איז בעשטימט פון די שטערען. דער שלעכטער מענש קען זיך אָבער ניט ארויס־דרעהען פון דעם שיקזאל, וואס איז פאר איהם בעשטימט געוואָרען דורך די שטערען.

מיט דער גאנצער שארפקייט און טיעפקייט פון זיין שכל, איז דער אבן עזרא דאך געוועזן בלויז א קינד פון זיין צייט.

* * *

איז זיין עטהיק איז ער אויך ניט אריגינעל. דער מענש איז אן „עולם קטן”. ער האט דריי נשמות; די נשמה פון צמחים, וואס האט צו טהאן מיט וואקסען; די נשמה פון בעלי חיים, וואס האט צו טאן מיט בעוועגונג און די ריין־מענשליכע נשמה, וואס האט צו טאן מיט'ן שכל, און וועלכע שטאמט פון דער אויבערשטער וועלט. די אויפגאבע פון דעם מענשען איז צו זעהן, אז זיין שכל'דיגע נשמה זאל בעהערשען זיינע פערלאנגען, וואס שטאמען פון די אנדערע נשמות. דעם דאזיגען געדאנק האבען מיר שוין אנגעגענט ביי אנדערע אידישע דענקער פון יענער צייט. ער שטאמט אב פון פלאטא און זיינע תלמידים.

XII.

אַ ב ר ה ם אַ ב ן־ד אַ ו ד לײדעט אַ מאַרטירער־טויט. — זײן ספר איבער אַסטראָנאָמיע. — זײן „סדר הקבלה" איבער אידישע היסטאָריע. — אבן־דאוד דער ערשטער אַריסטאָטעליאַנער אין דער אידישער ליטעראַטור. — זײן ספר „אמונה רמה" איבער פילאָזאָפיע. — וויא ער בעווייזט דיא עקזיסטענץ פון גאָט. — זײן מיינונג װעגען גוט און שלעכט און װעגען פרייען ווילען.

אַ ב ר ה ם אַ ב ן־ד אַ ו ד (בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער ערסטער ראב"ד) איז איינער פון די לעצטע גדולים אין „דער גאָלדענער עפּאָכע פון דער אידיש־שפּאַני־שער קולטור".

פון זײן לעבען איז אונז גאַנץ װעניג בעקאַנט. ער איז געבאָרען געװאָרען אין ט אָ ל ע ד אָ, ש פּ אַ נ י ע ן, אין יאָהר 1110 און איז געשטאָרבען אַ טוידט פון אַ מאַרטירער אין יאָהר 1180. װעהרענד פיעלע פון זײנע צייט גענאָסען האָבען נים געקענט בײשטעהן דעם נסיון און האָבען לפנים װעגען אָנגענומען דעם מאהאמעדאַניזם, האָט דער גרייז־גרויער אַ ב ן־ד אַ ו ד זיך ענטזאָגט צו פערראַטהען זײן פאָלק און זײן גאָט. ער האָט נים געוואָלט און נים געקענט פאַרמאַסקירען זײן אידישקייט, און ער האָט זיך געלאָזט הינ־ריכטען אויף קדוש השם אין עלטער פון זיעבציג יאָהר.

פון בערוף אַ דאָקטאָר, װעלכער האָט געהאַט אַ הויכע מיינונג פון זײן פּראָפעסיע, איז ער דערצו געװען אַ גרויסער

תלמודיסט און א בעדייטענדער וויסענשאפטס־מאן בכלל. ער האט געשריעבען א ווערק איבער אסטראנאמיע, וועלכע ווערט דערמאנט פון שפעטערע שרייבער אבער וועלכע איז פארלארען געגאנגען. אם בעסטען איז ער בעקאנט אלס היסטאריקער און פילאזאף.

איבער היסטאריע האט ער אנגעשריעבען זיין „סדר הקבלה", וואו ער האט אין א כראנאלאגישען סדר איבערגעגעבען די נעמען פון די פארשטעהער פון דער טראדיציאנעלער תורה פון דור צו דור, אנפאנגענדיג מיט דער ביבעל און ענדיגענדיג מיט זיין צייט. איהם צו פערדאנקען ווייסען מיר עטוואס וועגען די דונקעלע פעריאדע פון דער אידישער געשיכטע, די פעריאדע פון די „רבנן סבוראי" און די ערשטע „גאונים".

דעם ציעל וואס ער האט זיך געשטעלט אין דעם „סדר הקבלה" איז געווען צו בעקעמפפען די קאראאימען. די הויפט טענה פון די קאראאימען ביז היינטיגען טאג בעשטעהט אין דעם, אז די גאנצע „תורה שבעל פה" איז אן אויסגעטראכטע זאך פון די שפעטערע תלמודיסטען, אז די אידען האבען קיינמאל ניט געקראגען קיינע מינדליכע איבערליעפערונגען, און אז זיי, די דאזיגע איבערליפערונגען, זיינען בלויז א צו־טשעפענים צו דער תורה. אבן־דאוד נעהמט זיך דארום אונטער צו בעווייזען, אז די אידישע טראדיציע איז זעהר אן אלטע, אז זי שטאמט דירעקט פון משה'ן, און אז זי איז איבערגעגעבען געווארען פון דור צו דור, פון רבי'ן צום תלמיד, ביז זיין צייט, ביז ר' יוסף אבן מיגאש.

* * *

אין זיין פילאזאפיע איז אבן דאוד דער ערשטער אריסטאטעליאנער אין דער אידישער ליטעראטור; ער איז דער ערשטער וואס האט געפרובירט פעראייניגען און הארמאנירען אריסטאטעל'ס פילאזאפיע מיט דעם יודענטהום. אין דעם פרט קען ער מיט רעכט בעטראכט ווערען אלס דער רבי פון רמב"ם, כאטש עס איז ניט זיכער, אז דער

רמב"ם האָט געזעהן אבן־דאוד'ס פילאָזאָפישעס ווערק. מאַנכע פון די פריהערדיגע אידישע פילאָזאָפען האָבען אמת אויך געוואוסט פון די לעהרען פון אריסטאָטעלס'ען, ווי זיי זיינען אויסגעטייטשט געוואָרען דורך די אראַבישע שרייבער. אָבער זיי זיינען ניט געווען אין גאַנצען קלאָהר ביי זיך וועגען דעם גרויסען אונטערשיעד וואָס עס געפינט זיך צווישען די לעהרען פון דעם רבין פלאטא און זיין תלמיד, וועלכער איז געוואָרען אַ רבי פאַר זיך — אריסטאָטעלס. דערפאַר האָט גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז זיי האָבען צונויפגעמישט געדאַנקען פון ביידען און געמאַכט דערפון איין גאַנצעס, גאַר ניט פיהלענדיג די סתירה צווישען זיי.

די אידישע פילאָזאָפען ביז זיין צייט זיינען הויפּטזעכליך געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון פלאטא און זיינע תלמידים, און טהיילווייזע אויך אונטער דעם איינפלוס פון פיטהאגאראָס און זיינע תלמידים. (דער איינפלוס פון לעצטען איז שטאַרק קענטיג אין דער „קבלה"). דער פלאַטאָניזם און דער ניי־פלאַטאָניזם איז בכלל שוין ניט געווען קיין נייעס אין דער אידישער ליטעראַטור. שוין ניט ריידענדיג דערפון, וואָס איינער פון די וויכטיגסטע ניי־פלאַטאָניקער איז געווען „פילאָ דער איד". געפינען זיך צושפּרייט אין תלמוד און אין די מדרשים פיעלע פלאַטאָנישע געדאַנקען. די פלאַטאָנישע לעהרען, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך אַזוי פיעל שעהנקייט און פּאָעזיע, האָבען בעסער געקענט אַפּעלירען צום מענשליכען הארצען און צו דער מענשליכער פאַנטאזיע, ווי די גאַנץ פּראָזאאישע, טרוקענע לעהרען פון אריסטאָטעלס'ען, וועלכע זיינען געווען ניט מעהר ווי אַ זאַך פון שכל. די ערשטע האָבען זיך דארום בעסער געפּאַסט פאַר אַ רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע. די פלאַטאָנישע לעהרען האָבען דאַרום ניט ארויסגערופען אַזאַ ביטערע געגנערשאַפט און קאַמפּף געגען זיך, ווי די אריסטאָטעלשע, ווי, לאָמיר זאָגען, דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים"... דאָ איז אויך כדאַי צו בעמערקען די אינטערעסאַנטע ערשיינונג, וואָס דוקא די דאָזיגע אידישע פילאָזאָפען, וועלכע זיינען אויך געווען פּאָעטען, זיינען געווען

מעהר אדער וועניג פלאטאניקער, וועהרענד די אריסטאטעל־יאנער, ווי א ב ן ד א ו ד, דער רמב״ם און אנדערע האבען זעהר וועניג געהאלטען פון פאעזיע, און האבען זיך דערמיט ניט בעשעפטיגט.

פ ל א ט א ׳ ם לעהרען וועגען דער „אידעען־וועלט“, וואס בעשטעהט אין דעם, אז די וועלט, וואס מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים איז בלויז א דונקעלע אפשפיעגלונג פון דער אמת׳ער, ו ו י ר ק ל י כ ע ר וועלט, וועלכע איז די וועלט פון „די אידעען“, און וועלכע עקזיסטירט אין „עולם העליון“; זיין לעהרע וועגען דער מענשליכער נשמה, וואס עקזיסטירט נאך איידער דער מענש איז געבארען געווארען און איז א טהייל פון דעם „עולם העליון“; זיין לעהרע, אז אונזער אמת׳ער וויסען, אונזער ריינע ערקענטניס, איז א מין ע ר י נ ע ר ו נ ג דערפון, וואס אונזערע נשמות האבען געוואוסט אין זייער פריהערדיגער, פאר־ערדישער עקזיסטענץ, — דאס אלץ האט זיך בעסער צוגעפאסט צו דער רעליגיאן.

עס איז אמת, אויך אריסטאטעלעס לייקענט ניט אפ די עקזיסטענץ פון אידעען; אויך ער מיינט, אז דער אמת׳ער וויסען בעשטעהט פון אלגעמיינע אידעען און ניט בלויז פון איינצעלנע זאכען, אבער ביי איהם זיינען די אידעען בלויז א ל ג ע מ י י נ ה י י ט ע ן, כללים וואס קומען ארוים פון פ ר ט י ם, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען. ביי אריסטא־טעלס׳ען זיינען די אידעען ניט קיין ו ו ע ז ע נ ס, זיי האבען ניט קיין ו ו י ר ק ל י כ ע עקזיסטענץ, זיי זיינען ניט עטוואס רעאלעס. ווירקליך־עקזיסטירענדע זיינען סוף כל סוף נאר דאס, וואס מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים. די אידעען זיינען ניט קיין זעלבסט־עקזיסטירענדע וועזענס, נאר קינדער פון אונזער שכל: פון א סך פרטים מאכט דער שכל איין כ ל ל, אבער דיעזער כלל האט ניט קיין בעזונדערע עקזיס־טענץ. אין אנדערע ווערטער: די אידעען פון זאכען ליגען ניט א ו י ס ע ר ה א ל ב די זאכען, האבען ניט קיינע בעז־זונדערע עקזיסטענצען, נור זיי ליגען אין די זאכען גופא. מיר קומען, למשל, צום בעגריף „מענש“, סתם־מענש, ניט ווייל

ערגעץ־וואו עקזיסטירט די אידעע „מענש“ אויסערהאלב אונז, נור וייל מיר האָבען ערפאהרונגען דורך אונזערע חושים וועגען איינצעלנע מענשען, וועגען ר א ו ב ן, ש מ ע ו ן, ח י י ם און ב ר ו ך, קומען מיר צום אלגעמיינעם בעגריף, צו דעם בעגריף פון דעם מ י ן, צו דער אידעע פון „מענש“, פון סתם־מענש.

דער חילוק צווישען די דאָזיגעביידע אויסטייטשונגען פון דער „אידעע“ האָט א גרויסע פּראקטישע בעדייטונג. אויב די „אידעע“ ליעגט אין די זאכען, דאן קען מען צו איהר קומען דורך דער ערפאהרונג, דורך אונזערע חושים, דורך׳ן זוכען און פאָרשען, דורך זאמלען אלץ מעהר און מעהר ערפאהרונ־גען. דאָס איז די וועג, וואָס פיהרט צו דער וויסענשאפט. אויב אבער די אידעען ליגען אויסערהאלב די זאכען, אויב זיי האָבען א ווירקליכע עקזיסטענץ ערגעץ אין דעם „עולם העליון“ און אונזער נשמה אדער שכל איז א טהייל פון יענעם עולם העליון, דאן קענען מיר צו זיי קומען נור דורך דעם פערטיעפען זיך אין זיך גופא, דורך התבודדות, דורכ׳ן בעהעפטען זיך מיט די אויבערשטע וועלטען. פאָרשען און זוכען זיינען דאן איבּ־ריג. דאָס איז די וועג פון פּאָעזיע, רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע און מיסטיציזם.

א ר י ס ט א ט ע ל ס׳ לעהרען וועגען גאָט, וועג־גען דער אייביגקייט פון דעם אוניווערזום, זיינע לעהרען וועגען דער מענשליכער נשמה און אונ־שטערבליכקייט זיינען דערוויעדער דיא אידישע לעה־רען פון דער תורה. אלע אנשטרייגנגונגען פון די אידישע אריסטאָטעליאנער דאָס אויסצוגלייכען און צו האַרמאָנירען, דיא גנוואלדיגע חריפות וואָס זיי האָבען דערביי ארויסגע־וויעזען, האָט זיי וועניג געהאָלפען. זיי האָבען אין געוויסע פּונקטען אָדער געמוזט פערוואָרפען אריסטאָטעלסען ענט־וועדער דיא תורה. און אזוי וויא זיי האָבען ביידע זאכען ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיינען ביידע, סאי דיא תורה, סאי אריסטאָטעלס ארויסגעקומען צוקריפּעלטע.

* * *

פון די אידישע פילאזאפען דערמאנט א ב ן־ד א ו ד בלויז ס ע ד י ה ג א ו ן און שלמה א ב ן־ג ב י ר ו ל. צום ערשטען בעציהט ער זיך מיט גרויס דרך ארץ, כאטש ער איז ניט מסכים מיט אלע זיינע מיינונגען. א ב ן־ג ב י ר ו ל'ן דאגעגען בעקעמפפט ער כסדר, און אפט אין שארפע אויסדריקע. ער בעשולדיגט איהם, וואס ער האט אבגעגעבען א גאנצען ספר צו בעהאנדלען בלויז איין איינציגען פילאזאפישען ענין, וואס האט דערביי קיין ספעציעלע שייכות ניט מיט דער אידישער תורה. ער בעשולדיגט איהם אויך, אז ער מאכט לאגישע סילאגיזמען און ער קימערט זיך ניט צו דיא „ה נ ח ו ת“ זיינען אמת'ע. ער לאכט אויך פון זיינע פיעלע בעוויזע: ער זאגט וועגען דעם: „ער, אבן־גבירול, מיינט אז פיעלע ניט אמת'ע בעווייזע קענען פארנעהמען דעם פלאטץ פון איין אמת'ען בעוויז“ ער גיט אויך אנצוהערענים, אז אבן־גבירול'ס פילאזאפיע איז געגען יודענטהום, זיא איז צו פאנטהעאיסטיש *).

א ב ן־ד א ו ד איז ניט מסכים מיט א ב ן־ג ב י ר ו ל'ס ערקלעהרונג וועגען דער מאטעריע. ער בעשולדיגט אבן־גבירול'ען אין דעם, וואס לויט איהם קומט אויס, אז דיא מאטעריע האט א ו י ר ק ל י כ ע עקזיסטענץ נאך איידער זיא קריעגט א פארם. א ב ן־ד א ו ד מיינט, אז מאטעריע איידער זיא קריעגט א פארם האט בלויז א מ ע ג ל י כ ע עקזיסטענץ. אלץ וואס האט א ווירקליכע עקזיסטענץ מוז בעשטעהן פון מאטעריע און פארם צוזאמען. דיא ערד האט א ווירקליכע עקזיסטעץ, ווייל זיא האט

*) וגם כן עמדנו על ספר ר' שלמה בן גבירול ז״ל. כיון להועיל בו כונה אחת מהפלוסופיא, ולא ייחד בו האומה לבד, אבל הוא בענין ישתתפו בו כל מיני האנשים. ועם זה הביא רב דברים בענין אחד, עד שספרו אשר רמזנו עליו אשר קראו „מקור חיים“ באולי אם יצטרף ענינו במצרף, יוכלו דבריו בפחות מעשירית הספר ההוא. ועוד שהוא התעסק לעשות הקשים, ולא נתחייב שתהיינה הקדמותיהם אמתיות, אך הספיק לפי דעתו, הקדמות מדומות בצורת הקש אמתו. אכן חמריהם חמרים מסופקים, ולפי ששיער בעצמו מאון, הביא הרבה מופתים, בסבור שהמופתים הרבים הבלתי אמתים עומדים מקום מופת האחד האמתי..... ולא הייתי מגנה דבריו, לולא שדבר סרה גדולה על האומה. ידעה מי שעמד על ספרו (אמונה רמה).

א פאָרם, דיא פארם פון ערד; אזוי איז וואסער, אזוי איז לופט און אזוי איז פייער (דיא פיער עלעמענטען פון דער דאמאָלסטדיגער כעמיע). מאטעריע אליין, איידער זי האָט געקראָגען א פארם איז בלויז א מעגליכקייט און האָט נאָר א מעגליכע עקזיסטענץ. מאטעריע איז אזוי צו זאָגען א שטיק מעגליכקייט. „מיר זעהען וויא פון דער ערד ווערט וואסער(?) פון וואסער ווערט לופט, פון לופט ווערט פייער, וואָס דאָס מיינט, אז איין עלעמענט געהט אריבער אין דעם אנדערען. מיר זעהן אלזאָ, אז דיא מאטעריע איז אין דער מעגליכקייט אי ערד, אי וואסער, אי לופט און אי פייער. אליין האָט דיא מאטעריע קיין פארם ניט, נאָר זיא קען אָננעהמען דיא אלע פארמען. דערפון דרינגען מיר ארויס, אז עס איז דאָ איין אלגעמיינע מאטעריע, וואָס מיר רופען דיא אור־מאטעריע („חומר הקדום“). און מיר גלויבען, אז גאָט האָט איהר בעשאפען צום ערשטען, אזוי וויא יעדער קינסטלער גרייט זיך אָן מיט דעם נויטהיגען מאַטעריאל“ (אמונה רמה).

אבן־דאוד׳ס ערקלעהרונג פון דער מאטעריע איז די אריסטאטעלישע. אבער וועהרענד אריסטאטעלס בעהויפּטעט, אז דיא מאטעריע איז פון אייביג, זאָגט אבן־דאוד: „מיר גלויבען אז גאָט האָט איהר בעשאפען“, דאָס איז א ניט־געלונגענע פשרה מיט דער תורה. עס פרעגט זיך, צו וואָס האָט גאָט געדארפט בעשאפען די אור מאטעריע? ווארום האָט ער גלייך ניט בעשאפען דיא וועלט? און אויב עס איז שווער אָנצונעהמען, אז דיא וועלט איז בעשאפען געוואָרען פון גאָר נישט, טאָ וויא אזוי האָט ער בעשאפען דיא „אור־מאטעריע“ פון גאָר נישט? דער אריינברייגגען פון דער אור־מאטעריע מאכט דיא פראבלעמע ניט לייכטער. אבן־דאוד מערקט אפנים דיא שוועריגקייט, און ער זאָגט דארום אין אן אנדער פּלאַטץ אז דיא אור־מאטעריע איז בלויז א לאָגישער בעגריף, אָבער ניט קיין רעאליטעט („הוא עצם מושכל לא נמצא“).

נאכדעם וויא ער האט בעהאנדעלט דיא פראגע פון מאטעריע, נעהמט ער זיך צו דער פראגע וועגען בעוועגונג (אמונה רמה, פרק שלישי). בעוועגונג איז דער איבערגאנג פון מעגליכקייט אין ווירקליכקייט. קיין זאך קען זיך אליין ניט בעוועגען, זיא מוז ווערען בעוועגט פון אן אנדער זאך. אלע ענדערונגען וואס קומען פאר אין דער מאטעריע, סאי אין צייט, סאי אין רוים (חלל), סאי אין קוואנטיטעט (כמות), סאי אין קוואליטעט („איכות") קומען פון דער בעוועגונג. דער מענש און דיא חיות בעוועגען זיך אויך ניט אליין ; זיי ווערען בעוועגט פון זייערע נשמות. קורץ, דער גאנצער פראצעס פון ווערען, פון זיין און פון אונטערגאנג, וואס קומט פאר אין דעם אוניווערזום, איז א רעזולטאט פון דער בעוועגונג.

אין פיערטען קאפיטעל פון „אמונה רמה" נעהמט זיך א ב ן־ד א ו ד אונטער צו בעווייזען, אז „אונענדליכקייט כאי אין א קערפער, סאי אין א שטח, סאי אין א ליניע, סאי אין א צאהל איז אן אונמעגליכקייט אין דער ווירקליכקייט. ס'איז אויך אונמעגליך, אז קערפערס וואס מוזען זיין ענדליך זאלען בעזיטצען אן אונענדליכע קראפט.

אט וויא ער בעווייזט עס :

לאמיר זיך פארשטעלען אז דיא ליניע א————ב איז אונענדליך אין דער ריכטונג פון „ב". לאמיר מאכען א צווייטע גלייכע ליניע: ג———ה———ד וועלכע איז אונענדליך אין דער ריכטונג פון „ד". לאמיר פון דער ליניע ג ד" אבשניידען א שטיקעל — „ג ה".

דיא ליניע „ה ד" איז אדער גלייך צו „א ב" אדער וועניגער פאר איהר.

אויב דיא איבערגעבליעבענע ליניע „ה ד" איז גלייך צו דער ליניע „א ב", און „ג ד" איז דאך אויך גלייך צו „א ב", דאן וועט עס דאך הייסען אז א טהייל („ה ד") איז גלייך צו דער גאנצע („ג ד"). וואס דאס איז אונמעגליך.

אויב „ה ד" איז וועניגער וויא „א ב" און זיא איז פון דעסטוועגען אויך אונענדליך, וועט עס דאָך הייסען, אז עס איז דאָ א קלענערע און א גרעסערע אונענדליכקייט, וואָס דאָס איז ווידער אונמעגליך.

מיר מוזען אלזאָ זאָגען, אז די ליניע „ה ד" איז ענדליך. לאָמיר איצטער מאַכען א חבור פון דיאביידע ענדליכע ליניען „ג ה" און „ה ד." מיר וועלען דאמאָלסט קריגען דיא ליניע „ג ד", וועלכע מוז זיין ענדליך, ווייל זיא בעשטעהט פון ענדליכע טהיילען. די ליניע „ג ד" איז דאָך אָבער גלייך צו דער ליניע „א ב", פאלגליך מוז „א ב" אויך זיין ענדליך. עס איז אלזאָ ניטאָ קיין אונענדליכע ליניע.

און קוים קען ניט זיין קיין אונענדליכע ליניע, קען אויך ניט זיין קיין אונענדליכער שטח, ווארום א שטח איז דיא פערשפּרייטונג פון א ליניע אין דער ברייט. און קען ניט זיין קיין אונענדליכער שטח, קען אויך ניט זיין קיין אונענדליכער קערפּער, ווייל א קערפּער איז דיא פערשפּרייטונג פון א שטח אין דער גרעב.

א צאָהל קען אויך ניט זיין אונענדליך. אונענדליך הייסט דורכאוים מיטען (אָהן אן אָנפאנג און אָהן אן ענדע), אָבער א צאָהל מוז דאָך האָבען אן אָנפאנג און אן ענדע.

אויף דעם זעלבען אופן ווערט בעוויעזען, אז א קערפּער וואָס מוז דאך זיין ענדליך קען ניט האָבען קיין אונענדליכע קראַפט:

לאָמיר זיך פארשטעלען, אז דער קערפּער א————ב
ג ד ה

בעזיצט אן אונענדליכע קראַפט, און לאָמיר איהם צוטהיילען אויף דיא חלקים „ג ד ה". אויב יעדער חלק בעזונדער האָט אן אונענדליכע קראַפט, וועט עס דאָך הייסען, אז א חלק האָט פונקט אזוי פיעל קראַפט וויא דאָס גאנצע, וואָס דאָס איז אן אינמעגליכקייט. אויב יעדער חלק האָט אָבער אן ענדליכע קראַפט, דאן מוז אויך „א ב" האָבען אן ענדליכע קראַפט,

ווארום פון ענדליכקייטען קען ניט ווערען קיין אונענדליכ־קייט.

אויפ'ן גרונד פון דיעזע פרינציפען בעווייזט א ב ן ד א ו ד דיא עקזיסטענץ פון גאָט. יעדער בעוועגטער קערפער מוז האָבען אַ בעוועגער. דער ערשטער ווערט בעוועגט פון צווייטען, דער צווייטער פון דריטען, דער דריטער פון פיערטען ביז דער אונענדליכקייט. אָבער אַן אוננעדליכער צאָהל פון בעוועגענדע און בעוועגטע קערפערס איז דאָך אונ־מעגליך. מיר מוזען אלזאָ אין אונזער שכל ענדליך קומען צום ערשטען בעוועגער, וועלכער געפינט זיך אליין אין רוהיגקייט, ווארום אויב ער ווערט בעוועגט פון אַן אנדערען איז ער דאָך ניט דער ערשטער. דער דאָזיגער ערשטער אונבעוועגטער בע־וועגער. וואָס איז דער מקור פון אלע בעוועגונגען. איז גאָט.

דער ערשטער בעוועגער מוז זיין אונקערפערליך, ווייל ווי מיר האָבען אויבען געזעהן מוז יעדער קערפער זיין ענדליך און אַ קערפער וואָס איז ענדליך קען ניט בעזיטצען קיין או־נענדליכע קראַפט.

ביי אַריסטאָטעלס'ען, וועלכער גלויבט אין דער אייביג־קייט פון דער וועלט און אין דער אייביגקייט פון דער בעווע־גונג איז דער דאָזיגער בעוויז אַ שטאַרקער. דיא אונענדליכע קראַפט פון בעוועגונג קען ניט ארויסקומען פון אַ קערפער, וואָס מוז לויט זיין נאַטור זיין ענדליך. א ב ן ־ ד א ו ד גלויבט אָבער, אַז דיא וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, וואָס דאָס מיינט, אַז דיא בעוועגונג איז ניט אייביג, זיא האָט אַן אָנפאַנג און איז דארום ניט אונענדליך. דער גאַנצער ארגו־מענט פערליערט זיין ווערטה. אבן־דאוד פיהלט אפנים דיא שוואכקייט פון זיין ארגומענטאַציע און ער ברייננט דאָרטען אנדערע בעווייזע וועגען דער עקזיסטענץ פון גאָט, געבאָרגט פון די אראַבישע פילאָזאָפען. וועלכע זיינען אָבער שוין ניט קיין אריסטאָטעלשע.

דער הויפט חסרון פון דיא אלע בעווייזע בעשטעהט אָבער סוף כל סוף אין דעם, וואָס זיי בעווייזען בלויז, אַז עס

איז דאָ א ערסטע סבה, אָבער בשום אופן ניט, אז עס איז דאָ א בעוואוסטזייניגער שעפּפער. ר' יהודה הלוי'ס טענה, אז דער גאָט פון דיא פילאָזאָפען איז בלויז דיא ערשטע סבה אָבער ניט קיין גאָט, איז א גאַנץ בערעכטיגטע.

אבן־דאוד האָט אויך שוועריגקייטען, ווען ער קומט צו דער פראגע פון דער מענשליכער נשמה. וואָס איז אזעלכע דיא נשמה? ער בעקעמפּפט דיא מיינונג פון היפּאקראטוס און גאלען, וועלכע בעהויפּטען אז דיא נשמה איז בלויז אן ערשיינונג פון דעם קערפּער, דער פּועל־יוצא פון דיא פערשיעדענע לעבענס־טעהטיגקייטען. דאָס וואָלט מיינען, אז מיט דעם טוידט פון דעם גוף פערשווינדט אויך דיא נשמה; דאָס וואָלט מיינען, אז ניט נאָר איז ניטאָ קיין אונשטערבליכקייט, נאָר אז דיא נשמה האָט בכלל ניט קיין זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, אז זיא איז בלויז א „צופאל" (מקרה) פון גוף.

אויך דאָ מאכט אבן־דאוד א פשרה. דיא נשמה איז ניט קיין צופאל (מקרה) פון גוף, נאָר זיא איז א זעלבסטשטענדיגער וועזען (עצם). זיא האָט אָבער ניט עקזיסטירט איידער זיא איז אריין אין גוף, וויא דאָס האָבען געלערנט פּלאטא און זיינע תלמידים. דיא נשמה איז א בעשאפענע און זיא ווערט בעשאפען צוזאמען מיט'ן גוף. אלע נשמות האָבען אן אלגעמיינעם מקור, און יעדער גוף קריגט דיא נשמה וואָס עס פּאסט זיך פאר איהם. אין פערלויף פון לעבען האלט דיא נשמה אין איין ענטוויקלען זיך, און וואָס מעהר דער מענש זוכט, פאָרשט און גריבעלט זיך אין הויכע ענינים, אלץ א העכערע מדרגה דערגרייכט דיא נשמה זיינע. דיא נשמה מוז האָבען דעם גוף, ווייל נאָר דורך איהם, דורך די חושים און ערפאהרונגען, קען זיא דערגרייכען דיא דאָזיגע הויכע מדרגה, וואָס גיט איהר דיא מעגליכקייט צו פעראייניגען זיך מיט דעם „שכל הפועל" און געווינען אונשטערבליכקייט. דיא נשמה ווערט אלזאָ בעשאפען צוזאמען מיט'ן גוף אָבער זיא איז אונשטערבליך.

ער פערבערייטעט זיך דאָרטען צו בעווייזען, אז דיא נשמה קען ניט האָבען קיין אינדיווידועלע עקזיסטענץ איידער זיא קומט אריין אין גוף. זיא קען ניט האָבען קיינע אייגענשאַפטען מיט וועלכע זיא זאָל זיך אונטערשיידען פון אן אנדער נשמה, ווייל א נשמה איז לויט איהר נאַטור נאָך אן איינפאכער וועזען. ער פערגעסט אָבער, אז דיעזער ארגומענט איז אויך גילטיג אויף דער נשמה נאָכ'ן טוידט. אויב זיא האָט ניט געקענט האָבען קיינע אינדיווידועלע אייגענשאַפטען פריהער, טאָ וויא אזוי קען זיא זיי קריגען שפּעטער? און אויב זיא קען זיי ניט קריגען, קען דאָך די נשמה ניט האָבען קיין אינדיווידועלע אונשטערבליכקייט, וויא דאָס יודענטהום און אלע רעליגיאָנען פערשפּרעכען. דיא פראגע בלייבט; האָט דער מענש אן אינדיווידועלע אונשטערבליכקייט? דיא דאָזיגע פראגע בלייבט אונפערענטפערט סאי ביי אבן־דאוד און סאי ביים רמב"ם. דאָס איז איינע פון די הויפּט אורזאכען, וואָס האָבען ארויסגערופען דעם קריעג געגען רמב'ם און געגען דעם אריסטאָטעליאניזם בכלל.

דאן בעהאנדעלט ער דיא פראגע פון גאָט'ס אטריבוטען און קומט צום געדאנק, וועלכער איז אונז שוין בעקאנט, אז וועגען גאָט קענען מיר בלויז ריידען וואָס ער איז ניט; מיר קענען אָבער ניט וויסען זיין פּאָזיטיווע זייט, וואָס ער איז יע. אלע אויסדריקע פון דער ביבעל, וואָס ריידען פון גאָט אלס א קערפּערליכען וועזען אָדער א וועזען מיט אייגענשאַפטען מוזען פערשטאנען ווערען אלס משל.

* * *

אבן־דאוד איז פונקט דער היפּוך פון ר' יהודה הלוי, כאָטש זיי זיינען געבוירען געוואָרען אין דער זעלבער שטאָדט און כמעט אין דער זעלבער צייט. אבן־דאוד גלויבט, אז עס איז דיא פליכט פון יעדען מענשען זיך צו בעשעפטיגען מיט דער פילאָזאָפיע. ער מיינט, אז דיא תורה

גופא הייסט זיך אָבגעבען דערמיט. דער ציעל פון פילאָזאָפיע איז גוטע מדות.

זיין ספר „אמונה רמה" האָט אבן־דאוד געשריעבען אין יאָהר 1168 אויף אראביש. עס געפינען זיך צוויי איבערזעצונגען אין העברעאיש. דער בוך איז געשריעבען אין א קלאָהרע, איינפאכע שפראך, אָהן מליצות און אָהן משלים, וויא א לעהר־בוך וועגען פילאָזאָפיע דארף געשריעבען ווערען. זיינע בעווייזע זיינען קלאָהר און צום פונקט, אין אזוי וועניג ווערטער וויא מעגליך. אין דיא ערשטע קאפּיטלען בעשעפטיגט ער זיך מיט דער אריסטאָטעלישער פיזיק און מעטאפיזיק. נאָך יעדען קאפּיטעל געפינט זיך אזוי וויא אן אנמערקונג, וואו ער ברייננט ראיות אויף זיינע לעהרען פון תנ"ך און תלמוד. אין דיא שפּעטערע קאפּיטלען בעהאנדעלט ער דיא פראגען פון גוט און שלעכט, פון פאראויסבעשטימונג און פרייען ווילען, די פראגע פון נבואה, דיא אונפערענדערבארקייט פון דער תורה און אנדערע רעליגיעזע פראגען.

קיינע נייע געדאנקען זאָגט ער וועגען דעם ניט ארויס. וועגען דער פראגע פון גוט און שלעכט האלט ער זיך אן דיא מיינונג פון ס ע ד י ה ג א ו ן, אז אלץ וואָס עס עקזיסטירט איז גוט. שלעכט איז בלויז דיא אבוועזענהייט פון גוט. ווען מיר בעטראכטען זאכען פון אונזער שטאנדפונקט, פון דעם שטאנדפונקט וואָס איז ניצליך פאר אונז, געפינט זיך שלעכטס. בעטראכט מען אָבער דיא זאכען פון דעם שטאנדפונקט פון דער גאנצער שעפּפונג איז ניטאָ קיין שלעכטס. יעדער זאך האָט זיך זיין פּלאטץ. אלץ אין איינעם איז א לאנגע קייט פון רינגעלעך, וועלכע פאנגט זיך אן אונטען אין רייגער מעגליכקייט אָהן שום ווירקליכקייט, אין דער מאטעריע, און ענדיגט זיך אויבען אין דער ריינסטער ווירקליכקייט וואָס איז גאָט. דאָס איז דער פּלאן פון דער שעפּפונג. ווען אלץ וואָלט געווען ריינע ווירקליכקייט, וואָלט דאָך ניט געווען קיין וועלט מיט די אלע פערשיעדענע מדרגות: עס וואָלט געווען בלויז גאָט.

דער מענש האָט א פרייען ווילען. דאָס וואָס גאָט ווייס ניט פון פאָראויס וויא אזוי דער מענש וועט אויסקלייבען צו האַנדלען אין א געוויסען פאַל, קען בשום אופן ניט דיענען אלס א בעווייז געגען גאָט'ס אל־וויסען, ווייל גאָט האָט לכתחילה און מיט א כונה בעשאַפען דעם מענשען, אז ער זאָל האָבען א פרייע ברירה.

דער „אמונה רמה" האָט געמאַכט א וועג פאַר דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים". מען קען כמעט זאָגען, אז דער לעצ־טער איז א פערבעסערטער און א פערגרעסערטער „אמונה רמה".

XIII.

דעם רמב"ם'ס יוגענד. — זיין וואנדער־לעבען. — האט דעם רמב"ם'ס פאמיליע אנגענומען דעם מאהאמעדאניזם? — רבי מימון און זיין פאמיליע אנטלויפט פון צפון אפריקא אין ארץ ישראל. — דער רמב"ם בעזעצט זיך אין עגיפּטען. — דעם רמב"ם'ס „מאמר קדוש השם". — דיא אידען־פערפאלגונגען אין תימן. — דער פאלשער משיח דוד אל־ראי. — דעם רמב"ם'ס „אגרת תימן".

רבי משה בן מימון, בעסער בעקאנט אלס „דער רמב"ם", איז געבאָרען געוואָרען אין קארדאווא, שפּאניען, אין דעם יאָהר 1135 און איז געשטאָרבען אין קאירא, עגיפּטען, אין יאָהר 1204.

דיא לעגענדע דערצעהלט, אז ביז דעם צוואנציגסטען יאָהר פון זיין לעבען איז דער רמב"ם געווען א גרויסער פּראסטאַק. דאָס האָט זיין פאָטער, וועלכער איז אליין געווען א גרויסער תלמודיסט און געלעהרטער, זעהר שטארק גע־קריינקט און ער האָט דעם זוהן פון זיך פערטריעבען. דאן האָט זיך דער רמב"ם גענומען צום לערנען און צום שטודי־רען און איז אין פערלויף פון עטליכע יאָהר אויסגעוואקסען איינער פון דיא פעהיגסטע און גרעסטע מענער פון זיין צייט. עס פערשטעהט זיך, אז דיא דאָזיגע לעגענדע ענטהאלט אין זיך ניט קיין איינציגען קערענדעל פון אמת. דיא פאָלקס־פאנטאזיע האָט ליעב צו מאָהלען איהרע העלדען אין העלערע פארבען, און דיא גרויסקייט פון רמב"ם ווערט נאָך גרעסער

דערמיט, וואָס ער ווערט פארגעשטעלט אלס עם־הארץ אין זיינע יונגע יאָהרען. אזוי האָט אויך דיא פאָלקס־פאנטאזיע געמאָהלען דעם גרויסען תנא ר׳ ע ק י ב א אלס עם־הארץ און ווילדער פיינד פון געלעהרטע, און דאָס זעלבע האָט פאסירט מיט׳ן „בעל־שם־טוב“ און אנדערע אידישע גדולים.

זיין ערשטער רבי אין אידישע למודים און אין די וויסענשאַפטען איז וואהרשיינליך געוועזן זיין פאָטער אליין, וועלכער, ווייזט אוים, איז געוועזן א דין אין ק א ר ד א ו ו א. ווען דער רמב״ם איז געוועזן א אינגעל פון דרייצעהן יאָהר איז ק א ר ד א ו ו א געפאלען אין דיא הענד פון דיא פאנאטישע אלמאָהאדען. צווישען דיא אידען, וואָס זיינען געצוואונגען געוואָרען צו פערלאָזען דיא שטאָדט אָדער אָנצונעהמען דעם מאהאמעדאנישען גלויבען לפנים וועגען, האָט זיך אויך געפונען דעם רמבם׳ס פאָטער, רבי מימון און זיין פאמיליע.

מאנכע היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג, אז ר ב י מ י מ ו ן האָט פאר א קורצער צייט אויסגעקליבען דאָס לעצטע, אנערקענענדיג דעם מאהעמאדאניזם בפרהסיא און אבהיטענדיג דיא אידישע רעליגיאָן אין דער שטיל. פיעלע אנדערע אנגעזעהענע אידען האָבען געטהאָן דאָס זעלבע. ניט וועלענדיג אָדער ניט קענענדיג פערלאָזען זייער היים, זייער האָב און גוטס, האָבען זיי בעסער אויסגעקליבען דעם צוויי־פנים׳דיגען לעבען פון די אנוסים איידער דעם טוידט אָדער דעם גלות. דאָס שפאנישע יודענטהום האָט ניט געקענט בייִשטעהן דעם נסיון. דיא אידען פון ד י י ט ש ל א נ ד, פ ר א נ ק ר י י ך און ע נ ג ל א נ ד אין יענער צייט האָבען זיך געלאָזען היגריכטען אין דיא הונדערטער און אין די טויזענדער אויף קדוש השם, נאָר ניט פרעגענדיג קיין שאלות און ניט זוכענדיג קיין היתרים וויא זיך דערפון ארויסצודרעהען. דיא דייטשע און פראנצויזישע אידען אין זייער נאאיווען גלויבען, אין זייער טיעפער איבערצייגונג, אין זייער איבערגעבענהייט צום אידישען פאָלק זיינען געוועזן א בעסערער מאטעריאל פאר „קדושים“ און מארטירער, וויא דיא

שפאַנישע אידען מיט זייער בילדונג און קולטור... ביי דיא שפאַנישע אידען האָבען זיך זאָגאר געפונען געוויסע רבנים, וואָס האָבען אזא שריט גערעכטפערטיגט. זייער טענה איז געווען, אז „כל זמן מען צווינגט ניט דיא אידען עובר צו זיין אויף דיא מצוות פון דער תורה, כל זמן מען צווינגט זיי ניט צו דיענען פרעמדע געטער, כל זמן מען פאָדערט פון זיי בלויז, אז זיי זאָלען נאָר מיט דיא ליפען אנערקענען דיא נביאות פון מאהאמעד, זיינען דיא אידען ניט מחויב זיך מוסר נפש צו זיין“. לויט זיי קומט אויס, אז פאר דיא קלענסטע עברה דארף זיך א איד יע לאָזען מוסר נפש זיין, וועהרענד ער איז עס ניט מחויב צו טהאָן, ווען עס פאָדערט זיך „בלויז“ דיא אנערקענונג פון מאהאמעד'ס נביאות. אינטערעסאנט איז, וואָס זאָגאר דער רמב"ם דריקט אויס דיא זעלבע מיינונג.... אין זיין „מאמר קדוש ה'“, וועלכען ער האָט געשריעבען מיט צוועלף יאָהר שפעטער אין עלטער פון פינף און צוואנציג יאָהר געפינט זיך פאָלגענדע שטעלע: „און די עצה, וואָס איך גיב זיך, מיינע פריינד און אלע די וואָס פרעגען ביי מיר אן עצה, איז: צו פערלאָזען יענע פלעצער און געהן דאָרטען, וואו מען קען אבהיטען דיא תורה אָהן מורא. און זאָל קיינער זיך ניט אבהאלטען צוליעב זיין האָב און גוטס, ווייל דיא רעליגיאָן איז דיא וויכטיגסטע זאך אין דער וועלט. און יעדער, וואָס קען ניט פערלאָזען זיין פלאטץ צוליעב זיינע רייכטהימער אָדער צוליעב דיא מורא פאר דער רייזע איבער דיא ימים, דארף זיך בעטראכטען אזוי וויא ער וואָלט פארשוועכען גאָט'ס נאָמען כמעט מיט'ן אייגענעם ווילען.... דאָס איז אלץ געזאָגט, ווען ער ווערט ניט געצוואונגען צו טהאָן אן עברה, אָבער ווען מען צווינגט איהם עובר צו זיין אפילו אויף איין מצוה, דאָז טאָר ער דאָרטען ניט בלייבען“. פון זיינע ווערטער: „און דיא עצה וואָס איך גיב זיך“ און פון מאנכע אנדערע אויסדריקע אין דעם זעלבען „מאמר־קדוש־

השם“, קען מען ארויסדרינגען, אז ער האט טאקע ז י ך ג ו פ א געגעבען דיא דאזיגע עצה...

אלס א פערטהיידיגונג פאר דיא שפאנישע אידען פון יענער צייט קען פיעלייכט דיענען דער פאקט, וואס דער מאהאמעדאניזם האט ניט ארויסגערופען געגען זיך ביי דיא אידען אזא וויעדערווילען וויא דער קריסטענטהום. דיא סתירה צווישען דעם יודענטהום און דעם מאהאמעדאניזם איז וויט ניט אזוי שארף און אזוי בולט וויא צווישען דעם יודענטהום און קריסטענטהום. דיא פאלשטענדיגע און אבסאלוטע איינהייט פון גאט איז דיא וויכטיגסטע און דיא הויפט־דאגמא אין דער אידישער רעליגיאן. פאר דעם „שמע ישראל ה׳ אלוהנו ה׳ אחד“ זיינען די אידען געגאנגען דורך פייער און דורך וואסער; עס איז געווען ניט בלויז א רעליגיעזע דאגמא, נאר עס איז אויך געווארען א נ א צ י א נ א ל ע ר קאמפפסרוף. דיא מאהאמעדאנישע אמונה פרעדיגט די זעלבע אמונה, איהר מאנאטהעאיזם איז ניט וועניגער ריין וויא דער אידישער. מ א ה א מ ע ד איז בלויז א נביא, ניט קיין זוהן, ניט קיין וויצע־גאט, ניט קיין צווייטער גאט. „אללאה איז אללאה און מאהאמעד איז זיין נביא“, דאס איז דער הויפט יסוד פון דער מאהאמעדאנישער תורה. דער רמב״ם זאגט טאקע דארום אז „דיא מאהאמעדאנער גלויבען אין אן איינציגען גאט וויא געהעריג איז“ (אלו הישמעאלים אינם עובדי ע״ז כלל, וכבר נכרתה מפיהם ומלבם, והם מיחדים את ה׳ יחוד כראוי). דאס יודענטהום האט בלויז אויסצוזעטצען געגען דער צווייטער העלפט פון פסוק, אז „מאהאמעד איז זיין נביא“; ער קען אבער גאר ניט אויסזועטצען געגען דער ערשטער העלפט, אז „גאט איז גאט“. גאנץ אנדערש איז עס אבער דער פאל מיט דעם קריסטענטהום. דיא דייטשע און דיא פראנצויזיש אידען האבען געמוזט, אום צו אנערקענען דעם קריסטענטהום, פערלייקענען דעם הויפט־יסוד פון זייער אמונה, פערלייקענען דיא איינהייט פון גאט, און זיי האבען זיך בעסער געלאזט היגריכטען. דיא אלע פילאזאפישע דריידלעך,

וואָס בעווייזען, אז דריי איז איינס און איינס איז דריי, קען אפשר זיין גוט פאר פילאָזאָפישע מיסטיקער, אָבער ניט פאר דעם געזונדען, פשוט׳ען פערשטאַנד פון גרויסען עולם. אי־בעריגענס, דער גרויסער פשוט׳ער קריסטליכער עולם האָט דאמאָלסט, און מהיילוויז אויך נאָך איצטער, געגלויבט אין דריי וואָס איז דריי און ניט אין דריי וואָס איז איינס....

דערצו דאַרף מען ניט פארגעסען, אז דיא מאהאמעדאַנער זיינען נאָך דאמאָלסט ניט געווען אזוי „קלוג“ וויא דיא קריסטען איינצופיהרען אן אינקוויזיציע און א געהיים־פּאָליציי, וואָס זאָל אכטונג געבען אויף די נייע „בעקעהרטע“ און פערביטערען דעם לעבען פון די אונגליקליכע „אנוסים“ מיט שפּיאָנעריי און מסירות. זיי האָבען זיך ווייניג געקימערט וועגען דעם פּריוואט לעבען פון די אנוסים. די געהיימע אידישע קהילות האָבען ניט בלויז געעקזיסטירט אבהיטען די אידישע רעליגיאָן אין אלע איהרע איינצעלהייטען, נאָר זיי האָבען אפילו געהאט געהיימע ישיבות, וואו עס איז גאַנץ אָפען פלייסיג געשטודירט געוואָרען די תורה און דער תלמוד.

סאי ווי סאי, דער דאָזיגער פערמאסקירטער לעבען האָט דערעסען רבי מימון. ער האָט פערלאָזען קארדאווא און האָט געזוכט זיך צו בעזעצען ערגער־אנדערשוואו, וואו ער זאָל קענען פריי און אָפען אָבהיטען די אידישע תורה. ווי עס ווייזט אויס איז דאמאלס געווען א שווערע אויפגאַבען צו געפינען אזא פּלאַץ, און מימון מיט זיין פאמיליע האָבען געמוזט פיהרען א וואנדער־לעבען, אויפהאלטענדיג זיך א קירצערע אָדער לענגערע צייט אין פערשיעדענע שטעדט אין שפּאניען. אזוי שנעל ווי מען האָט איהם אין זיין נייען וואָהן־פּלאַץ געטומען חושד זיין אין אידישקייט און ער האָט אָנ־געפאנגען זיך צו פיהלען אונזיכער, פלעגט ער פערלאָזען די שטאדט און זיך בעזעצען אנדערש־וואו. אזוי האָט ער ארומ־געוואנדערט פון צעהן ביז צוועלף יאהר.

אין יאהר 1160 האָט ער אין גאנצען פערלאָזען שפּאניען און געקומען אין פעץ, צפון אפריקא, האָפענדיג אז דאָרטען,

וואו ער איז ניט בעקאַנט, וועט ער קענען רוהיג לעבען אַלס א פערשטעלטער מוסעלמאַן. זיין האָפנונג איז אָבער געווען א פאַלשע. די לאַגע פון די אידען אין פעץ איז געווען ערגער ווי אין קאָרדאָוואַ. פעץ איז אויך געווען אונטער דער הערשאַפט פון די אלמאָהאַדען, וועלכע זיינען אָבער געווען שטרענגער געגען די אנוסים ווי די אלמאָהאַדען אין שפּאַניען. א היבשער טהייל פון דעם אידישען פּראָסטען עולם האָט זיך ביסלעכווייז איינגעוועהנט צו זיין נייעם אַרט לעבען. זיי זיינען פערמאַטערט געוואָרען פון די צרות און רדיפות און האָבען באמת אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין די נביאות פון מאַהאָמעד. זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו גלויבען, אז „גאָט האָט פערלאָזען זיין פאָלק און האָט זיך אויסגעקליבען אַן אַנדער אומה". צו שטאַרקען און צו טרויסטען די דאָזיגע שטרויכלענדע און שוואַכע, האָט דעם רמב"ם'ס פאָטער אָנגעשריעבען א „טרויסט־בריעף", אין וועלכען ער מונטערט זיי אויף, אז זיי זאָלען ניט פערליערען די האָפנונג און זיך האַלטען אָן דער אידישער תורה: „מיר זיינען אין גלות, ווי איינער וואָס טרינקט זיך אין ים... די שטריק פון דער תורה און די מצוות איז צוגעבונדען צום הימעל... ווער עס האַלט זיך אָן דער שטריק קען האָפען ניצול צו ווערען. ווער עס האַלט זיך אָן דער שטריק פעסט מיט אַלע זיינע כוחות האָט מעהר האָפנונג ווי יענער וואָס האַלט זיך ניט אַזוי פעסט. דער וואָס האַלט זיך אָן איהר אפילו מיט די שפּיצען פינגער האָט אַלץ מעהר האָפנונג ווי דער, וואָס האָט איהר אין גאַנצען ארויסגעלאָזען פון זיינע הענד".

עס האָבען זיך אָבער געפונען מוסרים, וואָס האָבען געלאָזט וויסען די אלמאָהאַדען, אז די אידען האַלטען זיך אין דער שטיל אָן זייער אייגענער תורה און אז אין דעם זיינען שולדיג ר' י ה ו ד י ה ה כ ה ן א ב ן ־ ש ש ו ן, דער ראש־ישיבה פון פעץ, ביי וועמען דער רמב"ם האָט געלערנט תלמוד, און די פאַמיליע מ י מ ו ן. י ה ו ד ה א ב ן ־ ש ש ו ן איז הינגעריכטעט געוואָרען, און עס האָט געהאַלטען דערביי, אז די גאַנצע פאַמיליע מימון זאָל האָבען דעם זעלבען פּסק. א מאַהאָמעדאַ־

נישער פּאָעט און פילאָזאָף אבן־מו־וּאשא, וועלכער איז געווען בעפריינדעט מיט'ן רמב'ם, האָט אויף איהם עדות געזאָגט, אז ער איז א כשר'ער מוסולמען און האָט איהם אויף אזא אופן געראַטעוועט פון טויט.

לאנג זיך אויפהאלטען אין פעץ איז געוואָרען אונמעגליך. אין יאהר 1165 האָבען זיי פערלאָזען פעץ צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל. זיי זיינען אָנגעקומען אין עכו, וואו זיי האָבען זיך אויפגעהאלטען א קורצע צייט. זיי האָבען אויך בעזוכט ירושלים און אנדערע היילינע שטעדט. ירושלים איז דאמאלס געווען אין קריסטליכע הענד, און די לאגע פון די וועניגע אידען, וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען, איז געווען ווייט פון צו זיין גוט. דעם רמב"ם'ס פאטער, רבי מימון, איז געבליבען אין ארץ ישראל, וועהרענד ער, זיין ברודער דוד און זיין פאמיליע האָבען בעשלאָסען זיך צו בעזעצען אין עגיפּטען. א קורצע צייט האָבען זיי זיך אויפ־געהאלטען אין אלעקסאנדריע. פון דאָרטען זיינען זיי אריבער אין קאירא.

אָנקומענדיג אין מצרים איז דער רמב"ם געווען א יונגער כּאָן פון קרוב איין און דרייסיג יאהר. די אלע צרות וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן די גאנצע צייט דעם לעבען פון א וואנדערער, וואָס ער איז געצוואונגען געווען צו פיהרען, האָבען איהם וועניג געשטערט אין זיין לערנען און שטודירען. ער איז שוין אין יענער צייט געווען איינער פון די גרעסטע תלמודיסטען, פון די בעסטע וויסענשאפטס־מענער און פון די טיעפסטע פילאָזאָפען פון זיין צייט. פון די ספרים, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען נאָך גאָר אין זיינע יונגע יאהרען, קען מען שוין ארויסזעהן דעם שפּעטערען אונשטערבליכען רמב"ם. עס איז ווירקליך א וואונדער ווי אזוי אזא יונגער מענש, לעבענדיג אונטער אזעלכע שלעכטע אומשטענדען, האָט זיך געקענט ערווערבען אזא אלזייטיגען און אזא גרונטאָוונעם וויסען.

די ערשטע צייט פון זיין אויפהאלט אין עגיפּטען, האָט

דער רמב"ם אויך ניט געפונען דיא געזוכטע רוה. דיא צרות זיינע זיינען געקומען איינע נאָך די אנדערע. פריהער איז געשטאָרבען דער פאָטער און שפּעטער איז זיין ברודער, דוד מימון, וועלכער איז געוועזן אַ סוחר פון ציערונג און די איינציגע שטיצע פון דער פאַמיליע, דערטרונקען געוואָרען אויף אַ שיפס־ברוך אין אינדישען אָקעאַן. ניט נאָר האָט דער רמב"ם אין איהם פערלאָרען אַ גוטען, געטרייען ברודער, וועלכער האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט רוהיג צו לערנען און צו שטודירען, נאָר אויך זייער גאַנצער פערמעגען איז פערלאָרען געגאַנגען. אין איינעם פון זיינע בריעף צו אַ פריינד שרייבט דער רמב"ם וועגען דעם: „און דער לעצטער אונגליק וואָס איז אויף מיר געקומען איז דער גרעסטער וואָס האָט מיר געטראָפען זינט איך לעב. מיין ברודער, דער צדיק, איז דערטרונקען געוואָרען אין אינדישען אָקעאַן, און ער האָט ביי זיך געהאַט פיעל געלד, מיינע, זיינע און פרעמדע. און ער האָט געלאָזען אַ קליינע טאָכטער און זיין אלמנה ביי מיר. דער אונגליק האָט מיר אַזוי שטאַרק געטראָפען, אַז איך בין קראַנק געוואָרען אויף אַ גאַנצען יאָהר. און נאָך איצטער ווען עס זיינען שוין אריבער פיעל יאָהרען, קען איך זיך ניט טרייסטען. און ווי קען איך זיך טרייסטען? איך האָב דאָך איהם אויפגעהאָדעוועט, ער איז געוועזן דער ברודער, דער תלמיד און דער פערדיענער. און איך פלעג זיצען רוהיג און לערנען..."

נאָכ'ן ברודער'ס טויט האָט דער רמב"ם געמוזט זוכען מיטלען זיך צו בעזאָרגען מיט חיונה. אַזוי ווי ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט נעהמען קיין געצאָהלט פאר רבנות, האָט ער בעשלאָסען אָנצופאַנגען צו פּראַקטיצירען מעדיצין, די וויסענשאַפט וועלכע ער האָט שוין פריהער געהאַט שטודירט, און ער האָט זיך געפונען געצוואונגען צו געבען לעקציעס איבער פילאָזאָפיע צו אַ צאָהל תלמידים. פון אָנפאַנג איז זיין פּראַקסיס געוועזן אַ קליינע, אבער באלד האָט ער זיך ערוואָרבען אַ זעהר גרויסען נאָמען אלס דאָקטאָר, ווי איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט. אין פערלויף פון איינינע

יאהר איז ער געווארען דער לייב-ארצט פון סאלאדין'ס וויזיר אלפאדיל; דורך דעם איז ער שפעטער אויך געווא־רען דער דאקטאר פון קעניגליכען הויף. לויט ווי אן אראבישער היסטאריקער דערצעהלט האט דער רמב"ם געקראגען אן איינלאדונג פון דעם ענגלישען קעניג ריטשארד דעם ערשטען צו ווערען זיין הויף־דאקטאר, אבער ער האט זיך ענטזאגט.

זיין נאמען און רעפוטאציע איז אלץ געוואקסען. ער איז געווארען בעריהמט ניט בלויז אלס דאקטאר, געלעהר־טער און פילאזאף, נאר אויך אלס א גרויסער אויטאריטעט אין תלמוד און אין „הלכה". שוין אין יאהר 1175 פלעגען די רבנים פון נאהענט און פון ווייט זיך ווענדען צו איהם מיט אלערליי רעליגיעזע פראגען. און ניט בלויז איבער רעליגיעזע פראגען, נאר וואו עס פלעגט זיך ערגעץ מאכען א צרה אדער אן אונגליק, פלעגט מען זיך קעהרען צו רמב"ם.

נאך האבען ניט אין גאנצען אויפגעהערט די גזרות נעגען די אידען אין שפאניען און אין צפון־אפריקא, ווי עס האבען זיך אנגעפאנגען שרעקליכע גזרות געגען די אידען פון תימן (יעמען). דער מאהאמעדאנישער הערשער פון תימן האט זיך א פנים פערקוקט אויף די אלמאהאדען און ער האט אויך גענומען דורכפיהרען די זעלבע גזרה פון שמד אויף די אידען, וואס געפינען זיך אין זיין מלוכה.

צעהנדליגע טויזענדער אידען פון תימן האבען זיך געפונען אין א שוידערליכע לאגע, ניט וויסענדיג וואס צו טהאן און ווי צו האנדלען. עס האט זיך נאך געפונען צווישען די דארטיגע אידען א משומד, וועלכער, אום צו געפעלען די מאהאמעדאנישע מאכטהאבער, האט געהאלטען אין איין פרעדיגען און בעווייזען מיט ראיות פון פסוקים אין דער תורה, אז מאהאמעד איז ווירקליך געווען א נביא געשיקט פון גאט. פיעלע אידען, איבערהויפט פון פראסטערען עולם, האבען אנגעפאנגען צו גלויבען אין די דאזיגע דרשות און האבען אנגענומען דעם מאהאמעדאנישען גלויבען. די יעניגע, וואס האבען זיך ניט געלאזען אזוי לייכט פערפיהרען פון

דעם משומד'ס דרשות, האָבען אָנגעפאנגען צו ווערען אונ־געדולדיג און אונרוהיג. זיי האָבען אין די דאָזיגע אלע צרות און אונגליקען געזעהן די „חבלי־משיח", די ליידען פון משיח־צייט. זיי זיינען געווען זיכער, אז אַט באלד מוז זיך משיח בעווייזען.

ווי אין די אלע שווערסטע צייטען פון דער אידישער געשיכטע האָט זיך דער געדאנק וועגען א באלדיגע ערלעזונג און וועגען דעם אָנקומען פון אַן ערלעזער זיך אויך דאַן גענומען פערשפּרייטען ביים אידישען עולם. דאָס אידישע פאָלק אין תימן איז געווען זיכער, אז לאנג קען אזוי ניט אָנהאלטען, אז גאָט מוז און וועט זיך סוף כל סוף דער־בארעמען אויף זיין פאָלק, און וועט שיקען דעם ערלעזער, וועלכער וועט בעפרייען די אידען פון זייערע פיינדער. די שטימונג איז געווען א געדריקטע, אָבער די לופט איז געווען אזוי ווי אָנגעפילט מיט האָפנונג, מיט יענער האָפנונג וואָס קומט ווען די לאגע איז אם ערגסטען. אלע האָבען געהאָפט און געוואַרט.

דער באָדען איז געווען אזוי ווי צוגעגרייט פאַר דעם ארויסטריט פון א משיח,—און עס האָט ניט לאנג גענומען און דער משיח האָט זיך בעוויעזען. דער נאָמען פון דעם דאָזיגען משיח איז ניט בעקאַנט, אבער ווי עס ווייזט אויס איז עס געווען דוד אל־ראי, פון וועמעס לעבען און טהעטיגקייט לאָרד ביקאָנספיעלד האָט אָנגעשריבען א ראָמאן. לויט ווי עס ווערט דערצעהלט אין „שבט ישורון" זאָל דוד אל־ראי זיך האָבען געטראָפען מיט דעם רמב"ם.

דוד אל־ראי איז געווען אַ יונגער, שעהנער, פעהיגער מאַן, אַ בעדייטענדער תלמודיסט און געלעהרטער דרשן. ווי אזוי ער איז געקומען צו זיינע משיח־געדאנקען, זיך צו בעטראַכטען אלס דעם משיח, איז ניט קלאָר. ער איז געווען אַ גרויסער אידישער פּאַטריאָט, מיט אַ וואַרעמע אידישע הארץ, און די צרות און די ליידען פון זיין פאָלק האָבען איהם ניט געלאָזען רוהען. די פּאָליטישע לאגע פון דעם „באגדאדער

כאַליפאַט" איז דאַמאָלס ניט געווען קיין גלענצענדער. מאנכע קליינע שטאַמען און פּערלקערשאפטען האָבען זיך אָבגעריסען פון דעם סולטאַן און ערקלערט זייער אונאָבהענגיגקייט. דוד אל־ראי האָט געגלויבט, אַז איצטער איז די בעסטע צייט צו רעוואָלטירען געגען סולטאַן און פיהרען די אידען אין ארץ־ישראל. אל־ראי איז ניט געווען פון די פאַנטאַסטישע משיחים, וואָס האָבען געזוכט גאָט'ס קעניגרייך. ער איז ניט געווען קיין מיסטיקער און בעל־חלומות. ער האָט געוואָלט א ערדישע קעניגרייך, ער האָט געוואָלט אַ אידישע מלוכה אין ארץ ישראל. אין דער הינזיכט קען ער גיכער פערגליכען ווערען צו בר־כוכבא, ווי צו די אנדערע אידישע משיחים, וואָס זיינען געווען פאַר איהם און נאָך איהם. אל־ראי האָט געזוכט צו אָרגאַניזירען אַ אידישע ארמעע און האָט געהאַט בדעה צו בעפאַלען דעם סולטאַן.

דאָ איז ניט דער פּלאַץ מאריך צו זיין וועגען דעם. דער עיקר איז, אַז אזא משיח־בעוועגונג איז דאַמאָלס פאָרגעקומען. די אידען פון יענע געגענדען האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטען וועגען דעם. אַ טהייל איז צוגעשטאַנען צו אל־ראי, און אַן אַנדער טייל האָט געוואַרט אויף נסים. זיי האָבען זיך דאַן געווענדעט צום רמב"ם, אַז ער זאָל זיי געבען זיין מיינונג.

דער רמב"ם האָט זיי געענטפערט אין אַ לאַנגען בריעף, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „אגרת תימן". אין דעם דאָזיגען בריעף טרייסט דער רמב"ם די תימנ'ער אידען און ראטה זיי, אַז זיי זאָלען ניט פעראָליערען דעם מוטה. דאָס אידישע פאָלק איז דאָס אויסערוועהלטע פאָלק פון גאָט, און גאָט קען ניט האָבען קיין חרטה; ער האָט ניט פער־וואָרפען און פער'מיאוס'ט זיין פאָלק. זאָלען זיי זיך ניט איינ־הערען צו די רייד פון דעם משומד מיט זיינע ראיות פון דער תורה, אַז מאַהאָמעד איז אַ נביא פון גאָט. די דאָזיגע אלע ראיות זיינען גאָר ניט ווערטה. ער אליין ווייס, אַז „די דאָזיגע ראיות זיינען ווי שפינוועבס, ער וויל זיך נאָר אויספיינען פאַר די „מאַהאָמעדאנער און זיך ארויסצייגען פאַר

א גלויבינגען". ווענגען דעם משיח זאָגט ער: „עס איז גאָר קיין ספק ניט, אז ער איז משוגע. דעם קראנקען קען מען אָבער ניט בעשולדיגען אין דעם וואָס ער איז קראנק, די וואָס גלויבען אין איהם זיינען אויך ניט שולדיג. עס זיינען די צרות וואָס האָבען זיי געטריבען דערצו... מיין עצה איז, אז מען זאָל איהם ארעסטירען און האלטען ביז וואנען אלע, אויך די אומות העולם, וועלען זיך איבערצייגען, אז ער איז ניט מעהר ווי א משוגענער, און איהר וועט אויף אזא אופן רעטען אי איהם אי זיך, וואָרים מיר האָבען שוין גענוג געליטען פון די פאלשע משיחים".

דעם רמב"ם'ס בריעף האָט געהאט א געוואלדיגע ווירקונג אויף די אידען פון תימן. עס האָט זיי אריינגעגעבען נייעם גלויבען און נייעם מוטה אריבערצוטראָגען זייערע צרות. זיי האָבען אָנגעפאנגען צו בעטראכטען דעם רמב"ם אלס א מין הייליגען, און לאנג נאָך זיין טויט פלעגען זיי נאָך אלץ דערמאָנען זיין נאָמען אין זייערע תפילות.

XIV.

דעם רמב"ם'ס קוק אויף מעדיצין. — זיינע מעדיצינישע ספרים. — לעגענדען וועגען איהם אלס דאקטאר.

צו די אויסערגעוועהנליכע גייסטיגע פעהיגקייטען מיט וועלכע דער רמב"ם איז געווען בעשאנקען, האט ער אויך בעזעסען א געוואלדיגע ארבייטס־פייהיגקייט. אין דעם פרט איז ער ניט געווען קיין אויסנאהמע פון דיא אללע ווירקליך גרויסע גאונים ביי אלע פעלקער אין אלע צייטען. דעם רמב"ם'ס ארבייטס־פעהיגקייט איז כמעט געווען איבער מענשליכע כוחות. דער רמב"ם איז שטענדיג געווען בע־שעפטיגט, שטענדיג געארבייט, שטענדיג געלעהרענט און געשטודירט. ער האט אנגעשריבען פיעלע וויכטיגע ווערק איבער אללערליי און פערשיעדענע געגענשטענדע. ער האט געשריעבען איבער אסטראנאמיע, איבער מעדיצין, איבער'ן תלמוד און איבער פילאזאפיע. צווישען דיא דאזיגע געפינען זיך אזעלכע ספרים, וויא צוםביישפיעל זיין „משנה תורה" און „מורה נבוכים", וואס יעדער איינער פון זיי איז גענוג פאר א גאנצען לעבענס־ארבייט. דערצו איז דער רמב"ם ניט געווען קיין טרוקענער בוך־מענש; ער האט זיך אויך אב־געגעבען מיט כלל־זאכען. ער איז געווען רב אין קאירא, פאר וועלכע ארבייט ער האט ניט גענומען קיין געצאהלט, און דער אנערקענטער פיהרער און הויפט פון דעם גאנצען עגיפטישען יודענטהום. אבער ניט בלויז דיא עגיפטישע אידען אליין האבען זיך געקעהרט צו איהם מיט זייערע

שאלות און בקשות אין צייט פון נויטה, נאָר אויך דיא אידען פון אנדערע לענדער האבען זיך געווענדט צו איהם. און דער רמב"ם האט פאַר אַלץ און פאַר יעדען געפונען צייט.

זיין מעדיצינישע פּראַקטיק איז געוואָרען אונגעהויער גרויס. דער רמב"ם האט זיך בעצויגען זעהר ערנסט צו דער מעדיצינישער פּראָפעסיע. ער האט ניט געהאַלטען פון פער־שרייבען רעצעפּטען סתם אין דער וועלט אריין אבי אבצו־פּטר'ען דעם פּאַציענט און ארויסקריגען פון איהם דעם גע־צאָהלט. דאס געלד איז ביי איהם געווען פון צווייטער וויכ־טיגקייט. ער איז אויך ניט געווען קיין גרויסער מאמין אין דער ווירקונג פון דיא רפואות. רפואות פלעגט ער פערשריי־בען נאָר דאַן, ווען די געוואוינליכע היגיענישע און דיעטישע מיטלען זיינען געווען וועניג צו העלפען דעם חולה. צו זיין ליעבלינגס־תלמיד, ר' יוסף עקנין, שרייבט ער: „דוא ווייסט, וויא שווער דיא דאָזיגע פּראָפעסיע איז פאַר איינעם, וואָס איז געוויסענהאַפט און קאָרעקט. וואָס גיט נאָר אזא עצה, וועלכע ער קען בעגרינדען מיט ארגומענטען אדער דורך אנערקענטע אויטאָריטעטען".

אין א בריעף צו ר' שמואל אבן־תבון, דער איבערזעטצער פון „מורה נבוכים", שרייבט ער: „איך בין אזוי פערנומען, אז איך האָב פּשוט קיין צייט ניט צו עססען. פון מיין הויז צום סולטאַנ'ס איז בערך צוויי תחום־שבת'ען. אַללע אין דער פריה, גלייך וויא איך שטעה אויף, מוז איך בעזוכען דעם קעניגליכען הויף. טרעפט זיך, אז איינע פון זיינע פרויען אדער בעדיענער איז קראַנק, קען איך שוין דעם גאַנצען טאָג ניט פערלאָזען דעם פּאַלאַסט. און אפילו דאַן, ווען זיי זיינען שוין אַללע געזונד, קען איך ניט קומען צוריק אהיים פאַר־מיטאָג. קומענדיג אהיים און זייענדיג אויסגע־מאַטערט און הונגעריג, געפין איך דיא עמפּפאַנג־צימערען געפּאַקט מיט אַלערליי חולאים. צווישען זיי געפינען זיך מאַ־האָמעדאַנער, קריסטען, אידען, בעאַמטע און איינפאַכע ביר־גער, רייכע און ארעמע, וועלכע וואַרטען אויף מיר. איך קריך

אראָפּ פון פערד, וואַש זיך ארום, בײס עטוואָס צו און גײה ארױס צו זײ. דער אויסהערען יעדען אײנעם און דער פּער־שרײבען דיא רעצעפּטען נעהמט ביי מיר אוועק זעהר פיעל צייט ; גאַנץ אָפּט בין איך דערמיט פערנומען ביז צוויי אוהר אין דער נאַכט. עס טרעפט ניט זעלטען, אז איך ווער פון דעם אזוי אויסגעמאַטערט, אז איך האָב מעהר קיין כוח ניט צו זיטצען אָדער שטעהן. איך לייג זיך דאן אויף מיין בעט און הער אויס די חולאים, געבענדיג זיי מיינע עצות. דער איינציגער טאָג אין וועלכען איך בין פריי איז שבת״.

ביין עולם האָבען זיך פערשפּרייט אלערליי וואונדער־מעשיות וועגען דעם רמב״ם׳ס גרויסקייט אלס דאָקטאָר, איין לעגענדע דערצעהלט, אז צום רמב״ם איז אריינגעקומען א מאַן, וועלכער האָט זיך פערשטעלט פאַר א קראַנקען. ער האָט געוואָלט אויספּרובירען דעם רמב׳ם און צו זעהן, צי ער איזווירקליך אזא גרויסער דאָקטאָר, וויא מען דערצעהלט זיך וועגען איהם. דער רמב״ם האָט באַלד דערקענט, אז דער מאַן איז פריש און געזונד און אז ער איז בלויז געקומען פון איהם חוזק צו מאַכען. דאָס האָט דעם רמב״ם שטאַרק פער־דראָסען. ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, האָט דעם מאַן גאַנץ ערנסט אונטערזוכט און האָט איהם דאן ערקלעהרט, אז ער ליידט פון זעהר א שווערער קראַנקהייט, וועלכע איז אונ־היילבאַר. ער האָט דערביי געזאָגט, אז ער וועט מוזען שטאַר־בען אין פערלויף פון א קורצער צייט. פון אָנפאַנג האָט עס דער פערשטעלטער חולה אָנגענומען פאַר א שפּאַס. ביסלעכ־ווייז האָט דעם רמב״ם׳ס פּראָגנאָזע גענומען אויף איהם ווירקען. ער האָט אָנגעפאַנגען צו גלויבען, אז ער האָט באמת אן אונהיילבארע קראַנקהייט ; דער רמב״ם וועט דאָך ניט אויסטראַכטען אזא זאַך, האָט ער זיך געטראַכט. מסתמא האָט ער טאַקע ווירקליך עטוואָס געפונען. דאָס האָט אויף איהם אָנגעפאַנגען אזוי צו ווירקען, אז ער איז געוואָרען שטאַרק מרה־שחורה׳דיג און איז באַלד אויף אן אמת׳ן קראַנק געוואָ־רען. אין א קורצער צייט שפּעטער איז ער געשטאָרבען.

פאַר וואָס דער רמב״ם איז געוועזן אזוי גרויזאַם און האָט

צוליעב אַ קליינע פּערזענליכע בעליידיגונג פּראַקטיש פּער־אורטהיילט אַ מענשען צום טוידט דאַרף מען זיך ניט וואונ־דערען צוליעב דעם אַלטען כלל, אַז אויף אַ מעשה פרעגט מען קיין קשיות נים.

סאי־ווי־סאַי, ניט נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט די דאָ־זיגע אַלע לעגענדען, איז איין זאַך זיכער, אַז דער רמב"ם איז געווען איינער פון דיא בעדייטענדסטע דאָקטוירים אין מי־טעל־אַלטער, לויט דעם צושטאַנד פון דער מעדיצינישער ווי־סענשאַפט אין יענע צייטען. ער האָט נאַטירליך נים געהאַט קיין אַהנונג פון דיא נייע און נייעסטע מעדיצינישע טהע־אָריען און ערפינדונגען; ער, ווי אַלע דאָקטוירים פון יענער צייט, האָט נאָך אפילו ניט געוואוסט פון דעם צירקולירען פון דעם בלוט. ער איז אָבער אין איין פּונקט געשטאַנען הע־כער פאַר דיא מייסטע דאָקטוירים פון זיין צייט, הן אידישע און הן קריסטליכע און מאַהאָמעדאַנישע, — ער האָט ניט געגלויבט אין די אַלע פּוסטע זאַבאָבוואַניעס, אין די אַלערליי סגולות, קמיעות, לחשים און השבעות, אין דיא אַלערליי וויל־דע געמישעכצען פון פּערשיעדענע קריימיכער און אַנדערע משונה'דיגע מאַטעריאַלען, וועלכע זיינען דאַמאָלסט געווען אַ וויכטיגער טהייל פון דער מעדיצינישער פּראַקטיק. דער וואָס איז בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון מעדיצין ווייס אַז נאָך ביז פערהעלטניסמעסיג ניט לאַנג צוריק. לאָמיר זאָגען מיט אַ הונדערט יאָהר צוריק, פּלעגט איין רעצעפּט צוזאַמענגע־שטעלט ווערען פון דרייסיג און פיערציג, מאַנכעס מאָל פון מעהר, פּערשיעדענע „רפואות", צווישען וועלכע עס האָבען זיך אָפט געפונען דיא סאַמע שמוציגסטע מאַטעריאַלען.

דער רמב"ם איז געווען אַ תלמיד מובהק פון די „פּאַ־טערס פון מעדיצין" — ה י פּ אָ ק ר אַ ט ו ס און ג אַ ל־ל ע ן. אַ טהייל פון זייערע ווערק האָט ער בעאַרבייט, פּער־קירצט און אין מאַנכע הינזיכטען פּערבעסערט. זייענדיג זייע־רער אַ תלמיד האַלט ער זיך שטרייננג אַן דער נאַטירליכער מעטהאָדע, און לאַכט זיך אויס פון דיא אַלערליי מעדיצינישע אָבערגלויבענס. ביי יעדער געלעגענהייט זוכט ער צו בע־

קעמפפען די אלערליי סגולות און אבשפּרעכונגען, אפילו ווען זיי געפינען זיך אין תלמוד. זאָגאר אין זיינע ספרים, וואו ער בעשעפטיגט זיך מיט ריין תלמודישע ענינים, מיט דער הלכה, ווי אין זיין ספר „משנה תורה“ אָדער אין זיין פירוש אויף דער משנה, גיט ער גאנץ אָפט מעדיציניש כללים און עצות.

די אויפגאבע פון דער מעדיצין איז, נאָך זיין מיינונג, צו לערנען דעם מענשען דיא אורזאכען פון דיא קראנקהייטען, וויא אזוי ער זאָל זיך אויפפיהרען היגיעניש און דיעטיש, ווי און וואס ער זאָל עסען, כדי ער זאָל זיין געזונד און פעהיג צו טהאָן זיין ארבייט, און דערביי אויך פערלייגערען זיין לע־בען. ער מיינט, אז אום צו האָבען א געזונדע נשמה, א קלאָהרען שכל, איז אויך נויטהיג א געזונדער גוף. „צווישען טויזענד מענשען געפינט זיך בלויז איינער, וואס שטאַרבט א נאטירליכען טוידט; די איבעריגע שטאַרבען פאר זייער צייט צוליעב זייער אונוויסענהייט און ניט־געהעריגער אויפפיהרונג“.

דער עיקר איז זיך צו פערהיטען פון קראנקהייטען, ווייל צו פערהיטען א קראנקהייט איז לייכטער וויא איהר צו היילען. עס איז דארום דיא אויפגאבע פון יעדען מענשען אויסצומיידען שעדליכע זאכען. א מענש זאָל עסען און טרינקען נאָר דאמאָלסט, ווען ער פיהלט הונגער אָדער דורשט, אָבער אויך דאן דארף ער זיך ניט איבערפילען מיט שפייזען און געטראנקען; ער דארף בלייבען א פיערטעל ניט דערעסען. דער גרויסער כלל איז, אז א מענש דארף זיך אין אלץ פיהרען געמעסיגט.

ניט אלע פון זיינע היגיעניש און דיעטישע כללים קענען אויסהאלטען א וויסענשאפטליכע קריטיק לויט דעם איצטיגען צושטאַנד פון דער מעדיצינישער וויסענשאַפט, אָבער מען דארף ניט פארגעסען דיא צייט, ווען זיי זיינען געשריעבען געוואָרען. אָט זיינען איניגע ביישפּיעלע: זומער, זאָגט ער, דארף מען עסען קאלטע שפייזען און ווענינ גריני־

סען ; אום ווינטער דאַרף מען עסען װאַרעמע שפּייזען און מעהר גרינסען. ווײַנען איז שעדליך אין דער יוגענד; אויף דער עלטער קענען זיי בעסער פּערטראָגען ווערען. ביין עסען זאָל מען ניט טרינקען קיין וואַסער, אָבער מען מעג טרינקען עטוואָס ווײַן געמישט מיט וואַסער. זויערע פרוכט דאַרף מען ניט עסען; אונצייטיגע פרוכט זיינען פאַר די געדערים וויא א שאַרפער מעסער. אַ מענש דאַרף שלאָפען אכט שטונדען אין טאָג, אָבער עס איז ניט געזונד צו שלאָפען ביי־טאָג. איין מאָל אין זיעבען טעג דאַרף אַ מענש געהן אין מרחץ.

דער רמב"ם האַלט ווי דער תלמוד, אז אַ מענש טאָר ניט וואוינען אין א שטאָדט, וואו עס געפינט זיך קיין דאָקטאָר ניט. דער דאָקטאָר דאַרף אָבער זיין א געלעהרטער מענש, וויסען זיין פראָפעסיע, און זיין פאַרטיג צו געהן, ווען מען נויטהיגט זיך אין זיין הילף. „דער וואָס ענטזאגט זיך צו געבען זיין הילף, ווען מען נויטהיגט זיך אין איהר, אָדער דער וואָס פּראַקטיצירט מעדיצין ניט שטודירענדיג גענוג דיא קראַנקהייט פון זיין חולה, איז געגליכען צו א מערדער".

אין קליינע קראַנקהייטען, זאָגט ער, היילט די נאַטור אליין דעם קערפּער אָהן רפואות, אויב דער פּאַציענט היט זיך אָב וויא געהעריג איז. אין ערנסטערע קראַנקהייטען דאַרף מען רופען א דאָקטאָר, װעמעס אויפגאַבע עס דאַרף זיין צו־העלפען דיא נאַטור אין איהר ארבייט. „דיא מייסטע דאָקטוירים האָבען א טעות אין זייער היילען. וועלענדיג העלפען דיא נאַטור, שוואכען זיי אָפּ דעם קערפּער מיט זייערע רפואות".

דער רמב"ם האָט געשריעבען א היבשע ביסעל קלענערע און גרעסערע ספרים איבער מעדיצין, וועלכע זיינען כמעט אַלע איבערגעזעצט געוואָרען אין העברעאיש, כאָטש דיא מעהרסטע פון זיי זיינען געבליעבען אין מאַנוסקריפּטען און ניט געדרוקט געוואָרען. פון די וויכטיגסטע זיינען פאָלגענדע:

1) „פּרקי משה", מעדיציניש אפאָריזמען געזאמעלט פון גאלען'ס ווערק מיט אייגענע בעמערקונגען. גע־

דרוקט אין ווילנא אין 1888. א לאטייגישע איבערזעצונג איז געדרוקט געוואָרען אין 1489.

2) דיא מעדיצינישע אפאריזמען פון היפאקראטוס מיט ערקלעהרונגען פון רמב"ם. „דאָס איז א בעזונדער ווערק און האָט ניט קיין שייכות מיט די „פרקי משה" (שטיינשניידער).

3) א פערקירצונג פון ג א ל ע נ'ס זעכצעהן ביכער, און פון נאָך פינף ווערק פון אנדערע שרייבער.

4) וועגען גיפטען און געגען־גיפטען, איבערזעצט אין העברעאיש פון משה א ב ן־ת ב ו ן. איבערזעצונגען אין דייטשען און אין פראנצויזישען זיינען געדרוקט געוואָרען אין דעם לעצטען העלפט פון לעצטען יאָהרהונדערט.

5) „הנהגת הבריאות, וועגען היגיענע, איבערזעצט פון משה א ב ן־ת ב ו ן, געדרוקט אין „כרם חמד".

6) אן אבהאנדלונג וועגען געשלעכטליכען פערקעהר (מאמר המשגל). געפינט זיך אין מאנוסקריפט.

7) אן אבהאנדלונג וועגען אסטמא, איבערזעצט אין העברעאיש. געפינט זיך אין מאנוסקריפט.

8) אן אָבהאנדלונג איבער מארידען („מאמר ברפואת הטחורים"). געפינט זיך איז מאנוסקריפט.

9) אן אָבהאנדלונג וויא צו היילען די, וואָס ווערען געביסען פון שלאַנגען.

10) אן אָבהאנדלונג וועגען די אורזאכען פון קראנקהייטען.

11) אן אבהאנדלונג וועגען די רפואות און זייער ווירקונג, א מין „מאטעריע מעדיקא".

עס געפינען זיך פון איהם אָבהאנדלונגען וועגען נאָז און האלז־קראנקהייטען ווי אויך וועגען רהומאטיזם.

וועגען זיינע גרויסע ידיעות פון גיפטען און געגען־גיפטען האָט זיך אויסגעאַרבייט דיא פאָלגענדע לעגענדע: ווען דער רמב"ם איז געוואָרען דער הויפט דאָקטאָר אין דעם סולטאן ס א ל א ד י נ'ס הויז, זיינען דיא אנדערע דאָקטוירים, אסטראלאָגען און מאגיקער געוואָרען בייז. זיי האָט

נאַטירליך פערדראָסען, וואָס דער רמב"ם האָט זיי בערויבט פון זייער גאַנצען כבוד און גדולה, און זיי האָבען גענומען זוּכען מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דעם געלעהרטען איידען. זיי זיינען געפאַלען אויף אַ פּלאַן. זיי זיינען געקומען צום סולטאַן מיט אַ פאָרשלאַג, אַז אום ער זאָל זיך איבערצייגען, ווער עס איז ווירקליך דער גרעסטער דאָקטאָר, זאָל ער הייסען יעדען פון זיי איינגעהמען אַ גיפט. דעם וואָס וועט געלינגען זיך גופא אויסצוהיילען, יענער וועט בלייבען דער גרעסטער דאָקטאָר. דער סולטאַן איז איינגעגאַנגען אויפ'ן פּלאַן און דעם רמב"ם'ס שונאים האָבען שוין אַלץ אַזוי איינגעאָרדענט, אַז ער זאָל דער ערשטער דאַרפען נעהמען די גיפט. אין דער בעשטימטער צייט איז דער רמב"ם געקומען און האָט גאַנץ רוהיג אויסגעטרונקען די גיפט, ווייל ער האָט זיך פריהער בעוואָרענט און איינגענומען דעם געגען גיפט. דער רמב"ם איז נאַטירליך געבליעבען לעבען און די איבעריגע זייענען אַלע אויסגעשטאָרבען...

וויא גרויס דעם רמב"ם'ס אויפטהועכצען זאָלען ניט געווען זיין אַלס דאָקטאָר, קענען זיי אָבער בשום אופן ניט פערגליכען ווערען מיט זיינע געוואַלדיגע פערדיענסען אַלס תלמודיסט און פילאָזאָף. זיין גרויסקייט אַלס דאָקטאָר איז בלויז געווען פאַר זיין צייט און האָט אַ גאַנץ קליינע היסטאָרישע בעדייטונג. אַלס תלמודיסט און פילאָזאָף איז ער אָבער געווען אַן עפּאָכע־מאַכער, וועמעס ווירקונג און איינפלוס עס האָט זיך געצויגען אויף פיעלע יאָהר־הונדערטע.

XV.

דעם רמב"ם'ס תלמודישע ספרים. — וואס ער האט בעצוועקט מיט זיין פירוש אויף דער משנה. — זיין „משנה" תורה, איהרע מעלות און חסרונות. — ווארום דיא „משנה" תורה האט ארויסגערופען אונצופריעדענהייט אין געוויסע קרייזען

דער ר מ ב"ם איז אהן צווייפעל איינער פון דיא גרעסטע תלמודיסטען, וואס דאס שפאנישע יודענטהום האט ארויסגעגעבען פון זיך.

דורך זיין פאטער איז דער רמב"ם בעקאנט געווארען מיט דיא וועגען און מעטהאדען פון ר' יוסף אבן־מיגאש און דעם „אלפס" וועמען דער רמב"ם רופט „מיינע רביים". זיי, די דאזיגע צוויי גרויסע תלמודיסטען, האבען וועניג געהאלטען פון פלפולים און חריפות. זיי האבען פריהער פאר אלץ געזוכט אין דעם תלמוד דיא הלכה, דעם דין, וואס איז נויטהיג געווען פאר דעם פראקטישען לעבען, ניט קימערענדיג זיך וועגען דיא אלע האאר־שפאלטענדע פלפולים. די דאזיגע מעטהאדע האט נאטירליך שטארק אפעלירט צום רמב"ם, צו זיין וויסענשאפטליך דיסציפלינירטען און לאגישען שכל, און ער האט איהר אנגעווענדעט אין זיינע תלמודישע שריפטען.

דער רמב"ם האט געשריעבען זעהר פיעל וועגען תלמודישע ענינים. ווען ער איז נאך געווען א גאנץ יונגער מאן האט ער שוין אנגעשריעבען קאמענטארען (פירושים) אויף די דריי סדרים „מועד", „נשים", „נזיקין" און אויף דיא

מסכת „חולין". דער רמב"ם דערמאָנט זיי אין זיין פּירוש אויף דער משנה, אָבער זיי זיינען פערלאָרען געגאנגען און מיר ווייסען וועגען זיי גאָר ניט. דיא וויכטיגסטע פון זיינע תלמודישע שריפטען, וואָס זיינען פון איהם געבליבען, זיינען זיין פּירוש אויף דער משנה און זיין „משנה תורה" אָדער „יד החזקה".

זיין פּירוש אויף דער משנה האָט ער דערענדיגט אין דעם עלטער פון דריי און דרייסיג יאָהר. געשריבען האָט ער איהם אויף אראביש, די שפּראַך וועלכע דאָס פאָלק האָט געברויכט. ער איז לכתחילה געשריבען געוואָרען מיט דער כונה, אז אפילו דער פּראָסטער עולם זאָל איהם קענען לייענען און פערשטעהען און זאָל פון דאָרטען קענען ארויס־קריגען דיא פּראַקטישע הלכה, ניט דארפענדיג זיך אָפּגעבען מיט דעם שטודיום פון דער גמרא. שפּעטער האָט ער אויף דעם חרטה געהאַט, ווייל אראביש איז נאָך אלעם בלויז געווען דיא שפּראַך פון א טהייל פון דעם אידישען פאָלק. העברעאיש איז געווען דיא איינציגע שפּראַך, וואָס האָט פער־בונדען דיא פערשיעדענע טהיילען פון דעם אידישען פאָלק, אין זייערע פערשיעדענע גלות־לענדער. דער רמב"ם איז דא־רום געווען שטארק צופריעדען, ווען עס האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען איהם איבערזעצט אין העברעאיש.

מיט זיין פּירוש אויף דער משנה האָט ער זיך, לויט וויא ער ערקלעהרט אליין אין זיין הקדמה, געשטעלט דיא פאָל־גענדע אויפגאַבען: 1) אז מען זאָל קענען פערשטעהן דיא משנה אָהן דיא ערקלעהרונגען און פּלפּולים פון דער גמרא; 2) אז מען זאָל קענען פון דער משנה אליין ווייסען דיא הלכה; 3) אז דער פּירוש זאָל דיענען ווי אן איינלייטונג פאַר דעם אָנפאַנגער, וועלכער וועט דורך דעם בעסער פערשטעהן דיא גמרא; 4) „אז דער יעניגער, וואָס האָט שוין געשטודירט און ווייס דעם תלמוד, זאָל האָבען דעם תמצית דערפון פאַר זיינע אויגען און בעסער געדיינקען".

אין זיין הקדמה שרייבט ער צווישען דיא איבעריגע: „פרעגט דעם גרעסטען גאון, אז ער זאָל זאָגען דעם דין פון

דער משנה וועט ער ניט קענען סיידען ער וויס אויסוויינינג דיא גאנצע גמרא וועגען דעם. און אזוי ווי א מענש קען ניט וויסען דעם גאנצען תלמוד אויסוועניג, איז ער געצוואונגען צו נעהמען נאכזוכען, וואס דיא גמרא האט וועגען דעם צו זאגען. בפרט, אז עס טרעפט, אז איין איינציגע הלכה פון דער משנה ווערט ערקלעהרט אין פיער אדער פינף בלעטער. דאר־טען זיינען דיא ענינים געמישט איינע מיט דיא אנדערע פיל מיט דיסקוססיאנען, מיט קושיות און תירוצים אזוי אז נאר אזעלכע, וואס זיינען ספעציאליסטען אין תלמוד קענען פון דארטען ארויסקריגען דיא הלכה".

שוין אין זיין פירוש אויף דער משנה, וועלכער איז איי־נער פון זיינע יוגענד־ווערק, זעהט מען ארויס אין גאנצען דעם צוקונפטיגען רמב"ם, דעם שטאלצען און זעלבסטבע־וואוסטען גאון, וועלכער איז ביי זיך אזא תקיף און אזוי זי־כער און פעסט אין זיינע איבערצייגונגען און מיינונגען. שוין דאמאלסט ערלויבט ער זיך צו זאגען: „און מאנכע פון די גרעסטע גאונים האבען דעם ענין ניט פערשטאנען"; שוין דאמאלסט ערלויבט ער זיך צו ריידען וועגען זאכען, וועלכע אנדערע עלטערע פאר איהם האבען בעסער געזוכט אויסצור־מיידען; שוין דארטען געפינט מען געדאנקען, וועלכער ער האט שפעטער ברייטער און טיעפער, גרינדליכער און סיסטע־מאטישער, ארויסגעזאגט אין „משנה תורה" און אין „מורה נבוכים". און ניט בלויז ערלויבט ער זיך צו געבען אן אנדער פירוש אויף דער משנה וויא די גאונים פאר איהם, נאר זא־גאר געגען דער ערקלעהרונג פון דער גמרא גופא. דער בע־קאנטער געלעהרטער ווייס אין זיין „תולדות הרמב"ם" ברייננט אייניגע אזעלכע ביישפיעלע.

פיעל וויכטיגער און פון פיעל גרעסערער בעדייטונג ווי זיין פירוש אויף דער משנה איז זיין גרויסע ווערק, די גרעס־טע וואס ער האט אנגעשריעבען, די „משנה תורה". די דאזיגע ווערק האט דער רמב"ם געשריעבען, ווען ער איז שוין געווען אריבער דיא מיטעלע יאהרען, פאלשטענדיג רייף און ענטוויי־

קעלט, בעריהמט אלס גרויסער תּלמודיסט, געלעהרטער און פילאָזאָף.

צעהן יאָהר האָט ער געארבייט אויף דער דאָזיגער ווערק. צעהן יאָהר איז א היבשע צייט, אָבער דער וואָס איז בעקאַנט מיט דער ווערק וואונדערט זיך גיכער, וויא אַזוי ער האָט איהר געקענט אָנשרייבען אין אַזא קורצער צייט, בפרט ווען ער איז דערצו געווען שטארק בעשעפטיגט אלס דאָקטאָר און כלל־טהוער.

אין דער דאָזיגער ווערק קען מען ארויסזעהן די געוואל־דיגע סיסטעמאַטיזירענדע קראַפט פון רמב"ם'ס שכל. דיא דאָזיגע ווערק זיינע איז אָהן ספק איינע פון דיא וואונדער־באַרסטע געביידען פון דער גאַנצער תּלמודישער ליטעראַטור. זיא איז וואונדערבאַר לויט איהר געבוי, לויט איהר סדר און פּלאַן, לויט איהר אינהאַלט און שפּראַך. זיא איז וואונדער־באַר אין איהר פאָלשטענדיגקייט, אין איהר אויסגעהאַלטענ־קייט, אין איהר איינהייטליכקייט און גאַנצקייט. מען זעהט אין איהר דיא ארבייט פון א מייסטער־ארכיטעקט, וועלכער האָט אַלץ פון פריהער אויסגערעכענט, אַלץ פון פאַראויס אויסגעפּלאַנעוועט, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיינע גייסטי־גע אויגען דעם גאַנצען בילד פון דער געביידע נאָך איידער ער האָט איהר אָנגעפאַנגען בויען. אפילו זיינע ביטערסטע געגנער, וויא דער „דריטער ראב"ד", האָבען צוגעגעבען, אַז ער האָט אויפגעטהאָן א גרויסע ארבייט.

אלס מאַטעריאַל צו זיין „משנה תורה" האָט זיך דער רמב"ם בענוצט מיט דער גאַנצער גרויסער תּלמודישער ליטע־ראַטור: דיא ביידע תּלמודים (דער „בבלי" און „ירושלמי"), דעם „ספרא", „ספרי", „מכלתא", ווי אויך מיט די שריפטען פון דיא גאונים און מיט דיא ווערק פון „אלפס" און ר' יוסף אבן־מיגאַש. דעם דאָזיגען מאַטעריאַל האָט ער דורכגעזוכט, דורכגעזיפּט און סאָרטירט, און נאָר דאָס, וואָס איז איהם געפעהלען געוואָרען, וואָס האָט געשטימט מיט זיינע אייגענע גזיכטען און מיינונגען האָט ער אריינגענומען אין זיין ווערק.

געוויסע מעדיציניש׳ע כללים, צום ביישפיעל, געוויסע סגולות געגען עין־הרע, אלערליי אבערגלויבענס וועגען שדים, רוחות און דערגלייכען וואס געפינען זיך אין תלמוד און וואס האבען ניט געשטימט מיט זיינע וויסענשאפטליכע און פילאזאפישע אנזיכטען האט ער ארויסגעווארפען. ער האט זיך ניט גע־שעהמט צו זאגען, אז זיי זיינען שטותים. זיין גרויסער כלל איז געווען : „דיא אויגען קוקען פאראויס און ניט ריק־ווערטס“. דעם רמב״ם׳ס „משנה תורה“ איז א סינטהעז פון זיינע תלמודישע און פילאזאפישע ידיעות. ער האט זיך ניט בענוגענט מיט דיא הלכות וואס ער האט צוזאמענגעקליעבען פון דער תלמודישער ליטעראטור : ער האט זיך ערלויבט דארטען אריינצושטעלען זיינע פילאזאפישע מיינונגען א ל ס ב ע ש ט י מ ט ע ה ל כ ו ת.

ביי דעם צוזאמענשטעלען פון זיין „משנה תורה“ האלט זיך ניט דער רמב״ם אן דעם סדר פון דער משנה און דעם תלמוד, ווי דאס האט געטהאן דער „אלפס“. ער האט זיך זיין אייגענעם סדר און זיין אייגענעם פלאן. דיא „משנה תורה“ איז ביי איהם איינגעטהיילט אין פיערצעהן ספרים. יעדער ספר איז איינגעטהיילט אין קאפיטלען און יעדער קאפיטעל איז ווידער איינגעטהיילט אין פאראגראפען אדער „סעיפים“.

די שפראך איז דיא נײ־העברייאיש׳ע, די שפראך פון דער משנה, ניט די געמישטע שפראך פון דער גמרא. זיין „סגנון“ איז קורץ, שארף און צום פונקט, אהן איבריגע ווערטער, דיא שפראך פון א סטריקטען געזעטץ־בוך, וואו אירגענד וועלכע מיספערשטענדניסע און צווייידייטיגקייטען מוזען אויסגע־מיידט ווערען.

דיא ערשטע אבטהיילונג אדער ספר הייסט „ספר־המדע“ (דאס בוך פון וויסען). דארטען גיט ער איבער כמעט זיין גאנצע פילאזאפישע שטה, אבער ניט אין דער פארמע פון פילאזאפישע דיסקוסיאנען, נאר אין דער פארמע פון דינים. דער גלויבען אין אן איינציגען, אונקערפערליכען גאט איז ביי איהם פונקט אזא דין, ווי אן אנדער דין, א חוץ אפשר וואס ער איז מעהר וויכטיג. דער ערשטער פאראגראף פון דעם

בוך פון וויסען פאנגט זיך אָן: „דער יסוד פון אלע יסודות און דער זייל פון דיא חכמות איז צו וויסען, אז עס געפינט זיך אן ערשטע סבה („מצוי ראשון“), וואס איז דיא אורזאכע פון אלץ וואס עס עקזיסטירט. דאס איז א חיוב (א „מצות עשה“), און דאס איז דער גרויסער עיקר אויף וואס אלעס הייגנט“. עס איז ווענינ צו גלויבען אין דעם; א געלעהרטער מענש דארף עס זוכען צו וויסען; דער אפּגעבען זיך מיט דיא דאָזיגע פראגען איז פאר איהם, פאר'ן חכם, לויט דעם רמב"ם, א חיוב. דארטען ווערט אויך גערעדט וועגען דער איינהייט און אונקערפּערליכקייט פון גאָט און די אנדערע עיקרים פון דער אמונה אלץ אין דער פארמע פון הלכות. דער רמב"ם איז ניט דער ערשטער ביי אידען, וואס האָט גערעדט וועגען „עקרים“ אין דער אמונה, אָבער ער איז דער ערשטער, וואס האָט זיי געשטעלט אלס פעסטע הלכות, וואס האָט פון זיי געמאכט רעליגיאָנס־דאגמאן. ער פּסקענט, אז דער וואס גלויבט אין א קערפּערליכען גאָט איז גלייך ווי דער וואס זאָגט, אז עס איז גאָר קיין גאָט ניטאָ, ער איז א „כופר“. דיא דאָזיגע טענדענץ פון רמב"ם צו קאָדיפיצירען, צו מאכען דינים פון זיינע פי־לאָזאָפישע אנזיכטען, האָט ארויסגערופען א שטארקע בעווע־גונג געגען איהם. דער פעהיגסטער און געלערנטעסטער פון זיי, „דער דריטער ראב"ד“, מערקט אָן אויף דעם רמב"ם'ס דין וועגען דער אונקערפּערליכקייט פון גאָט: „גרעסערע און בעסערע פאר איהם האָבען אין דעם געגלויבט“. ניט וויל דער דאָזיגער ראב"ד האָט געגלויבט אין א קערפּער־ליכען גאָט; ער אליין איז געווען א מקובל און זיין גאָטס־בע־גריף איז געווען ניט ווענינער עדעל וויא דעם רמב"ם'ס גופא, אָבער ער האָט פּראָטעסטירט געגען דעם, וואס דער רמב"ם מאכט דערפון אן הלכה. אין דעם זעלבען „ספר המדע“ ווערען אויך בעהאנדעלט דיא יסודות פון דער תורה: דיא בעציהונגען פון מענש צום מענשען, פון רחמנות און ליעבע איינער צום אנדערען, וועגען שטודירען דיא תורה און וועגע; געטצען־דיענסט.

דער צוויימער בוך הייסט „ספר האהבה", דאָס בוך וועגען ליעבע. דאָרטען ווערט גערעדט וועגען די בעציהונגען פון מענשען צו גאָט, וואָס דער מענש זאָל טהאָן, כדי ער זאָל זיך קענען בעהעפטען און ליעב האָבען דעם שעפּפער. א טהייל פון דעם ערשטען ספר און דער צוויימער ספר בעהאנדלען ריין עטהישע פראגען.

דער דריטער בוך הייסט „ספר זמנים" (דאָס בוך וועגען דיא צייטען). דאָרטען ווערען בעהאנדעלט די דינים, וואָס האָבען צו טהאָן מיט דיא פערשיעדענע צייטען פון יאָהר, ווי דיא דינים פון שבת און יום־טוב. דער פיערטער בוך הייסט „נשים" (פרויען). דאָרטען ווערען בעהאנדעלט די אלע דינים פון קידושין גט'ן, כתובות און דער גלייכען.

אזוי געהט עס כסדר: יעדער בוך בעהאנדעלט א בעזונדער געגענשטאנד. אלע אין איינעם בעהאנדלען זיי אלערליי פראגען פון געזעטץ. אין גאנצען שטעלט מיט זיך פאר די „משנה תורה" א פאלשטענדיגען געזעטץ־בוך, וואו אלע מעגליכע פראגען פון געזעטץ, סאי רעליגיעזע, סאי קרימינעלע, כאי ציווילע ווערען אויספיהרליך און גרינדליך בעהאנדעלט. דער רמב"ם האט קיין זאך ניט ארויסגעלאָזען. ער האט דאָרטען אפילו ארייננעשטעלט יענע געזעטצע, וואָס האָבען דאמאָלסט שוין געהאט בלויז א טהעאָרעטישע בעדייטונג און האָבען ניט געהאט קיין שום פּראקטישען ווערטה, וויא צום ביישפּיעל דיא דינים פון דיא קרבנות, טומאה און דער גלייכען. גאנץ אָפט ברייננט ער אריין אין דער „משנה תורה" אויך דיא מנהגים, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען פון פערשיעדענע קהלות בנוגע געוויסע פראגען פון דער הלכה, כאָטש זיי געפינען זיך נים אין דער משנה אָדער אין תלמוד.

דיא ערשיינונג פון דער „משנה תורה" האָט באלד אָנגעמאכט א געוואלדיגען רעש און איז שנעל פערשפּרייט געוואָרען אין דיא אידישע קהלות פון נאָהענטען און פון ווייטען. פון איין זייט האָט זיך דער רמב"ם דורך דער „משנה תורה" ערוואָרבען א גרויסע צאָהל אָנהייננער, תלמידים און פערקאָכטע חסידים, וואָס האָבען איהם אָנגעפאנגען צו בע־

טראכטען שיעור ניט אלס א צווייטען משה רבינו. „פון משה'ן (משה בן עמרם) ביז משה'ן (משה בן מימון) איז ניט אויפגעשטאנען אזא משה“, איז געוואָרען ביי זיי א ווערטעל. קיין טיטול און קיין שבח איז אין די אויגען פון די דאָזיגע חסידים ניט געווען צו גרויס פאר דעם רמב"ם. „דער קרוין פון גלות“, „געטליכער מענש“, „מלאך פון גאָט“, דאָס זיינען נאָר אייניגע פון דיא דאָזיגע טיטולים און שבחים. פון דער אנדערער זייט אָבער האָט זיך דער רמב"ם טאקע דורך דער זעלבער משנה תורה ערוואָרבען א היבשע ביסעל ביטערע געגנער און שונאים, וואָס האָבען זיך ניט צוריקגעהאלטען אפילו פון גראָבע זלזולים.

פיעלע פון דיא היסטאָריקער, וועלכע זיינען אליין אויך שטארקע אָנהייגער פון רמב"ם, זוכען צו ערקלעהרען דיא דאָזיגע שנאה געגען רמב"ם אויף דעם גרונד פון פערזענליכע מאָטיווען. זיינע געגנער, מיינען די דאָזיגע היסטאָריקער, האָבען זיך אָן איהם מתקנא געווען, האָבען איהם ניט פער־גונען זיין גרויס ערפאָלג, דעם כבוד און די אנערקענונג, וואָס ער האָט געקראָגען פון איבעראל. עס איז מעגליך, אז א געוויס־כער פערזענליכער עלעמענט האָט געשפּיעלט א קלענערע אָדער גרעסערע ראָלע אין דער בעוועגונג געגען דעם רמב"ם: אין יעדער מחלוקה מוז אריינקומען א געוויסער פערזענלי־כער עלעמענט, אפילו ווען זיא פאנגט זיך אָן פון די ריינסטע פּרינציפּיעלע אונטערשיידונגען. אָבער צו בעהויפּטען, אז נאָר קנאה האָט ארויסגערופען דיא דאָזיגע מחלוקה, וועלכע האָט זיך נאָך מעהר פערנאָנדערגעפלאקערט נאָך דעם ערשיי־נען פון „מורה נבוכים“ און וועלכע האָט זיך געצויגען מעהר וויא א יאָהר־הונדערט, צו מאכען אזא בעהויפּטונג מיינט פשוט ניט צו פערשטעהן וועגען וואָס עס האָט זיך דאָ גע־האנדעלט. דיא „משכילים“ און אויפגעקלעהרטע פון אלע צייטען זיינען שטענדיג געווען פארטהייאיש צום רמב"ם, ווע־גען זיי האָבען מיט רעכט אָדער אונרעכט בעטראכט אלס א זייערינען, אלס דעם טרעגער פון דעם „ליכט־פאקעל“, וועה־

רענד זיינע געגנער האָבען זיי בעטראכט אלס רעאַקציאָנערען און פינסטערלינגע....

בעטראכט מען אָבער דיא אַנגעלעגענהייט פון א ריין־היסטאָרישען, אונפּארטייאישען, שטאַנדפּונקט, ניט ווערענדיג בעאיינפלוסט פון דער גרויסקייט פון דעם רמב״ם׳ס פּערזאָן און פון די אייגענע סימפּאַטהיען, מוז מען קומען צום שלום, אז זיינע געגנער און בעקעמפּפער זיינען ניט אלע מאָל געווען אונגערעכט און, וואָס נאָך מעהר, ניט שטענדיג דיא רעאַקציאָנערען....

דער רמב״ם ווערט געשילדערט פון זיינע פערעהרער אלס בעשיידענער מענש. עס איז מעגליך, אז אין זיין פּריוואט לעבען, אין זיינע פּערזענליכע בעציהונגען צו מענשען, איז ער ווירקליך געווען בעשיידען, אָבער פון זיינע שריפטען זעהט מען עס ניט ארויס. אין זיינע שריפטען איז ער הימעל־ווייט פון בעשיידענקייט. אין זיינע שריפטען איז ער אזוי זעלבסטבעוואוסט און אזוי זעלבסטזיכער, אז דאָס גופא קען שוין ארויסרופען א ווידערווילען.

שוין דער נאָמען אליין, וואָס דער רמב״ם האָט געגעבען זיין ווערק איז געווען א חוצפּה׳דיגער: „יד החזקה“ (דיא מעכטיגע האנד) און „משנה תורה“ (דיא ווידערהאָלונג פון דער תורה). און שוין דער נאָמען אליין, דער נאָמען „משנה תורה“, האָט ארויסגערופען ביי גאָר פיעלע פון די תלמודיסטען פון יענער צייט א פּערביטערונג און א ווידערווילען געגען דעם רמב״ם. דער נאָמען איז ווירקליך געווען עטוואָס אונערהערטעם. דער נאָמען „משנה תורה“ ווערט געלייגט אויף דעם ספר „דברים“ פון חומש, און דאָ געפינט זיך איינער — און זאָל ער אפילו זיין מי יודע וויא גרויס — וואָס גיט זיין ספר דעם דאָזיגען נאָמען. דאָס איז געווען צופיעל גדולה גענומען פאר זיך. דעם רמב״ם׳ס ערקלעהרונג פאר וואָס ער רופט זיין ספר משנה תורה האָט נאָך געגאָסען מעהר אויל אויף דעם פייער: „און דעריבער רוף איך דעם דאָזיגען חבור משנה תורה, ווייל א מענש לערנט דיא „תורה שבכתב“ (דעם חומש)

א פריהער און דאַן לערנט ער דעם דאָזיגען ספר, און ער ווייס פון איהם דיא גאנצע תורה שבעל פה. ער ד א ר ף נ י ט ל י י ע נ ע ן ק י י ן א נ ד ע ר ס פ ר צ ו ו י ש ע ן זיי *)". „ער דארף ניט לייענען קיין אנדער ספר צווישען זיי". — וואָס מיינט עס ? מיינט עס דען ניט, אז ער וויל מיט זיין ספר ארויסשטופּען דעם תלמוד גאָר אין גאנצען ? האָבען זיינע געגנער ניט אָהן גרונד גע'טענה'ט.

דעם רמב"ם'ס כונה איז געווען א גוטע. ער האָט גע־וואוסט וויא שווער עס איז פון תלמוד גופא ארויסצוקריגען דיא הלכה און אז בלויז יחידי סגולה קענען עס טהאָן. ער האָט דארום אָנגעשריעבען א קלאָהרען געזעטץ־בוך, פון וואַ־נען יעדער איינער, אפילו דער ניט־ספּעציאַליסט, זאָל קענען געפינען דעם דין. „ווען עס וואָלט מעגליך געווען דעם גאנ־צען תלמוד אריינצוטהאָן אין איין קאַפּיטעל, וואָלט איך איהם ניט אריינגעטהאָן אין צוויי", זאָגט דער רמב"ם אין א אַ שטעלע (מאמר תחית המתים). מען מעג צווייפלען, צי האָט דער רמב"ם ווירקליך געוואָלט, אז זיין ספר זאָל פער־נעהמען דעם פּלאַטץ פון דעם תלמוד, אָבער זיינע געגנער האָ־בען מורא געהאַט, אז דאָס קען פיהרען דערצו. דאָס וואָל־טען זיי נאַטירליך, בעטראַכט פאר א גרויסען אונגליק, און זיי האָבען דארום אזוי ביטער געקעמפּפט געגען דעם.

ס'איז אמת, אויך דער „אלפס" האָט געזוכט ארויסצו־ברייגנען דיא קלאָהרע הלכה פון דעם תלמוד און האָט ארויס־געוואָרפען דיא איבעריגע פּלפּולים, אָבער ער האָט עס גע־טהאָן אויף אזא אופן, אז יעדער איינער האָט געוואוסט די קוועלען פון וואנען ער האָט גענומען זיינע הלכות. ער האָט ניט געענדערט, ניט דעם סדר און ניט דעם סגנון פון דער גמרא ; עס איז בלויז געווען א קצור פון גמרא. דער רמב"ם האָט געענדערט אי דעם סדר, אי דעם סגנון און ער האָט דער־צו ניט אָנגעגעבען זיינע קוועלען פון וואנען ער האָט גענומען

*) לפיכך קראתי שם חבור זה משנה תורה, לפי שאדם קורא בתורה שבכתב תחלה ואחר כך קורא בזה, ויודע ממנו תורה שבעל פה כולה, ואינו צריך לקרות ספר אחר ביניהם. (הקדמה למשנה תורה).

זיינע הלכות, א חוץ וואס ער האט ניט געבראכט קיינע בעוויי־זע און ראיות אויף זיינע בעהויפטונגען. מיט א פעסטקייט און א שטאלץ, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט, האט ער גע׳פסקענט די דינים, אזוי וויא ער אליין וואלט דאס געווען דער געזעצגעבער. דעם רמב״ם׳ס כונה איז אויך דא געווען א גוטע. ער האט ניט געוואלט צוטומלען דעם לעזער מיט די ראיות און בעגרינדונגען און מיט דעם אנצייגען פון דיא קוועלען; ער האט ניט געוואלט, אז זיין ווערק זאל ווערען צו גרויס און דורך דעם גופא פערליערען דעם ציעל וועלכען ער האט זיך געשטעלט, אבער זיינע געגנער זיינען אויך געווען גערעכט. דיא תלמודיסטען זיינען אין דער היכ־זיכט געווען גרויסע דעמאקראטען; זיי האבען ניט געוואלט אנערקענען קיינע אנדערע אויטאריטעטען א חוץ די תורה און דעם תלמוד. דיא תורה און דער תלמוד זיינען אפענע ביכער, וואו יעדער איינער קען לערנען און שטודירען און יעדער איי־נער איז א גלייכער יחסן. איינעם׳ס מיינונג איז ניט וויכטי־גער פאר דעם אנדערענס, כל זמן זיא ווערט ניט בעגרינדעט אויף דער תורה און דעם תלמוד. יעדער איינער פון דיא תלמודיסטען, וועלכע זיינען ארויסגעטראטען געגען דער „משנה תורה", האט זיך געפיהלט פונקט אזוי בערעכטיגט ווי דער רמב״ם ארויסצוקריגען דיא הלכה פון תלמוד גופא און ניט דארפען איהם גלויבען אויפ׳ן ווארט. זיי האבען געהאט ווייניג וואס אויסצוזעצען געגען זיינע הלכות אן און פיר זיך, אבער זיי האבען געפאדערט בעווייזע. „זאגט דער ר א ב״ד: ער האט געוואלט פערבעסערען, אבער ער האט ניט פערבעסערט דערמיט, וואס ער האט פערלאזען די וועג פון דיא מחברים פאר איהם, וועלכע האבען געבראכט ראיות אויף זייערע רייד" *). זיי האבען געפאדערט בעווייזע ניט ווייל זיי האבען דעם רמב״ם ניט געטרויט, נאר ווייל מען דארף קיינעם ניט טרויען, בנוגע דער הלכה, מעג ער אפילו

*) „אמר הראב״ד: סבר לתקן ולא תקן, כי עזב דרך המחברים לפניו שהביאו ראיה לדבריהם".

זיין דער גרעסטער גאון, סיידען ווען ער בעגרינדעט זיין מיי־נונג, סיידען ווען זיא איז געשטיצט אויף דעם תלמוד.

אַם מעהרסטען זיינען אָבער זיינע געגנער געווען אונ־צופריעדען מיט דעם „ספר המדע". דיא הויפּט טענה געגען דעם רמב"ם איז געווען, וואָס ער האָט זיך ערלויבט צו מאַ־כען דינים פון זיינע פילאָזאָפישע מיינונגען. ניט געגען דער פילאָזאָפיע אַן און פיר זיך איז דאַמאָלסט געווען דיא טענה — דאָס איז אויך געווען, אָבער שפּעטער ווען דער „מורה נבוכים" איז ערשיענען, — נאר געגען דעם, וואָס ער האָט דערפון געמאַכט הלכות און רעליגיאָנס־דאגמאן. דאָס יודענ־טהום איז א סיסטעם פון עטהיקס אויסגעדריקט אין א פּראק־טישער געזעטץ־געבונג. וויא יעדע עטהישע סיסטעם האָט אויך דאָס יודענטהום געוויסע יסודות אויף וועלכע עס ווערט בעגרינדעט, אָבער עס האָט ניט געהאַט קיינע רעליגיאָנס־דאגמען. דאָס יודענטהום האָט געהאַט „עיקרים", וועלכע זיי־נען אָבער ניט געווען קיין „גלויבענס־ארטיקלען" אין דעם זינן, וויא דאָס איז, למשל, אין קריסטענטהום. זיי זיינען גע־ווען עלאַסטיש גענוג און בויגזאַם גענוג און האָבען זיך געענ־דערט אין פערשיעדענע צייטען (זעה „תולדות העיקרים בישראל", פון דר. ניימארק). דער רמב"ם איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפיהרט גלויבענס־ארטיקלען, א מין רעליגיעזען קאַטעכיזם. עס איז קלאָהר, אַז דיא דאָזיגע כמעט נייע איינפיהרונג האָט גיכער געשטערט וויא געהאָלפען דיא פרייע ענטוויקלונג פון דעם געדאנק; עס האָט גיכער גע־האָט א רעאקציאָנערע איידער א פּראָגרעסיווע בעדייטונג. דער פאקט איז, אַז מאַנכע פון דיא אידישע פילאָזאָפען נאָכ'ן רמב"ם, צווישען זיי גאַנץ פרומע, האָבען פערוואָרפען דעם רמב"ם'ס עיקרים. ר' יוסף אלבו האָט פון די דריי־צעהן עיקרים געמאַכט דריי.

דער רמב"ם האָט אין זיין „משנה תורה" געוואָלט געבען א קורצע און קלאָהרע גנזעצגעבונג. דאָס איז איהם אויך גע־לונגען אויפ'ן בעסטען אופן, אָבער אין דעם גופא איז שוין

געוועז א חסרון. דער תלמוד מיט אלע זיינע חסרונות, מיט דיא אלע איבעריגע פלפולים, האט, טאקע צוליעב דיא דאזיגע פלפולים און דיסקוסיאנען, געלאזען גענוג פלאטץ פאר דעם איינצעלנעם, פאר דעם שטודירענדען, צו האבען זיין אייגענע מיינונג, ארויסצוצייגען זיין אינדיווידואליטעט. דער תלמוד איז וויא א גרויסער ים, וואו עס קאכט מיט לעבען. נעהמט איהר איהם אבער קאדיפיצירען, מאכען פאראגראפען, ווערט עס א טרוקענער געזעטץ־בוך, וועלכען איהר דארפט אריינ־האקען אין אייער זכרון, ניט געברויכענדיג דעם אייגענעם שכל. אזא געזעטץ־בוך מוז סוף כל סוף ווערען פערשטיינערט און פערראסט. דער פאקט איז, אז דעם רמב"ם'סביישפיעל איז געוועזן אנשטעקענד, און נאך איהם זיינען געקומען אנדע־רע, וואס האבען אויף זייער דרך קאדיפיצירט דעם תלמוד: פריהער דער „בעל־הטורים" און דאן דער „שולחן ערוך". יע־דער איינער פון זיי האט עטוואס מוסיף געוועזן פון זיך, אריינשטעלענדיג אלערליי מנהגים, גוטע און שלעכטע וואס האבען אפשר געהאט א זינז און בעדייטונג פאר זייער צייט און זייער ארט, אבער ניט מעהר. די דאזיגע מנהגים זיינען אויך קאדיפיצירט געווארען און אריינגענומען געווארען אלס הייליגע דינים, וואס זיינען גילטיג פאר אלע צייטען און אלע לענדער. די אלע חומרות און גזרות, תקנות און מנהגים, וואס האבען א לאנגע צייט געהאלטען וויא געפענטעט דעם אידי־שען פאלק שטאמען אפ ניט דירעקט פון דעם תלמוד, נאר פון זיינע קאדיפיצירער, פון דיא „פוסקים". דער רמב"ם מיט זיין משנה תורה טראגט ניט קיין קליינע שולד אין דעם.

דעם צוועק, וואס דער רמב"ם האט זיך געשטעלט מיט זיין „משנה תורה" האט ער סאי־וויא־סאי ניט דערגרייכט. א פאלק וואס האט ניט געהאט קיין אייגענעם פאליטישען לע־בען, וואס האט ניט געהאט קיין אייגען לאנד און קיין אייגע־נעם מלוכה־לעבען. וואס האט געהאט בלויז זיין תורה און זיין ליטעראטור, האט געמוזט זיין גאנצע ענערגיע, זיינע אלע געוואלדיגע פעהיגקייטען, אנווענדען אויף זיי. עס האט זיך

געמוזט ענטוויקלען האָאר־צושפאַלטענדע פּלפּולים, משונה־דיגע לופט־געביידען, וואָס האָבען קיין פּראקטישע ממשות ניט, ווייל דיא גאנצע געזעצגעבונג האָט סוף כל סוף געהאָט בלויז א טעאָרעטישען ווערטה. זיין ספר גופא איז געוואָרען א נייער קוואל פון פּלפּולים. זיינע אָנהייגגער און תלמידים, וועלכע זיינען מיט דער צייט אלץ געוואָרען מעהר און מעהר, האָבען זיך גענומען גריבלען אין זיינע ווערטער כמעט ניט ווע־ניגער וויא אין דעם תלמוד גופא. איבער דער „משנה תורה" איז אָנגעשריעבען געוואָרען א גאנצע ליטעראטור. און נאָך ביז היינטיגען טאָג וועט דער קלענסטער רב פון א פּערוואָר־פענער שטעדטעל ניט פערגעסען ארייגצופלעכטען אין זיינע פּלפּולים און חלוקים דעם רמב"ם. דאָס איז כמעט ווי מאָדע־זאך.

דיא אלע ווירקליך גרויסע מעלות פון דער משנה תורה: איהר וואונדערבארער סדר און פּלאן, דיא קורצקייט און שארפקייט פון דיא דינים, דיא שעהנקייט און פּינקטליכקייט פון דער שפּראך, דאָס אלץ האָט ניט געהאָלפען. א פאָלק וואָס האָט ניט קיין באָדען אונטער זיינע פיס, קען זיך ניט בענוט־צען מיט א פּראקטישער געזעצגעבונג. זיא מוז ווערען א מקור פאר נייע פּלפּולים און נייע חריפות. וואָס גרעסער עס איז דיא אויטאָריטעט פון דעם מחבר, אלץ מעהר וועט מען זיך פּלפּול'ען איבער זיינע ווערטער, כאָטש זיי זיינען אזוי פשוט און איינפאך.

XVI.

דער „מורה נבוכים". וואס דער רמב"ם האט מיט איהם בעצוועקט און פאר וועמען ער האט איהם געשריבען. דער רמב"ם אלס אלענאריקער. וואס איז „סתרי תורה" און ווארום זיי זיינען געשריעבען פערשטעלט. דעם רמב"ם'ס לעהרען וועגען דיא געטליכע אטריבוטען. דער תכלית פון דער וועלט. וואס מיינט גאט'ס השגחה? גאט'ס וויסען און דער מענשליכער פרייער ווילען. וואס איז נבואה און ווער קען זיין א נביא. אונשטערבליכקייט און ווער איז דערצו זוכה. דעם רמב"ם'ס קריטיק פון דער פילאזאפיע פון די „מדברים". איז די וועלט אייביג אדער באשאפען?

דעם רמב"ם'ס הויפט ווערק איבער פילאזאפיע איז זיין מורה נבוכים (דער וועג־ווייזער פאר בלאנדזשענדע), וועלכען ער האט פערענדיגט בערך אין דעם יאהר 1190, אלזא אין דעם עלטער פון קרוב זעקס און פופציג יאהר.

דער „מורה נבוכים" איז ניט דער איינציגער ספר, וואו דער רמב"ם בעשעפטיגט זיך מיט פילאזאפישע פראגען: ער האט וועגען דעם אויך געשריעבען אין זיינע תלמוד'ישע ספרים, ווי אין זיין פירוש אויף דער משנה און אין זיין „משנה תורה". דארטען איז אבער די פילאזאפיע ניט געווען דער עיקר; דארטען בעהאנדעלט ער איהר בלויז פערבייגעהענדיג, אגב אורחא. אין זיינע תלמוד'ישע ספרים האט ער אריינגעבראכט בלויז די ר ע ז ו ל ט א ט ע ן פון זיין פילאזאפישען פארשען, אהן די אלע נויטיגע בעווייזע און בעגרינדונגען, ווי אזוי ער איז צו די דאזיגע רעזולטאטען געקומען. יענע ספרים זיינען געשריעבען געווארען פאר דעם גרויסען

עולם און פאר די ניט פילאָזאָפירענדע לומדים און פרומאַ־קעס, וועלכע לעבען גליקליך און צופריעדען אין זייער אמונה און פרעגען קיין קשיות ניט און האָבען ניט קיין ספיקות. ביי זיי האָט דער רמב"ם בלויז געוואָלט אויסערעלען זייערע גלויבענס ־ בעגריעפע, דערוויימערען זיי פון דעם געדאנק, אז גאָט איז א קערפּער (הגשמה) און דער גלייכען. פאר זיי האָט ער געשריעבען בקצור און זאָגאר דאָגמאַטיש.

דער „מורה נבוכים" איז אָבער לכתחילה געשריעבען גע־וואָרען מיט אַ אַנדער צוועק און פאר אַ בעשרענקטען קלאַס פון מענשען. דער צוועק איז: צו פעראייניגען די אמת'ן פון דער פילאָזאָפיע, די אמת'ען, וואָס דער מענש דערגרינדעט מיט זיין שכל מיט די אמת'ען פון דער תורה, די אמת'ען וואָס זיינען געקומען דורך דער „ענטפלעקונג". דער מענשליכער שכל, גרינדענדיג זיך אויף די חושים און ערפאהרונגען, איז דער העכסטער ריכטער בנוגע דעם אמת. דאָס וואָס איז געגען דעם שכל און געגען די חושים, קען ניט זיין אמת. ניט אלע אמת'ן קען דער מענשליכער שכל בעגרייפען; עס זיינען פאראַן זאכען, וואָס שטעהען איבער איהם, איבער דער מענשליכער השגה, און ער קען זיי קיין מאָל ניט וויסען. אָבער דאָס, וואָס איז געגען דעם שכל, קען ניט זיין אמת. די אמת'ן וואָס זיינען געקומען צו אונז דורך דער „ענטפלעקונג", מוזען דארום זיין איינשטימיג מיט דעם שכל.

דער אמת איז דאָס העכסטע, צו וואָס א מענש דאַרף שטרעבען, און דער שכל איז דער העכסטער ריכטער פון דעם אמת. נון, געפינט זיך אָבער א קלאַס מענשען, וועלכע געפי־נען, אז די אמת'ן פון זייער שכל שטימען ניט איין אָדער קו־מען אין קאָנפליקט מיט די אמת'ן פון דער תורה, און זיי בלייי־בען צומישטע און צוטומעלטע. פאר זיי איז געשריעבען דער „מורה נבוכים". „די דאָזיגע אָבהאנדלונג", ערקלעהרט דער רמב"ם, „איז געשריעבען געוואָרען פאר דעם יעניגען, וואָס איז שוין בעקאנט מיט דער פילאָזאָפיע, ווייס די אמת'ע

חכמות, און גלויבט אויך אין דער תורה. ער געפינט דאָר־טען — אין דער תורה — אזעלכע אויסדריקע, וואָס זיינען איהם אונפערשטענדליך און ער בלייבט א צוטומעלטער" (מורה נבוכים, פתיחה).

דער „מורה נבוכים" איז ניט קיין לעהר־בוך איבער פי־לאָזאָפיע פאר אנפאנגער; ער איז ניט געשריעבען פאר דעם גרויסען עולם; ער איז אויך ניט געשריעבען פאר די וואָס גלויבען שוין גאָר ניט. ער איז געשריעבען פאר די יענינע, וואָס זיינען שוין פילאָזאָפען און וועלכע געפינען זיך אין א פערלעגענהייט, ווייל זיי קענען ניט פעראייניגען און הארמאנירען זייערע פילאָזאָפישע מיינונגען מיט די לעהרען פון דער תורה.

ווי פעראייניגט מען אָבער די תורה מיט דער פילאָ־זאָפיע, אין דעם פאַל מיט דער אריסטאָטעל'שער פילאָזאָפיע ווי זי איז פערשטאַנען געוואָרען פון רמב״ם? ווי מאכט מען, אז דיביידע אמת'ען זאָלען זיך ניט סותר זיין? דער רמב״ם האָט געפונען א מיטעל. דער מיטעל איז א גאנץ אלטער, וועלכען „פילא דער איד" און נאָך אנדערע פאר איהם האָבען שוין געברויכט, אָבער וועלכען דער רמב״ם האָט אויסגעאַרבייט אין א פאָלשטענדיגער סיסטעם. דער מיטעל בעשטעהט אין דעם אויסטייטשען די פסוקים בדרך משל, אין אלעגאָריען, אויף אזא אָרט, אז זיי זאָלען זיך צופאסען צו די אמת'ען פון דער פילאָזאָפיע. „זיי וויסען, אז די שליסעל צו פערשטעהן אליץ וואָס די נביאים האָבען געזאָגט..... איז צו פערשטעהן די משלים און די בעדייטונג פון זייערע ווערטער" (מורה נבוכים, פתיחה). מיט'ן „אויס־טייטשען" קען מען שוין אליץ בעווייזען. דער רמב״ם איז זיך מודה, אז ווען ער וואָלט געהאָט גענוג בעווייזע, דאָס די וועלט איז אייביג און ניט בעשאַפען געוואָרען, וואָלט ער דערפון זיך ניט צוריקגעהאַלטען צוליעב דעם, וואָס אין דער תורה שטעהט, אז זי איז בעשאַפען געוואָרען. ער וואָלט שוין גע־

פונען א מיטעל, ווי אזוי אויסצוטייטשען די פסוקים... „זיי ווייעסן, אז מיר האלטען ניט פון דער אייביגקייט פון דער וועלט (קדמות העולם) ניט צוליעב די פסוקים אין דער תורה, וואָס בעווייזען, אז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרן. די פסוקים וואָס בעווייזען, אז די וועלט איז בעשאפען געוואָרען, זיינען ניט מעהר ווי די פסוקים וואָס בעווייזען, אז גאָט איז א קערפּער. די טויערען פון אויסטייטשען זיינען פאר אונז ניט פערשלאָסען“ . . . (מורה נבוכים, חלק שני, פרק כ"ה).

די שליסעל איז דאָ, נאָר מען דאַרף וויסען ווי מיט איהר צו אַרבייטען, און דער רמב"ם פערברייטעט זיך וועגען דעם דאָזיגען ענין זעהר פיעל; ער פערנעהמט דערמיט כמעט דעם גאַנצען ערשטען באַנד פון דעם „מורה נבוכים“.

פיעלע טעותים נעהמען זיך דערפון, וואָס ניט אלע ווייסען די אמת'ע בעדייטונג פון די ביבלישע אויסדריקע, וואָס זיי פערשטעהען ניט געניגענד די אָבשטאַמונג פון די העברעאישע ווערטער. עס זיינען פאַראַן ווערטער, וואָס האָבען לכתחילה מעהר ווי איין בעדייטונג (שם משותף) און עס זיינען אויך דאָ ווערטער, וואָס קריעגען אן איבערגעטראָגענע בעדייטונג (שם מושאל). דער וואָרט „עין“ צום ביישפּיעל מיינט אי אן אויג אי א קוואַל; פון דער בעדייטונג „אויג“ ווערט דער וואָרט „עין“ אויך אריבערגעטראָגען אין דעם זינן פון אכטונג געבען, השגחה. גאָט'ס אויגען זיינען דאָרטען שטענדיג, מיינט עס גאָט'ס השגחה (מו"נ, חלק א, פרק מ"ד). דער וואָרט „ילד“, געבוירען, איז פון אָנפאַנג געלייגט געוואָרען אויף געבוירען קינדער. שפּעטער איז ער אויך אריבערגעטראָגען געוואָרען אויף דער ענטשטעהונג פון נאַטירליכע זאַכען, ווי איידער „די בערג זיינען געבוירען געוואָרען“; אויך אויף דעם וואַקסען פון דער ערד לייגט זיך דער וואָרט „ילד“, „די ערד האָט געבוירען“, וואָס דאָס מיינט, אז עס איז ארויסגעוואַקסען פון דער ערד. אויך אויף טעגליכע פּאַסירונגען, „וואָרום דו ווייסט ניט וואָס דער טאָג וועט געבוירען“; אויך אויף געדאַנקען: „און

ער האָט געבוירען פאַלשקייט" (מורה נבוכים", חלק א, פּרק ז"). קורץ, פיעלע פון די העברעאישע ווערטער האָבען מעהר ווי איין בעדייטונג; פיעלע קריגען אריבערגעטראָגענע בעדייטונגען, און דער וואָס ווייס ניט אין וועלכען זינן א בעשטימטער וואָרט ווערט געברויכט, קומט צו פאַלשע געדאַנקען. אויף אזא אופן זוכט דער רמב"ם צו ערקלעהרען די אלע יעניגע ווערטער, וואָס געפינען זיך אין דער ביבעל בנוגע גאָט און וואָס קענען פערשטאַנען ווערען, אז די ביבעל לערנט פון א קערפּערליכען גאָט, ווי צום ביישפּיעל: גאָט איז געשטאַנען, געגאַנגען, געזעהן; גאָט זיצט, גאָט צאָרענט און אַזוי ווייטער. ... גלייכען. דער רמב'ם בעווייזט דערביי ארויס א געוואלדיגע און טיעפע קענטניס אין דער העברעאישער שפּראַך און א וואונדערבאַרען פילאָלאָגישען חוש צו ערקלעהרען די אָבשטאַמונג פון ווערטער.

„די אַלעגאָריען אָדער משלים אין דער ביבעל זיינען פאַראַנען צוויי ערליי. עס זיינען דאָ משלים, וואו יעדער וואָרט האָט א בעזונדער מיין און א בעזונדערע כונה. עס זיינען אויך אויך דאָ אזעלכע משלים, וואָס האָבען א נמשל נאָר בדרך כלל און וואו די פּרטים זיינען ניט וויכטיג: זיי זיינען דאָרטען אריינגעשטעלט געוואָרען כדי שעהנער צו מאַכען דעם בילד אָדער כדי מעהר צו פערבאָרגען די אינערליכע כונה. ווען דער פּסוק דערצעהלט, אז יעקב האָט געזעהן אין חלום ווי „דער לייטער שטעהט אויף דער ערד און זיין שפּיץ גרייכט אין הימעל", איז עס א משל פון דעם ערסטען מין. „דער לייטער" מיינט איין ענין; „שטעהט אויף דער ערד" מיינט א צווייטער ענין; „און זיין שפּיץ גרייכט אין הימעל" מיינט א דריטער ענין. דער משל מיט דער אויסגעלאַסענער פרוי אין משלי בעלאַנגט צום צווייטען מין: אונטער דעם וואָרט „זונה" ווערט פערשטאַנען די מאַטעריע, וואָס בייט שטענדיג איהרע פאָרמען פונקט ווי א זונה בייט איהרע מענער. די איינצעלהייטען וואָס ווערען דאָרטען דערצעהלט

וועגען דער „זונה“, זיינען בלויז כדי שעהנער צו מאכען דעם בילד“.

צו וואס דארף מען אבער אין גאנצען האבען די משלים? צו וואס זיינען זיי נויטהיג? פאר וואס האבען די נביאים און די תורה ניט געקענט אפען און פשוט ארויסזאגען זייער כונה? צו וואס פערשטעלען? צו וואס די סודות און די „סתרי תורה? דער רמב“ם געפינט א תירוץ אויך אויף דער דאזיגער קשיא, און דער תירוץ איז כאראקטעריסטיש פאר איהם.

דער רמב“ם האט זעהר וועניג דרך ארץ פאר דעם גרויסען עולם פאר דעם פעבעל. עס איז ניטא נאך איינער צו איהם אין דער גאנצער אידישער ליטעראטור, וואס זאל בעטראכטען דעם „המון“ מיט אזא פעראכטונג וויא דער רמב“ם. דער רמב“ם איז אן אריסטאקראט דורך און דורך, אבער ניט אזא וואס האלט פון יחוס פון געבורט אדער יחוס פון רייכקייט. דער איינציגער יחוס ביי איהם איז דער יחוס פון שכל, דער יחוס פון דעם געלעהרטען, דער יחוס פון דעם פילאזאף, וועלכער האט ענטוויקעלט זיין שכל און זיינע דיינקונגס־פעהיגקייטען ביז דער העכסטער מדרגה. ער איז דער „אדם השלם“, דער פאלקאמענער מענש, דער „איבער־מענש“ אויף ניטשע׳ס לשון. דער פראסטער מענש, וואס האט זיין שכל ניט ענטוויקעלט, וואס האט איהם ניט ארויסגעבראכט מכוח אל הפועל (פון מעגליכקייט אין ווירקליכקייט) פערדיענט גאר ניט דעם נאמען מענש. ער איז א בהמה אין דעם געשטאלט פון א מענשען, און נאך ערגער ווייל ער קען זיין שעדליך*).

דיא אמת׳ען פון דער פילאזאפיע וואס זיינען אויך דיא אמת׳ען פון דער תורה און דיא נביאים זיינען צו הויך פאר

---

*) וככר ידעת כי כל מי שלא הגיע לו זאת הצורה אשר ביארנו ענינה הוא איננו איש, אבל בהמה על צורת איש ותבניתו. אבל יש לו יכולת על מיני ההיזק לחדוש הרעות, מה שאין כן לשאר בעלי חיים (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק ז“).

דעם המון, זיי זיינען פאר איהם אונפערשטענדליך און אונ־בעגרייפליך. זיי קענען איהם קיין נוטצען ניט ברייננגען, זיי זיינען זאגאר שעדליך פאר איהם. ניט ווייל דיא דאזינע פילאזאפישע פארשונגען און געדאנקען זיינען אין עצם שעדליך, זיי זיינען בלויז שעדליך פאר דעם ניט ענטוויקעל־טען שכל. זיי קענען איהם נאר צוטומלען זיינע רעיונות און אין גאנצען איהם אראפפיהרען פון דעם וועג פון אמונה. א קינד וואס וועט עסען ווייצען־ברויט, פלייש און וויין, וועט ווערען קראנק, ניט ווייל דיא דאזיגע אכילות זיינען בעצם שלעכט, נאר ווייל זיינע פערדייאונגס־כוחות זיינען ניט שטארק גענוג. דיא גייסטיגע פערדייאונגס־כוחות פון דעם גרויסען עולם זיינען ניט שטארק גענוג, צו קענען פער־טראגען דיא דאזיגע אמת׳ען. דערפאר זיינען דיא דאזיגע אמת׳ען פערבארגען; דערפאר זיינען דא די „סתרי תורה", וועלכע נאר דער „פאלקאמענער מענש" קען ארויסדרינגען. זיי זיינען געשריעבען האלב פערבארגען, האלב אפען, כדי דער פאלקאמענער מענש, סאי ווען ער האט געקראגען דיא „סתרי תורה" בקבלה סאי ער איז צו זיי געקומען ביסלעכווייז מיט זיין אייגענעם שכל, זאל זיי פער־שטעהן. פאר דעם פראסטען עולם איז דיא תורה געשריבען אין דער שפראך וויא מענשעןריידען. דער גרויסער עולם איז וויא א קינד, וועמען מען מוז לאנגזאם ערציהען לויט זיין השגה נאך (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק ל"ג).

דער רמב"ם גלויבט, אז צוזאמען מיט דער תורה און דיא נביאים איז צו יחידי סגולה איבערגעגעבען געווארען אויך זייער אמת׳ער מיין, דיא אמת׳ע כונה, דיא „סתרי תורה". נאר אז זיי זיינען אין פערלויף פון דער צייט פערלארען געגאנ־גען. „זיי וויסען, אז דיא פיעלע חכמות וואס זיינען געווען ביי אונזער אומה וועגען דיא אמת׳ען פון די דאזיגע ענינים זיינען פערלארען געגאנגען אין פערלויף פון דער לאנגער צייט, צוליעב דעם וואס דיא נארישע אומות האבען איבער אונז געוועלטיגט, צוליעב דעם וואס ניט אלע האבען דאס געמעגט לעהרנען.... און צוליעב דעם וואס מען האט זיי ניט

געטאָרט פערשרייבען" (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק ע"א).

וויסען מיר אלזאָ, וואָרום דיא תורה האָט געשריבען פערשטעלט. דער רמב"ם פערברייטעט זיך וועגען דעם דאָזיגען ענין און גיט אָן פינף אורזאכען, וואָרום דער פראָסטער מענש איז ניט פייהיג זיך אבצוגעבען מיט דעם שטודיום פון פילאָזאָפישע פראַגען (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק ל"ד). בקצור איז עס דערפאַר, וואָס דער ענין איז א טיעפער, דעם „המונ'ס" שכל איז ניט גענוג ענטוויקעלט. דער געוויינליכער מענש איז אריינגעטאָהן אין דאגות פרנסה און אין אלערליי תאוות און דערצו מוז מען פריהער זיין גוט פאָרבערייטעט, מען מוז וויסען דיא אלע נאַטור-וויסענשאַפטען, איידער מען שטודירט פילאָזאָפיע.

איצטער בלייבט דיא פראַגע, אויב דיא תורה האָט בכיון פערבאָרגען דיא אינערליכע כונות, טאָ וויא אזוי ערלויבט זיך ער, דער רמב"ם, זיי צו ענטדעקען?

דער רמב"ם פערענטפערט זיך: „גאָט וויים, אז איך האָב ניט אויפגעהערט מורא צו האָבען צו שרייבען וועגען דיא דאָזיגע זאכען, ווייל זיי זיינען פערבאָרגענע ענינים. עס איז נאָך ניט געשריבען געוואָרען אזא ספר ביי אונזער פאָלק אין דער צייט פון דעם גלות, טאָ וויא אזוי זאָל איך איצטער אָנפאַנגען שרייבען וועגען דעם? איך פערלאָז זיך אָבער אויף דעם, וואָס אין א צייט, ווען מען מוז ארבייטען פון גאָט'ס וועגען, מעג מען פערבויגען דיא תורה, און אז איך טהו עס נאָר פון גאָט'ס וועגען" (מורה נבוכים, פתיחה). עס איז א צייט, וואָס מען מוז. עס געפינען זיך בלאָנדזענדע (נבוכים), וועלכע טראָגען זיך ארום מיט ספיקות, וועלכע פערשטעהען ניט וויא אזוי צו הארמאָנירען די פילאָזאָפישע אמת'ען, וואָס זיי האָבען זיך ערוואָרבען מיט דער תורה. צוליעב זיי שרייבט ער דעם „מורה נבוכים". ער וויים, אז דעם גרויסען עולם וועט עס שאַדען. אָבער ער וויל בעסער רעטען דעם חשוב'ען איינציגען: „און איך בין דער מענש, וואָס ווען איהם דריקט דער ענין, און עס איז איהם איינג די וועג און ער געפינט קיין מיטעל ניט ווי צו לערנען

דעם אמת, וואס איז בעוויזען געווארען, סאידען ווען ער זאָל זיין גוט פאר דעם איינעם דעם חשוב'ען און ניט גוט פאר צעהן טויזענד נאַרען, קלייב איך אויס צו זאגען עס פאר איהם אַליין און מיך קימערען ניט דיא זלזולים פון דעם גרויסען עולם. איך וויל בעסער רעטען דעם איינעם דעם חשוב'ען, וואס איז פערזונקען אין זיין צווייפעל, ווייזען איהם די וועג ביז ער וועט אויסגעהיילט ווערען" (מורה נבוכים, פתיחה).

דער המון קען ניט פערשטעהן דיא דאָזיגע טיעפע ענינים. פאר איהם איז גענוג, אז ער זאָל וויסען, אז גאָט איז ניט קיין קערפּער און ניט קיין קראַפט אין א קערפּער, אז ער איז פאָלקאָמען און אז ביי איהם איז ניט שייך קיין ענדערונג; אז ער איז איינער, און דערפאר מוז ער זיין אונקערפּערליך, ווייל אַ קערפּער בעשטעהט פון צוויי: פון מאַעריע און פארם. דער וואָס גלויבט אין אַ קערפּערליכען גאָט איז נאָך ערגער וויא א געטצענדיענער. דעריבער איז א חיוב צו לעהרנען דיא אונקערפּערליכקייט פון גאָט אפילו צום אונוויסענדען, צו דער פרוי און צו דיא קינדער. מען דאַרף זיי געבען צו פערשטעהן, אז די פסוקים וואָס דייטען אן אויף דיא קערפּערליכקייט פון גאָט האָבען אַן אנדער מיין, וועלכער איז בעוואוסט צו דיא חכמים (מורה נבוכים, חלק ראשון, ל"ה, ל"ו).

ווען עס קומט אָבער צו דיא איינגענשאַפטען אָדער אייגענטהימליכקייטען פון גאָט (תוארים), וויא מען דאַרף דיא דאָזיגע „תוארים" ערוויטערען פון איהם, אין וועלכען זינען זיי ווערען אויף איהם געלייגט, וואס עס מיינט אז ער האָט דיא וועלט בעשאַפען, וואָס עס מיינט זיין פיהרונג פון דער וועלט. וואָס עס מיינען: זיין השגחה, זיין ווילען, זיין השגה, זיין וויסען, וואָס עס איז נבואה און איהרע פערשיעדענע מדרגות... דאָס זיינען אלץ טיעפע ענינים, דאָס זיינען די אמת'ע „סתרי תורה", דאָס זיינען די סודות, וואָס ווערען שטענדיג דערמאָנט אין דער ביבעל און אין דעם תלמוד.

און דאס זיינען די זאכען, וואס מען דארף וועגען זיי ניט ריי־דען באריכות אפילו צום ענטוויקעלטען מענשען *).

ווייסען מיר, אלזא, וועלכע פראגען די „סתרי תורה" בע־האנדעלט, פאר וועלכע דער רמב"ם שרעקט זיך אזוי שטארק. און בעטראכט מען אויפמערקזאם דעם רמב"ם'ס געדאנקען וועגען די דאזיגע ענינים, פאנגט אן קלאהר צו ווערען פאר וואס ער איז אזוי פארזיכטיג און אויך פארוואס עס האבען זיך געפונען מענשען, צווישען זיי געלעהרטע, וואס האבען בע־טראכט דעם „מורה נבוכים" פאר א שעדליכען בוך און דעם רמב"ם פאר א כופר.

דער רמב"ם פערברייטעט זיך זעהר פיעל וועגען דער פראגע פון גאט'ס „תוארים" (אטריבוטען, אייגענשאפטען אדער אייגענטהימליכקייטען). ער פערנעהמט דערמיט איבער צעהן קאפיטלען (מו"נ חלק ראשון, נ'—ס"א). דא וועט איבער־געגעבען ווערען בקצור דער תמצית פון זיינע געדאנקען, און אויך ניט אין דעם סדר ווי דער רמב"ם טהוט עס.

וועגען גאט קענען מיר נור וויסען, אז ער א י ז, אויף דעם איז דא א שכל'דיגער בעוויז (מופת). ווי עס קומט אבער צו דעם ו ו י און ו ו א ס, צו זיין מ ה ו ת, צו דעם עצם פון זיין וועזען, ווייסען מיר גאר ניט און קענען גאר ניט ווי־סען. צושרייבען צו גאט אירגענד וועלכע „תוארים" אין איר־גענד וועלכען זינן, קען מען ניט און עס איז א זינד געגען דעם בעגריעף פון גאט'ס איינהייט. „דער וואס גלויבט, אז גאט איז איינער מיט מעהרערע אטריבוטען, כאטש ער זאגט, אז ער איז איינער, גלויבט אין דער אמת'ן אין מעהרערע. עס איז

*) „אמנם הדברים בתוארים, ואיך ירוחקו ממנו, ומה ענין התוארים המיוחסים לו, וכן הדברים בבריאתו מה שבראו ובתאר הנהגתו לעולם, ואיך השגחתו בזולתו, וענין רצונו, והשגתו וידיעתו בכל מה שידעהו; וכן ענין הנבואה וכל מעלותיה... אלו כלם ענינים עמוקים, והם סתרי תורה באמת, והם הסודות אשר יזכרו בספרי הנביאים תדיר ובדברי רז"ל ואלו הם הדברים אשר אין צריך לדבר בהם אלא בראשי הפרקים כמו שזכרנו, ועם האיש המתואר גם כן" (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק ל"ח).

אזוי ווי די קריסטען זאגען אז ער איז איינער, אבער ער איז דריי און די דריי איז איינס.*) צו זאגען, ווידער, ווי אנ־ערע פילאזאפען בעהויפטען, אז גאט'ס אטריבוטען זיינען ניט זיין „מהות" און אויך ניט אויסערהאלב איהם, איז ניט מעהר ווי ווערטער, וואס האבען קיין זינן ניט. א זאך איז אדער ווי אן אנדער זאך אדער ניט ווי אן אנדער זאך. זייןביידע צוזאמען איז אונמעגליך (מו"נ חלק א, פרק נ"א).

ריידען מיר וועגען דעם „מהות" פון גאט, מוזען מיר גע־דיינקען פיער פונקטען: 1) זיין אבסאלוטע אונקערפערליכ־קייט; 2) זיין אבסאלוטע אונפארענדערבארקייט און אז ער קען פון קיין זאך ניט ווערען בעווירקט אדער בעאיינפלוסט; 3) אז ער איז פאלשטענדיג, אז אלץ איז ביי איהם ווירקליכ־קייט אהן שום מעגליכקייט, דאס הייסט, אז ביי איהם איז אלץ אין „פועל" ניט אין „כח"; 4) אז צווישען איהם און די בעשאפענע זיינען ניטא קיינע פערגלייכונגען, קיינע שייכות'ן, קיינע עהנליכקייטען (מו"נ חלק א, פרק נ"ה).

די מענשליכע שפראך איז ארעם אין אויסדריקע; זי איז אן אינסטרומענט פאר מענשליכע געדאנקען און איז ניט פעהיג אויסצודריקען די עדעלסטע בעגריפע. געברויכענדיג די מענשליכע שפראך זיינען מיר געצוואונגען צו געברויכען ווערטער, וואס האבען א זינן פאר מענשען אבער וואס פאסען זיך בשום אופן ניט פאר גאט, ווייל צווישען גאט און דעם מענשען איז ניטא קיין שום עהנליכקייטס־פונקט. מיר זאגען צום ביישפיעל אויף גאט, אז ער א י ז, ער לעבט, ער קען, ער וויים, ער איז קלוג און ער וויל. ביי אונז אין געדאנק ווערען די דאזיגע אטריבוטען פון גאט צוזאמענגעמישט מיט אונ־זערע מענשליכע בעגריפע פון זיין, לעבען, קענען, וויסען, קלוגשאפט און ווילען. מיר נעהמען די זעלבע בעגריפע, מיר פערפיעלפאכען און פערגרעסערען זיי, און ווענדען זיי אן

*) אמנם מי שהאמין שהוא אחד בעל תוארים רבים, כבר אמר שהוא אחד במלתו אבל רבים במחשבתו. וזה כמאמר הנוצרים הוא אחד אבל הוא שלשה והשלשה אחד (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק נ').

אויף גאָט; גאָט'ס קענען, וויסען, קלוגשאַפט און ווילען זיינען פיעל גרעסער פאַר אונזערע. דאָס איז אָבער א טעות. זיי זיינען ניט בלויז גרעסער, זיי זיינען אין גאַנצען אַנדערש אין זייער עצם און קענען בשום אופן ניט פערגליכען ווערען. איהר קענט פערגלייכען א קערענדיל מיט א פּלאַנעט, ווייל בייביידען זיינען דאָ די דריי מאָסען: לענג, ברייט און טיעפקייט; מען קען אָבער ניט פערגלייכען צוויי זאכען, וואס האָבען צווישען זיך קיין שייכות ניט. איהר קענט, למשל, ניט זאָגען, אז די ווארעמקייט איז גרעסער אָדער קלענער ווי דער בילד. גאָט עקזיסטירט, אָבער ניט מיט אונזער עקזיסטענץ; ער לעבט, ניט מיט אונזער לעבען; ער ווייס, ניט מיט אונזער וויסען; ער קען ניט מיט אונזער קענען; ער איז קלוג, ניט מיט אונזער קלוגשאַפט*). גאָט איז איינער, אָבער ניט אין דעם זינן ווי מיר פערשטעהען איינהייט; ער איז א „קדמון" אָבער ניט ווי מיר פערשטעהען „קדמון", ווייל ביי אונז איז דער דאָזיגער בעגריעף פערבונדען מיט דעם בעגריעף „צייט". אויביג אין צייט. גאָט אָבער שטעהט אויסערהאַלב צייט.

קורץ, מיר קענען וועגען גאָט קיין זאך ניט וויסען און קיין זאך ניט זאָגען, וואָס זאָל אין אירגענד וועלכער וועג אויסדריקען די פּאָזיטיווע זייט פון זיין „מהות", דאָס איז העכער פון אונזער שכל. מיר קענען פון איהם ריידען אין א נעגאַטיווען זינן, מיר קענען זאָגען וואָס ער איז ניט. ווינן מיר זאָגען, אז ער לעבט, דאַרפען מיר דערמיט פערשטעהן, אז ער איז ניט דאָס, וואָס מיר רופען טוידט; ווען מיר זאָגען, אז ער איז קלוג, מיינען מיר אין דער אמת'ן, אז ער איז ניט דאָס, וואָס מיר רופען נאַריש; ווען מיר זאָגען, אז גאָט האָט א ווילען, מיינען מיר, אז ער איז ניט געצוואונגען אין זיין טהעטיגקייט פון אַנדערע סיבות. אַלע „תוארים" פון גאָט דאַרפען פערשטאַנען ווערן ניט אַלס פּאָזיטיווע, נאָר אַלע נעגאַטיווע. דורך

*) ואם כן הוא נמצא ולא במציאות, וכן חי ולא בחיים, ויודע לא במדע, ויכול לא ביכלת, וחכם לא בחכמה (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק נ"ז).

די נעגאציאָנען קענען מיר קריגען א מעהר אָדער וועניגער קלאָהרען בעגריעף פון איהם; וואָס מעהר „ניטס“ מיר וועלען זאָגען וועגען איהם, אַלץ נעהענטער וועלען מיר קומען צום אמת. ווען מיר פּרובירען אָבער זאָגען, וואָס ער איז יאָ, בעגעהען מיר שוין דערמיט גופא א זינד, ווייל מיר שרייבען צו איהם צו אונזערע בעגריפע און אונזערע פערגלייכונגען, און אויף אַזאַ אָרט בעגרענצען מיר איהם. וואָס מעהר שבחים, וואָס מעהר פּאָזיטיווע אייגענשאַפטען, וואָס מעהר מעלות מיר שרייבען איהם צו, אַלץ ערגער איז עס. דער רמב"ם איז דאָרום בייז אויף די רעליגיאָנס־פּאָעטען, וואָס האָבען אין זייערע תפילות אריינגעטהאָן אַזוי פיעל שבחים און מעלות פון גאָט, „מיינענדיג, אַז דערמיט וועלען זיי איהם בעאיינפלוסען“. ער רופט זיי נאַרען און זאָגט, אַז אין מאַנכע פון זייערע ליעדער געפינען זיך אַזעלכע נאַרישקייטען. „וואָס מען וואָלט געמעגט דערפון לאַכען, ווען דער פערשטענדיגער וואָלט ניט געדאַרפט וויינען, וואָס אַזעלכע זאַכען זאָגט מען וועגען גאָט“ (מו"נ חלק ראשון, פּרק נ"ט).

אין זיין לעהרע וועגען די געטליכע אייגענשאַפטען איז דער רמב"ם געגאַנגען ווייטער, ווי אירגענד וועלכער פון די אידישע פילאָזאָפען פאַר איהם. וועלענדיג אויסמיידען אירגענד עטוואָס, וואָס קען אויפ'ן ווייטסטען אופן פערשטאַנען ווערען אַלס א פּנימה אין גאָט'ס איינהייט און אין זיין אונקערפּערליכקייט, איז דער רמב"ם געקומען צו א גאָט'ס בעגריעף, וועלכער איז טרוקען, שטרענגלאָגיש, קאַלט און פרעמד צום מענשליכען האַרץ און אונבעגרייפליך פאַר דעם מענשליכען שכל, — א ריינע, קאַלטע אַבסטראַקציע. „דאָס איז דער גאָט פון אַריסטאָטעלעס, ניט דער גאָט פון אברהם“, וואָלט ר' יהודה הלוי אויף דעם געזאָגט.

דעם רמב"ם איז, אמת, געלונגען דורך אַלערליי אויסטייטשונגען אריינצוקוועטשען דעם דאָזיגען גאָטעס־בעגריעף אין דער ביבעל און אין דעם תלמוד, אָבער זיינע געגנער

זיינען ניט געווען איינגאַנצען אונגערעכט, ווען זיי האָבען אין דעם געזעהן אַ געפאַהר פאַר'ן קיום פון דער אידישער אמונה. פיהרט מען צו דעם רמב"ם'ס גאָטעס־בעגריעף צו זיינע לאָגי־שע קאָנזעקווענצען בלייבט איבערהויפּט קיין פּלאַץ ניט פאַר „ענטפּלעקונג" פאַר אירגענד וועלכע פּראַקטישע רעליגיאָן . . . דער רמב"ם איז ניט געגאַנגען אַזוי ווייט, ער האָט זיך ווי דערשראָקען פאַר די לאָגישע אויספיהרונגען פון זיינע בע־הויפּטונגען. ער האָט זיך אַ קירעווע געטהאָן אַז אַ זייט, אנערקענענדיג אי „ענטפּלעקונג", אי תפילות, אי השגחה. אַזוי ווי גאָט איז פאַר אונז אונבעגרייפליך, קענען די אַלע זאַכען פאָרקומען אויף אַ וועג וואָס איז אונבעגרייפליך פאַר אונז. אין דעם איז דאָ אַ געוויסע לאָגיק, אָבער וועלכע איז ניט געווען בעפריעדיגענד פאַר זיינע געגנער. „ער האָט גע־וואָלט פעראייניגען די תורה מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע צו מאַכען פון זיי איין געצעהלט; ער האָט געמיינט, אַז די ערשטע מיט די צווייטע זיינען אַ צווילינג, און עס האָט זיך אויסגעלאָזען אַ בראָך און אַ קלאָג. זיי קענען ניט לעבען צוזאַמען ווי שוועסטער, ווייל די אידישע פרויען זיינען ניט ווי די עגיפּטישע**), שרייבט דער געלעהרטער דאָקטאָר ר' יהודה אבן־אלפאכאר צו ר' דוד קמחי.

* * *

ניט ווייניגער ראַדיקאַל וויא דעם רמב"ם'ס אַטריבוטען־לעהרע זיינען אויך זיינע לעהרען בנוגע די אַנדערע וויכטיגע רעליגיעזע פראַגען, וועלכע ער בעצייכענט מיט דעם נאָמען „סתרי תורה".

פילע מענשען ווערען געשטרויכעלט, ווען זיי קומען צו דער פראַגע פון דעם תכלית פון דעם „זיין" (מציאות). האָט דאָס „זיין" אַ תכלית? איז דאָ אַ ציעל אין דער עקזיסטענץ פון דעם אוניווערזום?

---

*) למען העמיד התורה עם חכמה היונית יחד, לחבר את האהל להיות אחד. ודמה היות הראשונה עם השניה כשני עפרים תאמי צביה, והיתה תאניה ואניה. ולא נשא אותם הארץ לשבת יחדו להיות כשתי אחיות, כי לא כנשי המצריות העבריות.

דיא פראגע דארף גוט פערשטאנען ווערען. עס האנדעלט זיך דא ניט וועגען דעם, צו יעדע איינצעל־זאך אין דעם אוניווערזום האט א תכלית? צו עס איז דא א סדר, אן ארדנונג און א צוזאמענהאנג אין די אלע נאטירליכע ערשיינונגען פון דער וועלט? יעדע איינצעל־זאך וואס איז, מוז זיין, ווייל דיא נאטור מהוט קיין זאך ניט אומזיסט. עס איז דיא אויפגאבע פון דיא נאטור וויסענשאפטען אויסצו־געפינען דיא דאזיגע פונקציאנען אדער תכליתים. א מענש האט פיס צום געהן, הענד צו ארבייטען, אויגען צו זעהן און אזוי כסדר.

מען קען נאך אויך געפינען א תכלית פאר דער עקזיסטענץ פון דיא גאנצע מינים. כאטש דאס איז שוין פערבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען. מען קען זאגען, וויא אריס־טאטעלס בעהויפטעט, אז דער תכלית פון דער עקזיסטענץ פון דעם מין איז, כדי ער זאל קענען דערגרייכען דיא העכסטע מדרגה פון דער ענטוויקלונג. דער פראצעס פון דעם לעבען און אונטערגעהן (התמדת ההויה וההפסד) פון דיא יחידים פון דעם מין מענש, למשל, איז נויטהיג, כדי דער גאנצער מין מענש זאל זיך אלץ מעהר און מעהר ענטוויקלען, זאל דער־גרייכען אלץ א העכערע און א העכערע מדרגה. עוואלוציע איז דער ריכטונג פון פראגרעס איז דער לעצטער תכלית אין דעם מין מענש וויא אויך אין דיא אנדערע מינים.

דיא פראגע איז אבער: צו איז דא אן ענדליכער ציעל (תכלית אחרונה) אין דער עקזיסטענץ פון דעם גאנצען אוניווערזום? צו איז דא אזא צו־וואס און צו דארף מען אזא ענדליכען ציעל זוכען און צו קען מען איהם געפינען?

דער רמב"ם ענטפערט: ניין. אזא ענדליכער תכלית איז ניטא. פאר דיא וואס גלויבען וויא אריסטאטעלס, אז דיא וועלט איז פון אויביג, קען גאר אזא פראגע ניט זיין. אויב דיא וועלט איז פון אויביג און איז ניט בעשאפען געווארען, הייסט דאך עס, אז איהר עקזיסטענץ איז אן אונפערמיידליכע (מחוייב המציאות), און ביי א זאך וואס עקזיסטירט לויט איהר אייגענער נאטור נאך על פי נויטהווענדיגקייט איז ניט

שייך קיין תכלית. איהר עקזיסטענץ איז ניט אבהענגיג פון קיינעם׳ס ווילען און קען דארום ניט האבען קיין כונה אדער תכלית.

אויב מען זאל אפילו אננעהמען, אז דער אוניווערזום איז א בעשאפענער, וואס דאס, זאגט דער רמב״ם, איז אונזער מיינונג, דארף מען אלץ ניט זוכען קיין תכלית צו זיין עקזיס־טענץ. עס געפינען זיך פיעלע, וואס דיינקען, אז דער תכלית פון דער שעפפונג איז דער מענש, וועלכער דארף דיענען גאט; זיי מיינען, אז אלץ וואס עס איז געטאהן געווארען איז פון זיינטוועגען; אז זאגאר דיא „גלגלים“ דרעהען זיך צוליעב זיינע נוצען און צו בעפריעדיגען זיינע בעדירפניסע. אין מאנכע שטעלען פון דיא נביאים, ווען מען זאל אויסטייטשען זייערע ווערטער אין פראסטען פשט, קען מען אויך געפינען דיא דאזיגע מיינונג. דאס איז אבער א טעות. אויב דער מענש איז דער תכלית פון דער וועלט, טא פאר וואס האט גאט ניט בעשאפען דעם מענשען אליין אהן, לאמיר זאגען, דיא הימלען? אויב מיר זאלען שוין אפילו אננעהמען, אז אלץ איז צוליעב דעם מענשען, און דער תכלית פון דעם מענשען איז צו דיענען גאט, טא וואס איז דער תכלית פון דיענען גאט? וואס האט גאט דערפון, ווען מען דיענט איהם און וואס פעהלט איהם, ווען מען דיענט איהם ניט? און אויב אימיצער וועט זאגען, אז דאס איז ניט פון גאט׳ס וועגען, נאר פון אונזערט וועגען, וויל דאס איז גוט פאר אונז, וואס מיר ווערען דורך דעם דיענען צו גאט מעהר פערפאלקאמענט, — בלייבט אלץ דיא פראגע: וואס איז דער תכלית פון אונזער זיין פערפאלקאמענט? מיר מוזען סוף כל סוף זאגען, אז אזוי האט גאט געוואלט, אזוי האט גוזר געוועזען זיין חכמה. וואס דאס מיינט, אז מיר קענען קיין תכלית ניט געפינען.

מיר דארפען ניט זאגען, אז אלץ וואס עס עקזיסטירט איז צוליעב דעם מענשען. יעדע זאך האט זיך איהר אייגענע עקזיסטענץ־בערעכטיגונג. עס איז ניט קיין פראגע פון תכלית; עס איז א פראגע פון ווילען. פונקט וויא גאט האט געוואלט, אז דער מין מענש זאל זיין, אזוי האט ער אויך געוואלט,

אז דיא הימלען און זייערע הערשאפטען, דיא מלאכים און אלע עקזיסטירענדע זאלען ז י י ן.

א מענש דארף ניט געגארט זיין און זיך איינריידען, אז דיא „גלגלים“ און דיא מלאכים זיינען בעשאפען געווארען פון זיינטוועגען. דיא אויבערשטע וועלטען, דיא גלגלים און דיא שטערען זיינען אזוי גרויס און אזוי ערהאבען; דער מענש איז אזוי קליין און נישטיג לגבי זיי, אז עס איז פשוט אונמעגליך, דאס ער זאל זיין דער עיקר און זיי דער טפל. „דיא העכערע זאך ווערט ניט בעשאפען אלס א כלי פאר דער ניעדעריגערער זאך“. ביי גאט איז איבערהויפט ניט שייך קיין תכלית, און אזוי וויא מיר קענען ניט זוכען דעם תכלית פון גאט'ס עקזיסטענץ, אזוי קענען מיר אויך ניט זוכען דעם תכלית פון זיין ווילען. (זעה מורה נבוכים. חלק שלישי, פרק י"ג, י"ד).

דער מענש איז אלזא, לויט דעם רמב"ם, ניט דיא קרוין פון דער שעפפונג, ניט דער תכלית פון דער בריאה, נאר בלויז א טהייל פון איהר, און ניט זעהר קיין וויכטיגער טהייל אין פערגלייך מיט דעם גאנצען אוניווערזום, כאטש ער איז דער וויכטיגסטער טהייל אויף אונזער קליינער ערד שוין דערמיט גופא, וואס ער בעזיצט דעם שכל.

אראפרייסען פון דעם מענשליכען קאפ דיא קרוין, וואס ער האט זיך אליין אנגעטאהן איז דאמאלס געווען א געוואג-טער שריט, און דער רמב"ם האט עס געוואגט. דער אויפ-מערקזאמער לעזער וועט בעמערקען, אז דעם רמב"ם'ס מיינונג וועגען דעם תכלית פון דער וועלט איז דיא זעלבע וויא אריס-טאטעלס'עס. דער אונטערשיעד איז נאר, וואס דער רמב"ם האלט אז דיא וועלט איז בעשאפען געווארען. בכלל קען מען זאגען, אז דער רמב"ם האלט זיך אן דיא לעהרען פון אריסטא-טעלס'ען אפילו דארטען, וואו ער געהט זיך פערנאנדער מיט איהם אין געוויסע פונקטען. ער זוכט דורכצופיהרען דיא אריסטאטעלשע פרינציפען פון זיין, פון דעם רמב"ם'ס, אייגענעם שטאנדפונקט, פון דעם שטאנדפונקט, אז דיא וועלט איז בעשאפען געווארען. דאס זעהט מען אויך ארויס פון זיינע

לעהרען וועגען „השגחה". וועגען פרייען ווילען. וועגען נבואת און דערגלייכען.

* * *

עס זיינען פאראנען פינף מיינונגען וועגען דער פראגע פון השגחה:

1) דיא ערשטע מיינונג איז, אז עס איז קיין השגחה איבערהויפט ניטא, אז אלץ איז א צופאל. דאס איז דיא מיינונג פון ע פ י ק ו ר ע ן און זיין שוהלע.

2) דיא צווייטע מיינונג איז, אז אויף מאנכע זאכען איז דא אז השגחה און אויף מאנכע ניט. דאס איז דיא מיינונג פון אריסטאטעלס'ען. די העכערע וועלטען, וועמעס אינדיווידו־עלע עקזיסטענץ איז אייביג און ביי וועלכע עס קומען ניט פאר קיינע ענדערונגען, זיי זיינען שטענדיג אונטער דער אויפזיכט פון גאט. אונטער דעם ווארט „השגחה" ווערט פערשטאנען גאט'ס השפעה לויט דער נאטור פון דיא זאכען. זיי, דיא גלגלים, זיינען אייביג אין זייער נא־טור און גאט'ס השגחה אדער גאט'ס השפעה איז שטענדיג מיט זיי, אז זיי זאלען בלייבען אין דעם צושטאנד וואס זיי זיינען. אויף אונזער וועלט אבער, אויף דיא וועלט פון ענדערונגען, פון זיין און פערגעהן, איז גאט'ס השגחה בלויז אויף דיא גאנצע מינים, אבער ניט אויף דיא איינצעלנע, ווייל נאר דער מין איז אייביג לויט זיין נאטור נאר. אבער ניט דער יחיד פון דעם מין. אלץ וואס פאסירט מיט דיא יחידים איז א צופאל, און עס איז קיין חלוק ניט, צו עס ווערט צוטראטען א מילבען־נעסט אדער עס ווערט איינגעפאלען א געביידע, וואו מענשען זיינען מתפלל צו גאט. עס איז ביי איהם, ביי אריסטאטעלס'ען, קיין אונטערשיעד ניט, צו א קאץ צורייסט א מויז אדער א הונגעריגער לייב צורייסט א נביא. גאט'ס השגחה קען נאר זיין אויף דאס, וואס איז אייביג, שטענדיג און אונפערענדבאר, ווייל ער אליין איז אזוי. אויף דיא איברינע קען ניט זיין גאט'ס השגחה. און דאס הייסט בשום אופן ניט א פערמינדערונג פון גאט'ס קענען, ווייל עס

זיינען פאראנען זאכען, וואס זיינען לויט זייער נאטור נאך אונמעגליכקייטען (נמנעים). מען קען ניט זעהן קיין בע־גרענצונג אין גאט׳ס קענען דערפאר, למשל, וואס ער קען ניט מאכען נאך אזא גאט וויא ער איז, אדער מאכען אז ער גופא זאל ניט זיין, אדער אז ער זאל ווערען א קערפער אדער זיך ענדערען.

3) דיא דריטע מיינונג איז, אז אויף דער גאנצער וועלט איז קיין שום צופאל ניטא; אז אלץ איז פון פאראויס בע־שטימט. דאס איז דיא מיינונג פון דיא אשאריאיטען. דער ווינט, וואס האט איינגעווארפען דיא הויז, וואו מענשען האבען מתפלל געווען, איז ניט קיין צופאל. דער ווינט האט געמוזט קומען אין יענער צייט אויף יענעם פלאץ, ווייל אזוי איז בעשטימט געווארען פון גאט. קיין פרייער ווילען איז ניטא. דאס וואס ראובן שטעהט און שמעון געהט ווען ער וויל איז ער נאר פריי לויט אונזער השגה נאך. אין דער אמת׳ען האט דער איינער געמוזט שטעהן און דער אנדערער — געהן.

4) דיא פיערטע מיינונג איז, אז דער מענש איז פריי אין זיין אויסוואהל. דאס איז דיא מיינונג פון דיא מו־טאזילימען. זיי גלויבען אויך, אז גאט וויים אלץ און גיט אויף אלץ אכטונג. ער וויים ווען דער מילבען־נעסט ווערט צוטראטען און ווען דער בלאט פון בוים פאלט ארונטער. איז דאך דיא קשיא, וויא קומט עס, אז אנדערע מענשען ווערען געבוירען קאליקעס איידער זיי האבען געזינדיגט? וויא קומט עס, אז דער פרומער ליידט צרות? פערענטפערען זיי דיא דאזיגע פראגען דערמיט, אז דאס איז פון זייער טובה וועגען, כדי זיי זאלען האבען עולם־הבא. זיי געהען נאך ווייטער און בעהויפטען, אז דיא געשאכטענע אונשולדיגע בהמה, אפילו דער געטויטעטער פליי אדער „כנה" וועט קריגען בעצאהלט פאר דיא יסורים אויף יענער וועלט...

איך קען ניט, זאגט דער רמב"ם, בעשולדיגען דיא דאזיגע דריי כתות פאר זייערע מיינונגען וועגען דער השגחה. יעדע פון זיי האט שטארקע גרינדע, וואס האט זיי געצוואונגען צו

זייערע מיינונגען. אַריסטאָטעלס האָט זיך געוואָלט האַלטען אַז דיא געזעצע פון דער נאַטור. דיא אַשאַריטען האָבען ניט געוואָלט בעגרענצען גאָט'ס וויסען און חכמה; דיא מוטאַזיליטען האָבען ניט געקענט צוגעבען, אַז גאָט איז אַ בעל־עולה.

5) דיא פינפטע מיינונג איז, אַז דער מענש האָט אַ פרייען ווילען, גאָט האָט איהם בעשאַנקען דערמיט. ביי גאָט איז אונמעגליך אַז אונרעכט. און יעדער זאַך פּאַסירט על פּי גערעכטיגקייט. אפילו ווען אַ מענש שטעכט זיך איין מיט אַ דאָרן און האָט דערפון יסורים איז עס אַ שטראָף. ניט אַלע מאָל, אמת, פערשטעהען מיר גאָט'ס וועגען, אָבער דאָס איז, ווייל אונזער פערשטענדניס איז בעגרענעצט און ניט חס ושלום, ווייל גאָט בעגעהט אַן אונרעכט. דאָס איז דיא מיינונג פון דער תורה. מיין מיינונג וועגען דער פראַגע איז, זאָגט דער רמב"ם, און דאָס איז דיא אמת'ע כונה פון דער תורה, אַז עס איז יע דאָ אַ געטליכע השגחה אויף אונזער ערד, אָבער אַז זיא בעציהט זיך בלויז אויף דעם מענשען. וועגען די אַנדערע לעבעדיגע, דיא געוויקסען און דיא איבריגע, האַלט איך זיך אַן אַריסטאָטעלס' מיינונג. איך גלויב ניט, אַז דער בלאַט פון בוים פאַלט דורך גאָט'ס השגחה; איך גלויב ניט, אַז דער שפּין פערכאַפּט דיא פליעג מיט גאָט'ס השגחה; איך גלויב ניט, אַז דיא פיש האָט איינגעשלונגען דעם ווערימעל דורך גאָט'ס ווילען. דיא דאָזיגע אַלע פּאַסירונגען זיינען לויט מיין מיינונג, וויא עס איז אויך אַריסטאָטעל'ס מיינונג, ריינע צופעלע (מקרים). וויא איך פערשטעה דיא געטליכע השגחה, איז עס אַ דירעקטע ווירקונג פון גאָט'ס השפעה. דער מין, וואָס בעזיצט דיא דאָזיגע השפעה, וואָס בעזיצט דעם שכל און וויים אַלץ וואָס אַ בעל שכל קען וויסען, בלויז צו איהם קען זיך די השגחה בעהעפטען. דאָס מיינט ניט אַז איך פערקלענער גאָט'ס קענען; איך מיין אָבער, אַז גאָט'ס השגחה איז אַ המשך פון זיין שכל און קען זיך בעהעפטען נאָר צו אַ בעל־שכל. דערפון איז געדרונגען, אַז דיא געטליכע השגחה איז ניט אויף אַלע מענשען גלייך.

וואס העכער דער מענש איז, וואס מעהר זיין שכל איז ענט־וויקעלט, אלץ מעהר ליגט זיך אויף איהם דיא השגחה. דער פראסטער, אונענטוויקעלטער מענש, וועמענס שכל איז אויף א ניעדעריגע מדרגה, איז אין דער הינזיכט גלייך צו דער בהמה (מורה נבוכים, חלק שלישי, פרק ט״ו, ט״ז, י״ז, י״ח).

דעם רמב״ם׳ס מיינונג וועגען השגחה איז דיא מיינונג פון אריסטאָטעל׳סען. דער איינציגער אונטערשיעד איז וואס לויט דעם רמב״ם איז אויך דא השגחה אויף דעם מענשען, און דאס בלויז אויפ׳ן העכערען מענשען. גרינדענדיג זיך אויף אריסטאָטעלסען, וועלכער בעטראכט דיא געטליכע השגחה אלס א המשך פון דעם געטליכען שכל׳דיגען דיינקען. קומט דער רמב״ם צום שלוס, אז דיא דאָזיגע השגחה מוז אויך אנגעווענדעט ווערען אויף דעם מענשען, וואס איז א בעל שכל. *) דער רמב״ם בעקעמפפט דעם געדאנק, אז גאָט׳ס השגחה ליגט זיך בלויז אויף דעם מ י ן און ניט אויף דעם יחיד. דא איז ער א מעהר לאָגישער אריסטאָטעליאנער וויא אריסטאָטעלס גופא. דער מין איז בלויז אן „אידעע״, א פארשטעלונג פון אונזער שכל, וועלכער האט אבער ניט קיין ווירקליכע עקזיסטענץ. וויא קען גאָט׳ס השגחה זיין אויף דאס, וואס עס עקזיסטירט ניט? דיא השגחה מוז דארום זיין אויף דיא יחידים פון דעם מין, נאטירליך אויף דיא וואס האבען דערגרייכט דיא נויטהיגע מדרגה. (ולא יתכן שנאמר שהשגחה מינית לא אישית... אחר שאין שום נמצא ח ו ץ ל ש כ ל בלתי האישים, ובאלו האישים נדבק השכל האלהי,

---

*) עס איז כדאי צו בעמערקען, אז דעם רמב״ם׳ס קאָמענטאטאר ש ם ־ ט ו ב, זאגט גלייך אויפ׳ן פלאץ, אז דעם רמב״ם׳ס מיינונג וועגען השגחה איז דיא אריסטאָטעלישע, און אז אריסטאָטעלס האט גאר קיינמאל ניט געזאגט, אז גאָט׳ס השגחה ענדיגט זיך אויף אונזער וועלט. אריסטאָטעלס מיינט אויך, לויט ש ם ־ ט ו ב, אז דער „אדם השלם״, דער הויך־ענטוויקילטער מענש, איז דירעקט אונטער גאָט׳ס השגחה, און טאקע צוליעב דעם זעלבען טעם, וואס דער רמב״ם גיט אן (מורה נבוכים חלק שלישי, פרק י״ח, ש ם ־ ט ו ב).

אם כן ההשגחה אמנם היא ב א י ש י ם האלה. (מו"נ חלק ג׳, פרק י"ח).

* * *

ווענען דעם ענין פון גאט'ס וויסען, גלויבט דער רמב"ם, אז גאט ווייס אלץ, מיט אלע פרטים, פון פאראויס. און אז דאס שטערט פון דעסטוועגען ניט דיא פרייע ברירה פון דעם מענשען. גאט'ס וויסען איז אין גאנצען אנדערש וויא אונזער וויסען. „אונזער וויסען נעהמט זיך פון דיא ערפאהרונגען און פאסירונגען; וואס מעהר ערפאהרונגען, אלץ מעהר וויסען. ביי גאט זיינען אלע שפעטערע פאסירונגען א המשך פון זיין פריהערדיגען וויסען. א רעזולטאט פון זיין „מהות". גאט קריגט אלזא ניט קיין נייעם וויסען און ניט קיין צוגעקומענעם וויסען (מו"נ, חלק שלישי, פרק כ"א). גאט'ס וויסען איז ניט בע-שטימענד; זיא שליסט ניט אויס דיא מעגליכקייט פון אויס-וואהל. וויא אזוי דאס איז מעגליך, קענען מיר ניט וויסען, ווייל דאס איז העכער פון אונזער השגה, ווארים קוים וואלטען מיר פערשטאנען דיא נאטור פון אזא וויסען, וואלטען מיר דאך אויך געהאט דעם דאזיגען וויסען. פונקט וויא מיר קענען ניט בעגרייפען דעם מהות פון גאט אזוי קענען מיר אויך ניט בעגרייפען דעם מהות פון זיין וויסען, ווייל זיין וויסען איז ער.

די אלע שוועריגקייטען פון דער דאזיגער פראגע שטאמען דערפון, וואס מיר מישען צונויף אונזער וויסען מיט גאט'ס וויסען. מיר קענען ניט וויסען א צוקינפטיגע פאסירונג, סיידען ווען זיא איז אונפערמיידליך; דערפאר מיינען מיר, אז אויך גאט'ס וויסען פון דער צוקונפט מאכט צוקונפטיגע פאסירונגען אונפערמיידליך. אין דער אמת'ן זיינען אונזער וויסען און גאט'ס וויסען צוויי גאנץ בעזונדערע זאכען, וואס האבען צווישען זיך קיין שום שייכות ניט. מיר געברויכען דעם זעלבען ווארט, ווייל מיר האבען ניט קיין בעסערען. (מו"נ, חלק שלישי, פרק כ׳, כ"ג).

* * *

דיא מיינונגען וועגען דער נבואה, זאגט דער רמב"ם, זיינען דא דריי:

1) דיא מיינונג פון דעם נארישען המון, וועלכער גלויבט, אז גאט קען אויסקלייבען וועלכען מענשען ער וויל און מאכען איהם פאר א נביא, גאנץ גלייך צו ער איז א חכם אדער א נאר, יונג אדער אלט. ער דארף בלויז זיין א מענש פון גוטע מדות.

2) דיא מיינונג פון דיא פילאזאפען, וועלכע איז, אז נבואה איז א בעשטימטע פערפאלקאמענונג פון דער מענש־ליכער נאטור. דיא דאזיגע פאלקאמענהייט קען נאר עררייכען דער יעניגער, וועלכער האט געלערנט און געשטודירט, וועל־כער האט אויף אזא ארט ארויסענטוויקעלט זיין שכל פון מעגליכקייט אין ווירקליכקייט. לויט דער דאזיגער מיינונג קען א מענש זיך ניט לייגען שלאפען א פראסטער מענש און ערוואכען א נביא, אזוי וויא ער וואלט געפונען א מציאה. דער מענש וואס איז פאלקאם אין זיין שכל, אין זיינע גוטע מדות און אין דעם כח פון זיין פאנטאזיע, יענער איז דער נביא. יענער מוז זיין דער נביא, ווייל יעדער מענש וואס איז אויף אזא אופן פארבערייטעט מוז זיין א נביא.

3) דיא דריטע מיינונג, און דאס איז דיא מיינונג פון דער תורה, וויא דער רמב"ם מיינט, איז דיא זעלבע וויא דיא מיינונג פון דיא פילאזאפען, מיט דעם קליינעם אונטערשיעד, וואס עס קענען זיך געפינען מענשען, וועלכע זיינען פארבע־רייטעט און ראוי צו נבואה און פון דעסטוועגען זיינען זיי ניט קיין נביאים. דיא פארבערייטונג אליין איז נאך ווייניג; עס דארף דערביי זיין אויך גאט'ס ווילען. ווארום דאס איז אזוי, איז איינע פון דיא זאכען וואס מיר פערשטעהען ניט. לויט דער נאטור פון דעם ענין דארף יעדער מענש, וואס איז פארבערייטעט דערצו זיין א נביא. (מורה נבוכים, חלק שני, פרק ל"ב).

נבואה איז אן השפעה פון גאט דורך דעם „שכל הפועל" פריהער אויף דעם מענשליכען שכל און דערנאך אויף זיין פאנטאזיע. דאס איז דיא העכסטע מדרגה וואס דער מענש קען דערגרייכען. דער נביא איז דער אמת'ער „אדם השלם", דער פאלקאמענער מענש. ווען דיא השפעה איז בלויז אויפ'ן שכל, דאן איז דער מענש נאר א חכם; ווען דיא השפעה איז

אי אויפ'ן שכל און אי אויף דער פאנטאזיע, דאן איז ער א נביא; ווען דיא פאנטאזיע אליין איז ענטוויקעלט, דאן איז ער א שטאאטס־מאן, א געזעצגעבער, א צויבערער און א שווארץ-קינסטלער (מו"נ חלק שני, פרק ל"ו, ל"ז).

דער רמב"ם פערברייטעט זיך זעהר פיעל וועגען נבואה. ער טהיילט איין דיא נביאים אין מדרגות, וואס זיינען איינע העכער פאר דיא אנדערע. דיא נבואה פון מ ש ה'ן איז א קלאס פאר זיך, העכער פון דיא אלע אנדערע, וועלכע קיין מענש א חוץ איהם האט ניט דערגרייכט.

דער רמב"ם זוכט צו ערקלעהרען נבואה אויף א נאטירליכער וועג. דער תמצית פון זיינע רייד איז, אז דער נביא איז בלויז דער „אדם השלם" ביי וועמען אלע זיינע פעהיגקייטען, סאי דער שכל, סאי די פאנטאזיע, זיינען ענטוויקעלט אויף דער העכסטער מדרגה. דיא נבואה קומט אויפ'ן מענשען על פי רוב אין חלום אדער ווען ער געפינט זיך אין אן עקסטאטישען צושטאנד אויף דער וואהר. דאן איז דיא פאנטאזיע פריי און זיא ווערט ניט געשטערט פון דיא חושים. דאס איז וואס ער האט זיך פערטיעפט און דורכגעטראכט מיט זיין פאלשטענדיג ענטוויקעלטען שכל, ווען ער איז אויף דער וואהר, זעהט ער אין בילדער און אין געשטאלטען דורך זיין פאלשטענדיג ענטוויקעלטער פאנטאזיע אין חלום אדער אין א חלום-עהנליכען צושטאנד. דיא איינציגע אויסנאהמע איז משה רבינו, וועלכער האט געזעהן זיינע נביאות אלע מאל אויף דער וואהר.

* * *

אין „מורה נבוכים" איז נימא קיין ספעציעלע אבהאנדלונג איבער „השארת הנפש" (אונשטערבליכקייט). פון פערשיעדענע שטעלען אין דעם מורה נבוכים גופא און אין רמב"ם'ס אנדערע ספרים, קען מען אויסגעפינען זיין מיינונג וועגען דעם (זעה „שלטון השכל" פון א ח ד ה ע ם).

דיא אלע „גלגלים" זיינען לעבעדיגע און האבען בעזונדערע נשמות, וועלכע הייסען „שכליים נפרדים". דער ניעדריגסטער „גלגל", אונזער וועלט פון אונטער דער לבנה,

האט אויך א נשמה, וועלכע הייסט „שכל - הפועל". דיא מענשליכע נשמה, דער שכל'דיגער טהייל פון איהר, שטאמט אב פון דעם דאזיגען „שכל הפועל" (מו"נ, חלק שני, פרק ד').

ווען דער מענש קריעגט דיא נשמה איז זיא בלויז אין א צושטאנד פון מעגליכקייט; זיא האט דיא מעגליכקייט צו ווערען א ווירקליכקייט; זיא בעזיצט אן הכנה, א פארברייטונג, צו ווערען א ווירקליכקייט. דאס קען זיא ווערען נאר דאן, ווען דער מענש מיט זיין שכל בעגרייפט דעם „שכל הפועל" און דורך דעם פעראייניגט ער זיך מיט איהם. דיא נשמה איז אלזא בלויז דאן אונשטערבליך, ווען זיא ווערט פעראייניגט דורך'ן שכל מיט דעם אייביגען „שכל הפועל". דער רמב"ם האלט זיך דא אן דעם זעלבען געדאנק, וויא אין זיין שיטה איבער השגחה. נאר דער הויך - ענטוויקעלטער מענש, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט דיא אייביגע פראגען און קען זיך פעראייניגען דורכ'ן שכל מיט דעם אייביגען „שכל הפועל" איז אונשטערבליך און אייביג. דיא מענשליכע נשמה אום צו ווערען אייביג דארף זיך קענען פעראייניגען מיט דער אייביגקייט. „דיא מענשליכע נשמות וואס בלייבען נאכ'ן טויט זיינען ניט דיא זעלבע, וואס דיא מענשען האבען גע-קראגען ביי זייער געבוירען. ביים געבוירען בעזיצט דיא נשמה בלויז א מעגליכקייט; דאס וואס בלייבט נאך דעם טויט איז שוין א ווירקליכקייט". *) דער מענש דורך זיין פארשען און שטודירען האט איהר ארויסגעבראכט „מכח אל הפועל". דערפון פאלגט, אז פרומקייט און גוטע מעשים אליין זיינען ניט גענוג, אז דער מענש זאל זיך ערווערבען אונשטערבליכקייט. דער עיקר איז דיא שכל'דיגע טהעטיג-קייט בנוגע דיא אייביגע עקזיסטענצען. גלויבען אליין זיין דיא דאזיגע אמת'ן איז ווייניג; עס איז דערצו נויטהיג דיא ט ה ע ט י ג ק י י ט פון שכל, ווייל נאר דורך דער דאזיגער ט ה ע ט י ג ק י י ט ווערט דיא נשמה ארויסגערופען אין דער ווירקליכקייט (זעה „שלטון השכל", פון אחד העם).

*) כי הנשמות הנשארות אחרי המות אינה הנשמה ההוה באדם כשיתהוה. שזאת ההוה בעת התהוותו היה כוח ההכנה לבד והדבר הנבדל אחר המות הוא הדבר המגיע בפועל (מו"נ חלק א', פרק ע').

עס פערשטעהט זיך, אז אזא משוגה'דיגע, אריסטאָקראַ־טישע און העכסט ברוטאַלע אַנזיכט פון אונשטערבליכקייט, וועלכע האָט פעראורטהיילט דיא גאַנצע מענשהייט צו פער־ניכטונג און האָט איבערגעלאָזען בלויז דיא יחידי־סגולה, דיא „איינציגע פון דור", האָט ארויסגערופען אַ פּראָטעסט און אַ שנאה געגען רמב"ם אין דיא אַלע קרייזען, וועלכע זיינען ניט פערבלענדעט געוואָרען פון דעם רמבם"ס גרויסקייט.

פון אַן עטהישען שטאַנדפּונקט איז עס באמת פיעל ערגער ווי אַ פאַלשטענדיגע אַבלייקענונג פון אונשטערבליכ־קייט. ווען אונשטערבליכקייט איז איבערהויפּט ניטאַ, דאַן זיינען מיר אַלע גלייכע יחסנים. ווען אונשטערבליכקייט ווערט אָבער געגעבען בלויז צו דיא פילאָזאָפען איז עס אַן אונערטרעגליכער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיזם.

עס איז אָהן צווייפעל, אַז דעם רמב"ם'ס פעראַכטונג צו דעם „המון" האָט פיעל בייגעטראָגען צו זיין אַנזיכט וועגען אונשטערבליכקייט. מען מוז אָבער צוגעבען, אַז ער איז דערצו געצוואונגען געוואָרען דורך זיין לאָגיק.

*　　*　　*

ווי עס איז שוין בעמערקט געוואָרען, האָט דער רמב"ם געגלויבט, אַז די אידען האָבען אין די אַמאָליגע צייטען גע־וואוסט פון די אמת'ע חכמות און די אמת'ע פילאָזאָפיע, וועלכע זיינען אָבער צוליעב די צרות און צוליעב דעם גלות פערגעסען געוואָרען. פון דער נייער אידישער פילאָזאָפיע האַלט ער גאַנץ ווענִיג. ער מאַכט בלויז אַן אויסנאַהמע מיט מאַנכע אידישע פילאָזאָפען פון א נ ד א ל ו ז י ע ן, ש פּ א נ י ע ן. עס איז ניט קלאָהר וועמען ער מיינט מיט דיא אַנדאַלוזיער פילאָזאָפען, אָבער עס ווייזט אויס, אַז ער מיינט דערמיט א ב ן ד א ו ד.

וועגען די אַנדערע אידישע פילאָזאָפען, „ווי מאַנכע פון די גאונים און איניגע פון דיא קאַראַאימען", זאָגט דער רמב"ם, אַז זיי האָבען זייערע מיינונגען און פילאָזאָפעריען איבערגענומען פון די מאַהאָמעדאַנער. דיא מאַהאָמעדאַנער,

ווידער האבען זיי איבערגענומען פון דיא קריסטליכע גריכען און סיריער.

ווען דאס קריסטענטהום האט זיך אנגעפאנגען צו פער־שפרייטען צווישען די דאזיגע פעלקער, דערצעהלט דער רמב"ם, האבען זייערע געלעהרטע גענומען איינזעהן, אז די נייע אמונה שטימט ניט איין מיט די לעהרען פון דער גרי־כישער פילאזאפיע. זיי האבען דעריבער גענומען אויסטייטשען דיא פילאזאפיע אזוי, אז זיא זאל זיך צופאסען צו דיא לעהרען פון זייער תורה. וואס עס האט זיך געפאסט פאר זייער אמונה אדער וואס איז ניט געווען אין געגענזאץ צו איהר האבען זיי אנגענומען; די איבריגע האבען זיי פאר־ווארפען. זיי, די דאזיגע געלעהרטע, האבען אפילו בעהויפ־טעט, אז זיי זיינען געקומען צו זייערע געדאנקען ניט ווע־רענדיג בעאיינפלוסט פון זייערע רעליגיעזע איבערצייגונ־גען. אבער דאס איז ניט אמת: אונבעוואוסט פאר זיך אליין האבען זיי אנגענומען דאס, וואס עס האט זיך גע־פאסט פאר זייער אמונה און פערווארפען דאס, וואס עס האט זיך ניט געפאסט.

ווען דער מאהאמעדאניזם איז ערשיענען און דיא מאהא־מעדאנער האבען זיך גענומען צו איבערזעצען די דאזיגע פי־לאזאפישע ספרים, האבען זיי אויך איבערזעצט די נייע פרושים און אויסטייטשונגען, מיינענדיג, אז דאס גופא בע־לאנגט צום פילאזאף (אריסטאטעל'ן). די אראבער האבען אלזא ניט געקראגען די ריינע אריסטאטעלישע פילאזאפיע. נאר מיט דיא הוספות פון די קריסטליכע גריכען און סיריען, זיי. פון זייער זייט, האבען ווידער גענומען אויסטייטשען די פילאזאפיע אזוי, אז זי זאל זיך פאסען צו זייערע רעלי־גיעזע מיינונגען.

דער רמב"ם רופט די דאזיגע פילאזאפען „מדברים" (מו־טאקאלימון). ווייל זיי האבען געזוכט צו צופאסען די פילא־זאפיע צו דעם וואָרט פון זייערע תורות. „דער סך הכל איז, אז די ערשטע „מדברים", סאי די קריסטליכע גרי־

כען סאי די מאהאמעדאנער, האבען זיך ניט גערעכענט אין זייער פילאזאפיע מיט דעם, וואס עס א י ז, נאר זיי האבען זיך געקלינגט אויסצוגעפינען ו ו י ע ס ד א ר ף ז י י ן, כדי עס זאל שטימען מיט זייער פריהערדיגער אנגענומענער מיינונג". *) זיי האבען ניט געבויט די טהעאריע לויט די פאקטען, נאר זיי האבען פערדרעהט די פאקטען צוליעב זייער טהעאריע.

דאס אליין וואלט שוין געווען גענוג פאר דעם רמב"ם צו פערווארפען זייער פילאזאפיע. א פילאזאפיע, וואס איז א דיענסט ביי דער אמונה, איז פאר איהם קיין פילאזאפיע ניט. דער מענשליכער שכל דארף ניט זיין געפענטעט אין זיינע פארשונגען צוליעב אנגענומענע מיינונגען און גלויבענס. דער רמב"ם, ווי מיר ווייסען שוין „טייטש אויך אוים". אבער ניט די פילאזאפיע, נאר דעם „געשריעבענעם ווארט"...

נאך דעם ווי דער רמב"ם גיט איבער אין קורצען די היסטאריע פון דער קריסטליכער גריכיש-סירישער און דער אראבישער פילאזאפיע, נעהמט ער זיך פערנאנדערגליעדערען און קריטיקירען די דאזיגע פילאזאפיע. זיין קריטיק איז טיעף, שארף און אונ'ברחמנות'דיג. ער בריינגט דארטען צוועלף הויפט יסודות, די לעצטע פון וועלכע איז זייער בעהויפטונג, אז מען קען זיך ניט פערלאזען אויף די חושים. „דאס", זאגט דער רמב"ם סארקאסטיש, „איז פאר זיי נויטהיג. ווען מען בעווייזט זיי, אז זייערע בעהויפטונגען שטימען ניט מיט דיא פאקטען וויא מיר ערפאהרען זיי דורך דיא חושים, האבען זיי א פארטיגען תירוץ, אז די חושים קען מען ניט טרויען" (מו"נ. חלק א', פרק ע"ג).

---

*) כלל, סוף דבר, כי כל המדברים הראשונים מן היונים המתנצרים ומן הישמעאלים לא נמשכו אחר הנראה מענין המציאות תחילה בהקדמותיהם, אבל י ש ת כ ל ו א י ך צ ר י ך ש י ה י ה ה מ צ י א ו ת עד שתהיה ממנו ראיה על אמתת זה הדעת (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק ע"א.

דאָן ברייננט דער רמב"ם זייערע בעווייזע, אז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען. ער ברייננט זייערע זיעבען אזעלכע ראיות און בעווייזט, אז זיי בעווייזען גארניט. דיא זיעבעטע ראיה איז: „אויב די וועלט איז פון אייביג, דאַן איז דאָך די צאָהל פון דיא געשטאָרבענע מענשען אונענדליך. דאָס וועט דאָך הייסען, אז עס עקזיסטירט אַן אונענדליכע צאָהל פון נשמות, און אַן אונענדליכקייט אין דער ווירקליכקייט איז דאָך אונמעגליך".

דער רמב"ם חוק'ט פון אזא מין „בעווייז" ; ער זאָגט: „דאָס איז אַ זאָנדערבאָרער וועג, וויא צו ערקלעהרען איין זאַך וואָס מען ווייס ניט מיט אַנאַנדער זאַך, וואָס מען ווייס נאָך וויינינגער. אויף דעם פּאַסט זיך דער בעקאַנטער ווער־טעל: דיין עדות ברויכט אַן עדות. ער ברייננט אַ ראיה פון אונשטערבליכקייט, אקוראַט ווי ער וואָלט אין דעם געוועזן זיכער, ווי ער וואָלט וויסען ו ו י עס בלייבט איבער און ו ו אָ ס עס בלייבט איבער. אויב די טענה איז געריכטעט געגען אזא פילאָזאָף, וואָס גלויבט אין דער אייביגקייט פון דער וועלט און גלויבט אין דער זעלבער צייט אויך אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה ,דאַן דאַרף מען דאָך פריהער וויסען, וואָס ער פערשטעהט אונטער אונשטערב־ליכקייט. מאַנכע פון די לעצטע פילאָזאָפען האָבען שוין די פראַגע פערענטפערט: די נשמות וואָס בלייבען זיינען ניט קיין קערפּערס, וואָס פערנעהמען פּלאַץ. און די אונמעגליכ־קייט פון אונענדליכקייט לייגט זיך דארום ניט אויף זיי". (מורה נבוכים, חלק ראשון, פרק ע"ד).

דאַן נעהמט זיך דער רמב"ם צו אַנאַליזירען זייערע באַ־ווייזע וועגען דער איינהייט פון גאָט. זייער ערשטער באווייז איז, אַז אויב עס וואָלטען געוועזן צוויי געטער, וואָלט געקענט מעגליך זיין, אַז אַ זאַך זאָל זיין אין איין און דער זעלבער צייט אין צוויי געגענגעזעצטע צושטענדע. אַ זאַך וואָלט, למשל, געקענט זיין אי וואַרעם אי קאַלט אין איינער און דער זעלבער צייט. וואַרעם, ווייל אזוי וואָלט געוועלט איין גאָט, און קאַלט,

ווייל אזוי וואָלט געוועלט דער צווייטער. דאָס איז דאָך אבער אונמעגליך.

דאָס. זאָגט דער רמב"ם. וואָלט געווען אַן ארגומענט, ווען מען זאָל זיך האַלטען אַן זייער טעאָריע פון אטאָמען, אַז די גאַנצע וועלט, די וועלט פון גלגלים און די וועלט פון אונטער דער לבנה, בעשטעהען פון די זעלבע מינים אטאָמען. ווי ווערט אבער זיין, ווען איינער האַלט זיך אַן די מיינונג פון אריסטאָ־טעלסען, אַז די וועלט פון די גלגלים באַשטעהט פון אַן אנדער מין מאַטעריע, פון דעם „פינפטען עלעמענט" ? דאַן קען מען דאָך זאָגען, אַז עס זיינען דאָ צוויי געטער : איינער וואָס איז ממונה אויף די אויבערשטע וועלטען און איינער וואָס האָט צו־זאָגען אויף דער אונטערשטער וועלט. אזוי אַנאַליזירט דער רמב"ם אַלע זייערע באַווייזע וועגען דער איינהייט פון גאָט און קומט צום שלום, אַז זיי האַלטען ניט אוים קיין קריטיק ((מו"נ, חלק א, פרק ע"ה).

דאַן געהט ער אריבער צו זייערע ראיות וועגען דער אונ־קערפערליכקייט פון גאָט. דער רמב"ם איז מיט זיי ניט צו־פריעדען : ער געפינט, אַז זיי זיינען נאָך שוואַכער, ווי זייערע ראיות וועגען גאָט'ס איינהייט (מורה נבוכים, חלק א, פרק ע"ו).

די גאַנצע פילאָזאָפיע פון די „מדברים" געפעלט ניט דעם רמב"ם. זייערע באַווייזע און זייערע ארגומענטען זיינען נאָר גוט פאַר מענשען, וואָס ווייסען ניט דעם חלוק צווישען דעם לאָגישען דענקען, וואָס איז באַגרינדעט אויף פאַקטען און פוסטע סאָפיזמען.

ווען עס וואָלט געקענט בעוויזען ווערן אַז די וועלט איז אַ בעַ־שאַפענע, וואָלט מען ניט געדאַרפט האָבען קיין אַנדער בעוויין אויף דער עקזיסטענץ פון גאָט. דאָס קען אבער ניט געטהאָן ווערען : „די שעפּפונג פון דער וועלט קען ניט בעוויזען ווערען מיט אַן אונבעשטרייטבאַרען בעוויין ; דאָס איז אַ זאַך, וואָס שטעהט העכער פון דעם מענשליכען שכל*.) וויבאַלד אבער.

*) שזאת השאלה, רצוני לאמר קדמות העולם או חדושו, לא יגיעו אליה במופת חותך ושהיא מעמד שכלי (מו"נ, חלק א', פרק ע"א.)

אז דאס קען ניט בעוויזען ווערען. טא ווי אזוי קענען מיר אויף דעם בויען די עקזיסטענץ פון גאט? עס וועט אויסקומען, אז אויב די וועלט איז א בעשאפענע איז דא א גאט און אויב די וועלט איז אן אייביגע, איז, חס ושלום, קיין גאט ניטא. „איך האלט זיך דעריבער אן די ארגומענטען פון די פילאזאפען (פון אריסטאטעלסען און זיינע תלמידים), וועלכע בעווייזען די עקזיסטענץ, די איינהייט און די אונקערפערליכקייט פון גאט אפילו ווען מען זאל אננעהמען, אז די וועלט איז אייביג. ניט ווייל איך גלויב, אז די וועלט איז אייביג, אין דעם געה איך זיך מיט די פילאזאפען פארנאנדער, אבער איך געברויך זייערע ארגומענטען. אין קורצען איז אזוי: די וועלט איז אדער אייביג אדער בעשאפען. אויב זי איז בעשאפען מוז זיין א גאט, ווארים א שעפפונג מוז האבען א שעפפער. אויב די וועלט איז פון אייביג, מוז בעוויזען ווערען, אז עס איז סאי-ווי־סאי פאראנען אן אונקערפערליכע, איין־איינציגע, אונפערענדער־בארע ערשטע אורזאכע, און דאס איז גאט". (מו"נ. חלק א. פרק ע"א).

פריהער פאר אלץ איז נויטיג צו בעגרינדען די עקזיסטענץ פון גאט אויף אזעלכע בעווייזע, וואו עס קענען גאר קיין חלוקי דעות ניט זיין, וועלכע זיינען בעגרינדעט אויף דער נאטור פון דער וועלט, בעווייזע וואס קומען ניט אין קאנפליקט מיט אונזערע חושים און אונזער שכל. געלינגט אונז דאס, קענען מיר זיך ערשט דאן נעהמען צו דער פראגע, צו די וועלט איז אן אייביגע אדער א בעשאפענע. דער רמב"ם בענוצט זיך דארום מיט די אריסטאטעלשע בעווייזע וועגען דער עקזיסטענץ פון גאט, אננעהמענדיג אויף א ווילע די השערה, אז די וועלט איז אן אייביגע. דאן, ווען ער ווערט פארטיג דערמיט, פערווארפט ער די אריסטאטעלשע השערה וועגען דער אייביגקייט פון דער וועלט און האלט זיך ביי דער מיינונג, אז די וועלט איז א בעשאפענע.

די וויכטיגסטע ראיה אויף דער עקזיסטענץ פון גאט, וואס דער רמב"ם געברויכט, איז אונז שוין בעקאנט. דעם זעלבען בעוויז האט שוין אברהם אבן־דאוד גע־

ברויכט פאר איהם. ער איז דער אריסטאָטעלישער בעוויז, וואס ווערט בעגרינדעט אויף דעם מעכאַנישען געזעץ פון בעוועגונג. יעדער קערפּער וואס בעוועגט זיך מוז האבען א בעוועגער; דער בעוועגער מוז האבען א צווייטען בעוועגער, דער צווייטער א דריטען און אזוי כסדר ביז מיר מוזען ענדליך קומען צו אונזער שכל צו דעם ערשטען בעוועגער, וואס מוז אליין בלייבען אונבעוועגט, ווארים אז ניט, מוז ער דאך אויך האבען א בעוועגער. דער דאָזיגער אונבעוועגטער בעוועגער איז גאָט.

דער רמב"ם געברויכט דעם זעלבען בעוויז וואס אבן־דאוד, אבער ער בעהאנדעלט איהם ברייטער, סיסטעמאַטישער און אויספיהרליכער. פריהער ברענגט ער זעקס און צוואנציג פּאָסטולאַטען (הקדמות). און אויף זיי בויט ער זיין לאָגישען בנין. אלע בעוועגונגען, וואס קומען פאר אויף דער וועלט, ענדיגען זיך מיט די בעוועגונגען פון די הימעלישע קערפּערס. לאָמיר נעהמען א ביישפּיעל: „דער שטיין ווערט בעוועגט פון שטעקען, דער שטעקען פון האנד, די האנד פון די מוסקולען, די מוסקולען פון די בלוט־געשיר, די בלוט־געשיר פון די נערוועז, די נערוועז פון די נאַטירליכע ווארעמקייט, די נאַטירליכע ווארעמקייט פון דעם בעל־חי. ער איז די ערשטע סבה פון דער בעוועגונג פון דעם שטעקען, אבער ער האָט דערביי א ציעל, לאָמיר זאגען, צו פערמאכען מיט דעם שטיין א לאָך, פון וואנען עס בלאָזט א ווינד. דער ווינד קומט פון די בעוועגונגען פון די הימעלישע קערפּערס (גלגלים). און ווען מיר קומען ענדליך צום „גלגל" מוז ער אויך האבען א בעוועגער.

דער דאָזיגער בעוועגר מוז זיין אדער אין דעם הימעלישען קערפּער אדער אויסערהאלב איהם. אויב ער איז אויסערהאלב איהם, מוז ער זיין אדער א קערפּער אדער ניט קיין קערפּער. אויב ער איז אין איהם, מוז ער זיין אדער א קראַפט וואס פערשפּרייט זיך איבער'ן גאנצען קערפּער אזוי ווי היץ און קען צוטיילט ווערען מיט דעם קערפּער, אדער א קראַפט וואס קען ניט צוטיילט ווערען, ווי די נשמה. אויב דער בעוועגער איז א קערפּער אויסערהאלב דעם

גלגל, מוז ער דאך גופא אויך האבען א בעוועגער און אזוי ביז דער אונענדליכקייט, וואס דאס איז אונמעגליך.

אויב דער בעוועגער איז א קראפט אין דעם גלגל גופא, קען דיא בעוועגענדע קראפט ניט זיין אונענדליך, ווייל דער גלגל איז א קערפער און א קערפער וואס איז ענדליך קען ניט ארויסגעבען קיין אונענדליכע קראפט: די בעוועגונג פון „גלגל" וואלט אויף אזא אופן געמוזט אויפהערען.

אויב אפילו די בעוועגענדע קראפט איז אן אונטיילבארע ווי די נשמה, קען די בעוועגונג אויך ניט זיין קיין אייביגע און שטענדיגע, ווייל א זאך וואס קען זיך אמאל יע און אמאל ניט בעוועגען, מוז זיך אמאל געפינען אין רוהע, ווען עס איז ניטא קיין אורזאכע וואס רופט ארויס די בעוועגונג.

מיר מוזען אלזא זאגען, אז דער בעוועגער פון די גלגלים איז א קראפט אויסערהאלב זיי, וואס ווערט אליין ניט בעוועגט. ער מוז אויך זיין איינער, אונענדליך, אונקערפערליך און אויך אויסערהאלב דער צייט, ווייל צייט איז נאר שייך, וואו עס איז דא בעוועגונג (מורה נבוכים, חלק שני, פרק א').

וואס אנבעלאנגט צו דער פראגע וועגען דער וועלט־שעפפונג, זאגט דער רמב"ם זיינען דא דריי מיינונגען:

1) די מיינונג פון דער תורה, אז אלץ, סאי די העכערע און סאי די נידעריגע וועלטען, איז בעשאפען געווארען פון גארניט. אפילו די צייט איז אויך בעשאפען געווארען, ווארים צייט איז דער אויסדרוק פון בעוועגונג, און ווען קיין בעוועגונג איז ניט געווען, האט אויך קיין צייט ניט געקענט זיין.

2) די צווייטע מיינונג איז די פלאטאנישע. די וועלט איז א בעשאפענע, אבער גאט האט איהר ניט געקענט בעשאפען פון גארניט. דאס איז אן אונמעגליכקייט פונקט ווי עס איז אונמעגליך, אז א זאך זאל זיין און ניט זיין אין איינער און דער זעלבער צייט; פונקט ווי עס איז אונמעגליך, אז גאט זאל בעשאפען נאך א גאט צו זיך; פונקט ווי עס איז אונמעגליך, אז גאט זאל מאכען, אז דער „אלכסון" פון א פיער־עק זאל זיין גלייך צו דעם זייט פון פיער־עק. דאס איז א נאטירליכע אונמעגליכקייט, וואס דאס בעווייזט בשום אופן ניט

א פערמינערונג אין גאט'ס ק ע נ ע ן. זיי זאגען דעריבער, אז עס האט עקזיסטירט אז אייביגע מאטעריע, פון וועלכע אלץ איז בעשאפען געווארען. די הימעלישע קערפערס זיינען אויך געמאכט געווארען פון דער דאזיגער מאטעריע און זיינען דארום אויך אונטערווארפען דעם געזעץ פון זיין און אונטער־געהן. זייער ז י י ן קומט ניט פון גארניט און זייער אונ־טערגעהן איז ניט קיין פערשווינדען אין גארניט. דיא מא־טעריע קען ניט פערשווינדען. זיא בייט בלויז איהרע פארמען. דער חלוק צווישען די מיינונג פון דער תורה און די מיינונג פון פ ל א ט א בעשטעהט אין דעם, וואס לויט דער ערשטער איז אלץ בעשאפען געווארען פון גארניט, ווערענד לויט דער לעצטער איז אלץ בעשאפען געווארען פון דער מאטעריע.

3) דיא דריטע מיינונג איז דיא אריסטאטעלישע. דיא אור־מאטעריע איז אויביג, אין דעם קומען זיי זיך צוזאמען מיט דיא פ ל א ט א נ י ק ע ר. אבער אויך בעוועגונג און צייט זיינען אייביג. דיא אויבערסטע און אונטערסטע וועלטען זיי־נען אייביג און ניט אונטערווארפען דעם געזעץ פון ז י י ן און פ ע ר ג ע ה ן. דיא ענדערונגען וואס קומען פאר אויף דער ערד נעהמען זיך דערפון, וואס דיא מאטעריע האלט כסדר אין בייטען איהרע פארמען. דער עצם מאטעריע בלייבט אבער שטענדיג דער זעלביגער. גאט איז דיא אורזאכע פון דיא וועל־טען, וועלכע ער האט ארויסגערופען מיט זיין ווילען. און אזוי וויא זיין ווילען איז אייביג און אונפערענדערבאר, דארום מוז אויך דיא וועלט זיין אויביג, אהן א אנפאנג און אהן א ענדע (מו"נ. חלק ב', פרק י"ג).

דער רמב"ם פערברייטעט זיך וועגען דעם עניין. ער זוכט צו בעקעמפפען די ראיות פאר דער אייביגקייט פון דער וועלט. ער ברייגגט אויך ראיות און ארגומענטען צו בעווייזען, אז דיא וועלט איז א בעשאפענע, און גיט צו, אז אויך זיי זיינען ניט איבערצייגענד. ער קומט צום שלוס, אז ביידע השערות, סאי די השערה, אז די וועלט איז אייביג, סאי די השערה, אז די

וועלט איז בעשאפען, זיינען פערבונדען מיט שווערינקייטען, אבער די טענות געגען דער ערשטער זיינען שטארקער.*)

דער הויפט - טעות, וואס דיא אנהענגער פון דער אייביגקייט פון דער וועלט מאכען, בעשטעהט אין דעם, וואס זיי ברענגען ראיות פון דיא נאטירליכע געזעצע ווי א זיי זיינען איצטער. נאכדעם וויא דיא וועלט איז שוין בעשאפען געווארען, אויף א צייט. ווען זי האט נאך ניט עקזיסטירט און די אלע געזעצע זיי־נען נאך דאמאלס, פאלגליך, ניט געווען גילטיג. מיר לייקענען ניט אפ די איינגעשאפטען פון דער מאטעריע, ווי מיר בעגריי־פען איהר איצטער, דאס הייסט, נאכדעם ווי זי עקזיסטירט שוין; מיר לייקענען אויך ניט אפ די געזעצע פון דער בעוועגונג. אונז פאלט גאר ניט איין די פערלייקנונג פון אונזערע חושים און די אלע נאטירליכע ערשיינונגען. מיר זאגען אבער, אז דאס אלץ איז בעשאפען געווארען פון גארניט, און אז די דא־זיגע אלע געזעצע פאנגען זיך ערשט אן מיט דער שעפפונג. מען קען ניט אנווענדען די געזעצע פון דאס עקזיסטירענדע אויף דעם וואס עס האט ניט עקזיסטירט; מען קען ניט ברענגען קיינע ראיות דערפון וואס עס איז אויף א צושטאנד פון ניט־זיין. מיר ווייסען ניט און קענען ניט וויסען, וואס עס איז געווען איידער דיא שעפפונג איז ארויסגערופען געווארען, אבער מיר ווייסען, אז דיא געזעצע פון דעם הייגטיגען זיין קענען ניט ווערען אנגעווענדעט אויף דעם נעכטיגען ניט־זיין. (מו"נ, חלק שני, פרק י"ז).

* * *

דער רמב"ם האט זיך ניט געשטעלט דיא אויפגאבע צו בעווייזען, אז דיא וועלט איז דוקא בעשאפען געווארען; זיין אויפגאבע איז א פיעל קלענערע: צו בעווייזען, אז זיא מוז ניט זיין דוקא אן אייביגע. „מיר פרובירען ניט בעווייזען,

*) שכמו שתתחייב לנו קצת הרחקה באמונת החדוש, כן תתחייב הרחקה יותר גדולה ממנה באמונת ההקדמות (מו"נ, חלק שני, פרק ט"ז).

אז דיא וועלט איז בעשאפען געווארען; מיר ווילען בלויז דערווייזען, אז עס איז מעגליך דאס זיא איז בעשאפען געווארען און אז דאס איז ניט געגען דער נאטור (מו"נ, חלק ב', י"ז).

דער רמב"ם האט געזוכט צו צוקלאפען דיא ארגומענטען פאר דער אייביגקייט פון דער וועלט, וועלכע אריסטאטעלס און זיינע תלמידים האבען ארויסגעשטעלט. אבער מען קען ניט זאגען, אז דאס איז איהם איז גאנצען געלונגען; דער רמב"ם אליין בעהויפטעט עס גאר ניט. דער רמב"ם האט נעטאהן אין בעצוג צו דער דאזיגער פראגע דאס זעלבע, וואס ער טהוט אזוי אפט אין בעצוג צו אנדערע פראגען. ווען ער געפינט קיין אויסוועג ניט: ער ערקלעהרט עס פאר אן „ענדליכע - פראגע". וועלכע דער מענשליכער שכל קען ניט דערגרונטעווען· ממילא איז אויסגעקומען, אז בנוגע דער פראגע פון דער אייביגקייט פון דער וועלט האט זיך דער רמב"ם געשטעלט אויף א פעסטערען און זיכערערען באדען ווי אריסטאטעלס: וועהרענד דער לעצטער האט געפרובירט געבען א פאזיטיווען ענטפער אויף דער פראגע, האט זיך דער רמב"ם אין גאנצען ענטזאגט דערפון. ער האט איהר ערקלעהרט פאר איינע פון יענע „ענדליכע פראגען", וועלכע קענען ניט בעוויזען ווערען מיט אונבעשטרייטבארע ראיות אויף אזא אדער אויף אן אנדער אופן.

דער רמב"ם איז דערצו געצוואונגען געווארען. ווארים קוים נעהמט ער אן דיא אייביגקייט פון דער וועלט אין דעם זינן וויא אריסטאטעלס האט עס פערשטאנען, בלייבט קיין ארט ניט פאר אירגענד וועלכע רעליגיאן. בעקעמפפענדיג דיא אייביגקייט פון דער וועלט און בעווייזענדיג דיא מעגליכקייט פון א בעשאפענער וועלט, וואס זאל פון דעסטוועגען ניט זיין להיפוך פון אריסטאטעלס' פיזיק און מעטא-פיזיק, האט דער רמב"ם געמיינט צו כשר'ן דעם אריסטאטעליאניזם פאר דער רעליגיאן.

מאנכע פון די קריסטליכע פילאזאפען, ווי טהאמאס אקוויני אס, האבען זיך בענוצט מיט דעם רמב"ם'ס

„מורה נבוכים“, וועלכער איז איבערזעצט געווארען אין לא־טייניש, און האבען כשר געמאכט דעם אריסטאטעליאניזם אויך פאר דעם קריסטענטהום, וועלכער האט געזעהן א גע־פעהרליכע סכנה פאר זיך אין דיא לעהרען פון אריסטאטעלס.

דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים“ האט אלזא געהאט א גרויסע ווירקונג ניט בלויז אויף דעם וויטערען גאנג פון דער אידישער פילאזאפיע, נאר אויך אויף דער קריסטליכער וועלט.

XVII.

דיא עטהיק פון רמב"ם. ניט גוט און שלעכט נאר אמת און שקר איז דער יסוד פון מאראל. דער פאלקאמענער מענש און דיא געזעלשאפט. דיא מענשהייט ווערט איינגעטהיילט אין זעקס קלאססען. אלץ וואס איז בעשאפען געווארען איז גוט. שלעכטס איז ניט בעשאפען געווארען; עס איז בלויז אן אבוועזענהייט פון גוטס.

דעם רמב"ם'ס שטה אין עטהיק איז אין פאלשטענדיגען איינקלאנג מיט זיין גאנצער פילאזאפישער שטה, וואו דער שכל פערנעהמט דעם צענטראלען פונקט. מיר האבען שוין געזעהן, אז בלויז יענע מענשען וואס האבען ארויסענטוויקעלט זייער שכל פון מעגליכקייט אין ווירקליכקייט און זיינען פעהיג צו בעגרייפען די אייביגע אמת'ען, בלויז זיי זיינען זוכה צו אונשטערבליכקייט. מיר האבען אויך געזעהן, אז בלויז די דאזיגע הויך־ענטוויקעלטע מענשען, דער „אדם השלם", זיינען זוכה צו זיין אונטער גאט'ס השגחה און אז פון זיי קומען ארויס די נביאים. גאט איז, אזוי צו זאגען, ריינער שכל; דער אוני־ווערזום א שכל'דיגע געשעהענים, וואס איז א פּראדוקט פון דעם געטליכען ריינעם דיינקען. דער מענש קען זיך בעהעפטען מיט דעם „שכל הפועל" און אויף אזא ארט זיך פעראייניגען מיט דער אייביגקייט, אבער נאר דאמאלס, ווען ער האט זיין מ ע ג ל י כ ע ן שכל ארויפגעארבייט צו דער מדרגה פון א ו ו י ר ק ל י כ ע ן שכל.

דערפון פאלגט, אז די העכסטע מענשליכע שטרעבונג דארף זיין די פאלשטענדיגע ענטוויקלונג פון זיין שכל, ווייל

נאר דורך דעם קען ער ערדייכען זיין איינציגען און אמת'ען גליק. דאס העכסטע גוט פאר א מענשען איז דארום צו בעגרייפען וואס מעהר און טיעפער פון די אייביגע אמת'ען (מושכלות). אלץ וואס פיהרט דערצו איז גוט, און אלץ וואס ווירקט געגען דעם איז שלעכט. שלעכטע תאוות און שלעכטע מדות זיינען נאר דערפאר שלעכט, ווייל זיי שטערען דעם מענשען אין דער ערדייכונג פון דעם דאזיגען ציעל. ווען דער מענש דערגרייכט יענע הויכע מדרגה פון דעם „אדם־השלם", וואו זיין שכל קען זיך בעהעפטען מיט די אייביגע אמת'ען, עקזיסטירען מעהר פאר איהם ניט גוט און שלעכט. דאס דארף ניט שלעכט פערשטאנען ווערען. דער רמב"ם מיינט ניט, אז דער „אדם השלם" שטעהט „פון יענער זייט פון גוט און שלעכט", צו געברויכען ניטשעס אויסדרוק; אז דעם „אדם השלם" איז אלץ ערלויבט צו טאהן, אז פאר איהם איז שוין מעהר ניטא קיין „מען־טאר־ניט". דער רמב"ם מיינט, אז ווען דער מענש דערגרייכט יענע הויכע מדרגה, ווערען ממילה ביי איהם פערשוואונדען אלערליי תאוות און קערפערליכע פערלאנגען און דעריבער איז שוין ביי איהם מעהר ניט שייך גוט און שלעכט. ער שטעהט א־בער און העכער פון דעם, און ער קען זיי גאר ניט בעגרייפען. ער ווייס ניט מעהר פון גוט און שלעכט; ער ווייס בלויז פון אמת און שקר. אמת איז גוט; שקר איז שלעכט. ניט גוט און שלעכט, אלזא, נאר אמת און שקר איז דער יסוד פון דער מענשליכער אויפפיהרונג. אמת און שקר ווערט דא געמיינט ניט אין עטהישען זינז, נור אין שכל'דיגען. א שכל'דיגער אמת אדער א שכל'דיגער שקר, וויסען און אונוויסען.

דעם דאזיגען געדאנק וויעדערהאלט דער רמב"ם מעהרערע מאל. „מיט יאהרען צוריק", דערצעהלט ער, „האט מיר א געלעהרטער געשטעלט א שווערע פראגע: „ווי עס ווייזט אויס פון דעם פראסטען פשט פון פסוק", האט ער געפרעגט, „איז דער מענש בעשאפען געווארען ווי די איבריגע חיות אהן שכל און אהן געדאנקען. און ער האט ניט געוואוסט דעם חלוק

צווישען גוט און שלעכט. ווען ער האָט געזינדיגט, עססענדיג פון עץ הדעת, האָט מען איהם, קומט אויס, געשטראָפט מיט דאָס בעסטע וואָס ער פערמאָגט, — מיט'ן שכל. איז דאָס דען א בעשטראָפונג?"

דער תמצית פון רמב"ם'ס ענטפער אויף דער דאָזיגער הארבער קשיה איז: איידער דער מענש האָט געזינדיגט איז ער געשטאַנען אויף יענער הויכער מדרגה, וואו ער האָט גע־וואוסט בלויז פון א מ ת און ש ק ר אבער ניט פון גוט און שלעכט. נאָד זיין זינדיגען, צוליעב דעם וואָס אין איהם האָבען זיך ערוועקט קערפּערליכע פערלאַנגען, איז ער ג ע ־ ז ו נ ק ע ן און האָט אָנגעפאַנגען צו בעגרייפען גוט און שלעכט. „ער האָט אָנגעפאַנגען צו זעהן די מיאוסקייט פון א זאַך, אין וועלכע ער האָט פריהער קיין מיאוסקייט ניט גע־זעהן" (אבל נתחדש בו ענין אחר שגינה בו, מה שלא היה מגנהו קודם). דאָס וואָס שטעהט אין פּסוק אז נאָכ'ן עסען פון „עץ הדעת" זיינען זיי געוואָרען „כאלוהים" מיינט עס ניט געטער, נאָר הערשער אדער געזעטצגעבער, ווייל גוט און שלעכט זיינען נאָר „מפורסמות", קאָנווענציאָנעל, און אין דער נאַטור פון די זאַכען איז ניטאָ גוט און שלעכט, נאָר אמת און שקר (ואין בהכרחי טוב ורע כלל, אבל שקר ואמת). דאָס איז אַלזאָ געווען א שטראָף (מו"נ, חלק א, ב).

ריידענדיג וועגען דער אויפגאַבע פון דער תורה, זאָגט דער רמב"ם וויעדער ארויס דעם זעלביגען געדאַנק, אָבער פיעל ברייטער און אויספיהרליכער: די כונה פון דער תורה איז א דאָפּעלטע: צו פערפערטיגען די נשמה (תקון הנפש) און צו פערפערטיגען דעם גוף (תקון הגוף). דער תקון פון דער נשמה בעשטעהט אין דעם, וואָס די תורה גיט דעם עולם אמת'ע מיי־נונגען לויט זיין השגה נאָד. וועגען מאַנכע פון די דאָזיגע זאַכען איז די תורה קלאָר און וועגען אַנדערע רעדט זי אין אַלעגאָריען, ווייל דער פּראָסטער עולם קען ניט פערשטעהן די זאַכען ווי זיי זיינען.

דער „תיקון הגוף" בעשטעהט אין דעם, וואָס די תורה זאָרגט זיך און גיט געזעצע וועגען דעם עקאָנאָמישען און סאָ־

ציזאלען לעבען פון דעם מענשען. מענשען זאלען איינע די אנ־דערע ניט בערויבען; זיי זאלען ניט טהאן וואס זיי געפעלט, וואס זיי ווילען און קענען. נאר דאס וואס איז ניצליך פאר אלעמען. ערשט דאמאלס, ווען די מענשען ארבייטען זיך אויס ניצליכע מדות ווערט געגעבען די מעגליכקייט פאר א שטאאטס־לעבען.

פון דיא דאזיגע ביידע צוועקען איז דער ערשטער, דער „תקון הנפש" ,אהן צווייפעל די וויכטיגסטע. אבער איידער דער ערסטער קען ווערען א מעגליכקייט מוז פריהער קומען דער צווייטער, וועלכער איז פ ר י ה ע ר אין דער נאטור און אין דער צייט. דער מענש איז בטבע א געזעלשאפטליכער ווזען. דער איינציגער מענש קען זיך אליין ניט בעזארגען מיט אלץ וואס ער בעדארף, מיט עסען, מיט א דירה און אזוי ווייטער. ערסט ווען ער לעבט אין א געזעלשאפט און די ארבייט ווערט פיזרנאנדערגעטהיילט, ווערט מעגליך פאר דעם מענשען צו בעפרידיגען אלע זיינע בעדירפניסע. און דער מענש מוז פריה־ער זיין בעזארגט מיט דעם אלעם, ווייל ווען ער איז קראנק, הונגעריג אדער דורסטיג קען ער זיך ניט אפגעבען מיט שטו־דירען און פילאזאפירען. פריהער איז דארום נויטיג, אז עס זאל זיין א גוט־איינגעארדענטער געזעלשאפטליכער לעבען, און דערפאר גיט זיך די תורה אפ אזוי פיעל וועגען דעם.

די אויפגאבע פון דער געזעלשאפט איז צו מאכען מעג־ליך, אז דער מענש זאל קריגען דאס בעסטע, וואס ער נויטיגט זיך פאר דעם וואוילזיין פון זיין גוף. דער צוועק דערפון אבער איז, כדי דער מענש זאל זיך קענען אפגעבען מיט דעם פאר־שען פון די וויסענשאפטליכע און פילאזאפישע אמת'ען: „ער זאל האבען די מעגליכקייט צו דערגעהן מיט זיין שכל אלץ, וואס איז מעגליך פאר דעם מענשליכען שכל צו דערגעהן". (מו"נ. חלק שלישי. פרק כ"ז).

די מעהרסטע מצוות פון דער תורה זיינען אלזא געגעבען געווארען, כדי איינצוארדנען א גוטען געזעלשאפטליכען לע־בען; די גוטע געזעלשאפט מוז זיין, כדי דער מענש זאל קענען ענטוויקלען זיין שכל. קומט אויס, אז די גוטע מדות און די גוטע

געזעצע וואס די תורה גיט זיינען נאר א מיטעל צו א מיטעל. דער ציעל איז די העכסטע ענטוויקלונג פון שכל. און ווערט דער ציעל עררייכט איז מעהר דער מיטעל ניט נויטיג. „עס איז קלאהר, אז אין יענע העכסטע פערפאלקאמענונג איז ניטא קיין גוטע מעשים און מדות. נאר די אמת'ען אליין.*)

דאס מיינט אבער בשום אופן ניט, אז דער „אדם השלם" ווערט בעפרייט פון די אלע פערבאטען און פערזאגען אין דער תורה. עס איז אמת, אז זיי זיינען ניט געגעבען געוואָרען פון זיינעט וועגען. אז ער דארף זיי ניט מעהר, אבער אלס א מיטגליעד פון דער געזעלשאפט מוז ער זיין אונטערוואָרפען אונטער זיי. די תורה איז געגעבען געוואָרען פאר דעם ר ו ב, פאר דער מעהרהייט, ניט פאר דעם מ ו ע ט, פאר דער מינדערהייט. עס קענען ניט געגעבען ווערען בעזונדערע תורות פאר יעדען יחיד. „די אויפפיהרונג וואס די תורה פערארדערנט דארף זיין גילטיג פאר אלעמען. כאטשע פאר מאנכע איז זי גוט און פאר אנדערע ניט. ווארום אז מען וואלט איהר געגעבען פאר יעדען מענשען בעזונדער, וואלט אלץ פערלארען געגאנגען **) (זעה שלטון השזל, פון א ח ד ה ע ם).

דער גרויסער המוז, ווי מיר האבען שוין געזעהן, איז ניט פעהיג צו בעגרייפען יענע הויכע אמת'ען, ווייל עס פעהלען איהם די נויטיגע פארבערייטונגען און די נויטיגע פעהיגקייטען דערצו. עס קומט דארום אויס, אז די געזעלשאפט עקזיסטירט ניט פאר איהם, נאר אז ער עקזיסטירט פאר דער געזעלשאפט. דער צוועק פון דער געזעלשאפט איז, ווי עס איז שוין אויבען געזאגט געוואָרען, צו מאכען מעגליך די עקזיסטענץ פון דעם „אדם השלם", פון די איינצעלנע גרויסע. דער

*) ומבואר הוא שזה השלמות האחרון אין בו לא מעשים ולא מדות, ואמנם הוא דעות לבד. (מו"נ, שם).

**) אבל צריך שתהיה ההנהגה התוריה מוחלטת כוללת לכל ואע"פ שהיא ראויה לקצת אנשים ולאחרים אינה ראויה, כי אלו היה לפי האנשים היה נופל ההפסד בכל (מו"נ, חלק שלישי, פרק ל"ד).

פראסטער עולם. דער „המון הסכלים“. ווי דער רמב“ם דריקט זיך אזוי אפט אויס, איז ניט מעהר ווי א מין לייטער פאר דעם „אדם השלם“, אויף וועלכען ער, דער „אדם השלם“, קען ארויפקלעטערען אין די הימלען אריין. דער רמב“ם שעהמט זיך ניט און פיהרט צו זיין געדאנק צום לאגישען שלום, דער גרויסער עולם איז ווירקליך בעשטימט דערויף, כדי די איינצעלנע זאלען קענען דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון שכל׳דיגער ענטוויקלונג. עס מוז זיך געפינען אזא קלאסס מענשען. ווארום „אויב אלע מענשען וועלען זיך אפגעבען מיט׳ן שטודירען די וויסענשאפטען און די פילאזאפיע, וועט די וועלט חרוב ווערען און דער גאנצער מענשען־געשלעכט וועט אונטערגעהן אין א קורצער צייט. ווארום דער מענש איז זעהר שוואך און ער נויטיגט זיך אין פיעלע זאכען. ער וואלט געדארפט זיך אויסלערנען צו אקערען, צו שניידען, צו דרעשען, צו מאהלען, צו באקען און צו מאכען אויף אלעם די נויטיגע געצייג, כדי ער זאל קענען אנגרייטען זיין עסען. *) דער „רוב“ עקזיסטירט אלזא צוליעב דעם „מועט“; די פיעלע פאר דעם איינציגען אויסערוועהלטען.

דער רמב“ם זעהט אין דעם קיין אונרעכט ניט. אויב דאס איז אפילו שלעכט קען עס אבער ניט געהאלפען ווערען, וויל „ווען אלע מענשען וועלען זיך אבגעבען מיט שטודירען וועט די וועלט קיין קיום ניט האבען“. עס מוזען זיין פיעלע „אונטערסטע“, כדי עס זאלען קענען זיין ווענינע „אויבערסטע“. דאס איז דער זעלבער גרונד אויף וועלכען **אריסטאטעלס** האט גערעכטפערטיגט שקלאפעריי.

מען קען דעם רמב“ם ניט בעשולדיגען, פאר וואס ער האט זיך ניט געקענט פארשטעלען אזא מין אידעעלע מענשליכע געזעלשאפט, וואו די נויטיגע ארבייט וועט קענען גע־

---

*) שאם כל בני האדם מבקשים ההכמה ולומדים הפלוסופיה ישחת העולם, ויאבד ויכלה מין האנושי בימים מעטים, שהרי האדם דל מאד, מצטרך לדברים רבים. והיה נצרך ללמוד לחרוש, ולקצור, ולדוש, ולטחון, ולאפות, ולעשות כלים לכל זה, כדי לתקן מזונו (הקדמת המשנה).

טהאן ווערען מיט דער הילף פון מאשינען אין אזא קורצער צייט, אז יעדער איינער, אויב ער וועט נאר ווילען, וועט האבען גענוג פרייע צייט „צו ענטוויקלען זיין שכל ביז דער העכסטער מדרגה". דער דאמאלסדיגער אינדוסטריעלער צושטאנד, די אבוועזענהייט פון מאשינעריע, פון דאמפף און פון עלעק־טריק, האט ניט געקענט בעשאפען אזא פארשטעלונג. פאר יענער צייט איז טאקע נויטיג געווען, אז די פיעלע זאלען אר־בייטען פאר דעם איינעם, כדי עס זאל מעגליך זיין א פראגרעס. נאר אזא מאדערנער דענקער ווי ט ה א מ א ס ב א ק ל, בעהויפטעט, אז די מענשהייט האט נאר דאן געקענט מאכען פראגרעס אין קולטורעלען זין, ווען עס זיינען געווען אנגע־זאמעלט גענוג רייכטהימער, אום עס זאל זיך קענען בילדען א קלאס לעדיג־געהער, וועלכער האט זיך געקענט אפגעבען מיט ספעקולאטיווע פראגען און מיט דער וויסענשאפט.

דעם רמב"ם מעג מען אבער בעשולדיגען אין דעם, וואס ער האט די דאזיגע סאציאלע אונגלייכהייט און אונגערעכ־טיגקייט אויך אריבערגעטראגען אויף „יענער וועלט". אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען. דאס אלטע יודענטהום האט אין א רייהע פון פראקטישע געזעצע געזוכט אבצושאפען די סאציאלע אונגלייכהייט. און ווען דאס האט זיך ניט איינגע־געבען, האט זי צוזאמען מיט די אנדערע רעליגיאנען לכל הפחות אפגעשאפט די אונגלייכהייט אויף „יענער וועלט". דארטען זיינען ניטא קיין יחסנים; דארטען זיינען ניטא קיין חכמים און קיין נארען. דער עיקר זיינען די גוטע מעשים, און יעדער ווערט געמשפט לויט זיינע טהאטען. דער גרעסטער פילאזאף און חכם, אויב זיינע מעשים האבען ניט געטויגט, שטעהט אויף א נידעריגערע מדרגה פון דעם גרעסטען פראס־טאק, אויב זיינע מעשים זיינען גוטע. דאס יודענטהום, ווי אלע אנדערע רעליגיאנען, האט געזעהן די עולה און די אונגע־רעכטיגקייטען, וואס ווערען בעגאנגען געגען דעם רוב, און האט איהם בעזארגט מיט א האפנונג אויף דער צוקונפט. דער רמב"ם, ווי אן אמת'ער אריסטאקראט, איז ברוטאל צו די מאססען, צו דעם „המון הסכלים"· זיי האבען ד א גארנישט

און גארנישט וועלען זיי אויך האבען ד א ר ט ע ן. זיי דאר־פען דא אקערען, זייען, דרעשען, באקען און אזוי ווייטער, כדי דער אדם השלם זאל זיך קענען ענטוויקלען און דארטען איז ווידער אמאל דער „אדם השלם" דער יחסן. ער זעהט אין דעם קיין עולה ניט, ווייל ביי איהם איז ניט גוט און שלעכט, ניט גערעכט און אונגערעכט, נאר א מ ת און ש ק ר דער יסוד פון זיין עטהיק.

דער רמב"ם איז א שרעקליכער לאגיקער און ציהט זיך ניט צוריק פון קיינע קאנזעקווענצען, אבי די לאגיק האלט אוים. אונשטערבליכקייט הייסט די בעהעפטונג פון מענשליכען שכל מיט דעם „שכל הפועל"; דער שכל מוז זיין ענטוויקעלט, כדי די באהעפטונג זאל קענען פארקומען, פאלגליך נאר דער פילאזאף מיט זיין הויך עטוויקעלטען שכל איז אונשטערב־ליך.

דער רמב"ם זאגט אויסדריקליך, אז דער פילאזאף שטעהט העכער ניט בלויז פאר דעם פרומען פשוט'ען מענשען, נאר אפילו פון דעם פרומען למדן. ער גיט א משל פון א קעניג און זיינע אונטערטהאנען:

1) די ערסטע כתה זיינען אין גאנצען ניט אין לאנד. דאס זיינען מענשען פון פערשיעדענע ווילדע געגענדען, וואס האבען קיין אמונה ניט און זיי זיינען בלויז העכער פאר די אפפען.

2) מענשען וואס זיינען אין לאנד, אבער זייערע פנים'ער זיינען געווענדעט אין דער געגענגעזעצטער ריכטונג פון קעניגליכען פאלאסט, וואס מעהר זיי געהען אין זייער וועג, אלץ ווייטער ווערען זיי פון פאלאסט. דאס זיינען די מענשען וואס האבען פאלשע אמונות.

3) די מענשען וואס ווילען אריינקומען אין פאלאסט, א ב ע ר ה א ב ע ן א י ה ם ק י י נ מ א ל נ י ט ג ע־ז ע ה ן. דאס איז דער גרויסער עולם וואס היט אפ די תורה, א י ך מ י י ן ד י פ ר ו מ ע פ ר א ס ט א ק ע ס.

4) די וואס שטעהען נ י ט ו ו י י ט פ ו ן פ א־ל א ס ט א ו ן ז ו כ ע ן ז י י ן א ר י י נ ג א נ ג. דאס

זיינען די, וואס האבען ריכטיגע אמונות, וועלכע זיי האבען געקראגען בקבלה און ניט גע־פּארשט מיט'ן שכל. דאס זיינען די לומדים, וואס לערנען די תורה.

5) די וואס זיינען שוין אריין אין פארהויז פון פּאַ־לאַסט, דאס זיינען די, וואס גיבען זיך שוין אָפּ מיט חקירות וועגען די עקרים פון דער אמונה.

6) די וואס זיינען אריין אין אינערליכען פּאַלאַסט און זיינען זוכה צו זעהן דעם קעניג, דאס זיינען די פילאָזאָ־פען, וואס בעגרייפען מיט זייערע שכל'ן די אמת'ן וועגען דער גאָטהייט אויף אזוי פיעל, ווי עס איז מעגליך. (מו"נ, חלק שלישי, פּרק נ"א).

דער פילאָזאָף איז העכער פאר אלעמען, אפילו פאר דעם צדיק און למדן. עס פערשטעהט זיך, אז דאס האט ניט גע־קענט געפעלען די אידישע רבנים און חכמים. דער „שם טוב" מערקט אויף דעם אן. „אז פיעלע פון די חכמים און רבנים האבען געזאגט, אז דעם „פּרק" האט ניט געשריבען דער רמב"ם. און אויב ער האט אהים געשריבען, דארף מען איהם ארויסווארפען אדער בעסער פארברענגען". יענע תמימים הא־בען ניט פערשטאנען, אז עס איז „ניט בלויז דער דאזיגער „פּרק" אליין", מערקט אויף דעם אן אחד העם, נאר אויך די אלע אנדערע „פּרקים", וואס האבען לאגישערווייזע געמוזט פיהרען צו דעם דאזיגען „לעצטען ווארט". עס האבען זיך טאקע דאמאלס געפונען ביי אידען אזעלכע וואס האבען דעם ענין בעסער פערשטאנען און האבען אלע פּרקים פער־ברענט". (שלטון השכל).

* * *

דער רמב"ם בעהאנדעלט אויך די פראגע פון דער עקזיס־טענץ פון שלעכטס אויף דער וועלט, און ער שטעלט זיך ארויס צו זיין א גרויסער אפּטימיסט. אלץ וואס עס איז דא אויף דער וועלט, אלץ וואס גאט האט בעשאפען, איז גוט. דאס שלעכטע וואס מיר זעהען איז ניט עטוואס פּאזיטיוועס, נאר

בלויז נעגאַטיוועס: שלעכטס איז די אַבוועזענהייט פון גוטס. און אַן אבוועזענהייט איז ניט עטוואס וואס עס עקזיסטירט, נאר עטוואס וואס עס עקזיסטירט ניט. מען קען דארום ניט פרעגען, ווארום האט גאט בעשאַפען שלעכטס, ווייל שלעכטס, זייענדיג אן אבוועזענהייט, האט ניט געקענט ווערען בעשאַפען.

גאט האט די שלעכטס ניט בעשאַפען, אבער מען קען ניט אפּלייקענען איהר עקזיסטענץ; מיר זעהען דאך געננוג צרות אויף דער וועלט. פון וואנען נעהמט זיך די שלעכטס?

דער רמב"ם בעקעמפפט פריהער דעם פעסימיזם. עס געפינען זיך פיעל מענשען, און צווישען זיי אויך אזעלכע וואס רופען זיך חכמים, וואס מיינען, אז אויף דער וועלט געפינט זיך מעהר שלעכטס ווי גוטס. זיי פערגלייכען דאס ביסעלע רוהע און נחת, וואס דער מענש האט מיט די פיעל צרות, יסורים, קראַנקהייטען און דאגות, וואס ער האט אויסצושטעהן. זיי געפינען אז די צרות זיינען מעהר ווי דער נחת, און קומען צום שלום, אז די וועלט איז בכלל שלעכט. דער גרויסער טעות זייערער איז, וואס זיי בעטראכטען זיך אלס דעם מיטעל-פונקט פון דעם גאנצען אוניווערזום, און אויב זיי ווערען קראַנק פון צופיעל תאוות אדער פרעסען בעהויפּטען זיי, אז די גאנצע וועלט איז שלעכט. ווען זיי וואלטען אבער וויסען ווי קליין און נישטיג דער מענש איז לגבי דעם גרויסען אוניווערזום, וואלטען זיי איינגעזעהן ווי נאריש עס איז צו אורטהיילען פון זייערע איינענע פערזענליכע צרות אויף דער גאנצער וועלט בכלל.

די צרות וואס מיר זעהען צווישען די מענשען קענען איינגעטהיילט ווערען אין דריי קלאסען:

1) אזעלכע וואס טרעפען דעם מענשען צוליעב זיין נאַטור. ער איז געמאכט פון מאַטעריע, פון פלייש און בלוט. און מאַטעריע מוז בייטען איהרע פארמען און מוז זיין אונטערוואַרפען דעם פּראָצעס פון זיין און אונטערגעהן. דאס נעהמט זיך דערפון, וואס די מאַטעריע האט ניט די מעלה פון שטענדיגקייט און אונפערענדערבאַרקייט. זי ווערט

שטענדיג געענדערט און דארום מוז דער יחיד אונטערגעהן און בלויז דער מין בלייבט, וואס דאס מוז נאטירליך זיין פער־בונדען מיט צרות און יסורים.

2) שלעכטס וואס מענשען טוהען זיך איינע די אנ־דערע, ווי גנבה, גזלה, רציחה און די גרויסע מלחמות. דאס נעהמט זיך פון מענשליכע נארישקייט, וואס מענשען האבען ניט קיין שכל, אלזא ווידער פון אן אבוועזענהייט. ווען עס וועט קומען די צייט און מענשען וועלען אנפאנגען צו בעגרייפען דעם אמת, וועלען די דאזיגע אלע רייסערייען און קריגערייען פערשווינדען.

3) שלעכטס וואס דער מענש נעהמט זיך אליין, און ער אליין איז אין זיי שולדיג. די יאגענים נאך געלד, די יאגענים נאך כבוד און גדולה. די יאגעניש נאך וויין און פיעל פרויען. מיט די אלע דאגות, עגמת נפש, קראנקהייט און צרות, וואס זיינען דערמיט פערבונדען. ער ווערט א שקלאף צו זיינע תאוות, און ווען ער קען זיי אלע ניט ערפילען, ווערט ער בייז אויף גאט און אויף דער וועלט און בעקלאגט זיך אויף די שלעכטס. (מו"נ. חלק ג', פרק י', י"א, י"ב).

גאט, אלזא, האט די שלעכטס ניט בעשאפען. די גאנצע שעפפונג איז גוט. די שלעכטס וואס מיר זעהען נעהמט זיך פון דער מענשליכער נארישקייט. עס איז אין מענשען'ס הענד זיי אויסצומיידען, און עס איז זיין אייגענע שולד, אויב ער מיידט זיי ניט אויס. דאס איינציגע שלעכטע אין וואס דער מענש איז ניט שולדיג, איז דער פראצעס פון זיין און פאר־געהן, פון לעבען און שטארבען, וואס איז אבהייניגיג פון דער נאטור פון'ר מאטעריע. אבער אויך דאס איז ניט שלעכט, ווייל ניט דער יחיד, נאר דער־מין איז דער צוועק, און דער מין ווערט ניט פערשוואונדען מיט דעם טוידט פון יחיד.

* * *

ווען עס קומט צו דער פראקטישער עטהיק, פערגעסט דער רמב"ם זיינע אלע מעאריען וועגען אמת און שקר אין געגענ־זאץ צו גוט און שלעכט און שטעלט זיך אויף דעם יסוד פון

דער תורה. זיינע פּראַקטישע לעהרען זיינען די לעהרען פון דער תורה און דעם תלמוד. דער מענש דאַרף אויסקלייבען די מיטעלסטע וועג פון אַלע מדות. ער דאַרף ניט ווערין גיך בייז, אָבער עס איז פאַראַנען צייטען, ווען עס איז נויטיג, אַז א מענש זאָל ווערען אין כעס. אַזוי איז אויך מיט ליעבע און שנאה, מיט רחמנות און אכזריות און דער גלייכען (משנה תורה, הלכות דעות, פּרק ד׳). עס זיינען פאַראַנען מענשען, וואָס קענען זיך ערלויבען צו געהן צו דעם עקסטרעם פון די גוטע מדות, דאָס זיינען די ח ס י ד י ם. אָבער ניט פון אַלע מענשען קען מען עס פערלאַנגען.

דער מענש, אום ער זאָל זיך קענען אויפפיהרען ווי געהעריג איז, אום ער זאָל קענען פערשטעהן גאָט׳ס וועגען, מוז זיין געזונד. דער רמב״ם שטעלט דאַרום אַלס אַן ע ט ה י ש ע ן חוב, אַז דער מענש דאַרף היטען זיין געזונד. אין זיין „משנה תורה״ (הלכות דעות, פּרק ה׳) שטעלט ער אוועק זיינע היגיעניש און דיעטישע כללים אַלס דינים.

XVIII

די מחלוקה וועגען רמב"ם. די צדדים אין דער מחלוקה. דער ראב"ד און זיין קריטיק. ר' מאיר אבולאפיא און ר' יהודה אלפאכאר. דער פאנאטיק ר' שלמה פון מאנפעליע און זיין מסירה. די שטעלונג פון רמב"ם. דער „מורה נבוכים" ווערט פארברענט.

ריידענדיג וועגען רמב"ם איז אונמעגליך ניט צו דערמאָנען די מחלוקה, וואָס האָט אויסגעבראָכען צוליעב זיינע ספרים און זיינע לעהרען. די מחלוקה איז געוועזן א פערביטערטע און א לאַנגע: זי האָט זיך געצויגען פאר פיעלע צעהנדליגע יאָהרען. פאַר א קירצערע אָדער לייגערע צייט איז אַלץ געוואָרען רוהיג און שטיל, אָבער באַלד האָט די מחלוקה אויפגעפלאַמט פון דאָס נייע מיט מעהר שטאַרקייט און מיט מעהר פערביטערקייט. מען קען זאָגען, אז די דיסקוסיאָנען און די דעבאַטען וועגען רמב"ם, דאָפיר און דאַגעגען, האָבען זיך געצויגען ביז דער נייעסטער צייט. ס'וועט דאָ זיין גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון אזעלכע מאָדערנע אידישע שרייבער, ווי שמואל דוד לוצאַטא און פרץ סמאָלענסקין, וועלכע האָבען זיך נאָך אָפּגעגעבען מיט דער דאָזיגער פראַגע.

ווי אין יעדער מחלוקה זיינען אויך דאָ געוועזן צוויי צדדים, אָבער יעדער צד האָט געהאַט אין זיך פערשיעדענע עלעמענטען. פון איין זייט זיינען געשטאַנען די תלמידים און אנהייגער פון רמב"ם, וועלכע האָבען איהם שיער ניט פערגעטערט און האָבען בעטראַכט יעדען וואָרט פון

איהם אלס הייליג. צוזאמען מיט'ן רמב"ם'ס גרויסע לומדות האבען זיי אויך ארויסגעשלונגען זיין פילאזאפישע שיטה. זיין עקסטרעמען אריסטאטעליאניזם, וועלכע איז ווירקליך גאנץ אפט געווען געגען די סאמע יסודות פון דעם יודענטהום. דערצו האט פיעל בייגעטראגען דער פאקט, וואס דער רמב"ם האט אין זיין פריוואט לעבען זיך אויפגע־פיהרט זעהר פרום, אבהיטענדיג די אלע דינים פון תלמוד מיט אלע זייערע פרטים און איינצעלהייטען. דאס איז געווען פאר זיי דער בעסטער בעוויז, אז דעם רמב"ם „דעות", זיינע פילאזאפישע מיינונגען, זיינען ניט להיפוך צו דער תורה, צו דער געשריעבענער און ניט־געשריעבענער תורה. צווישען די דאזיגע פילאזאפישע אנהייגנער האט זיך אבער אויך געפונען א לינקער פליגעל, וואס האט צוגע־פיהרט דעם רמב"ם'ס געדאנקען צו זייער לאגישען שלוס. דאס זיינען געווען מאנכע פון די „אללעגאריסטען", וועלכע האבען בעטראכט די תורה אלס דורכאויס אלעגאריען און האבען זיך גאנץ ווייניג געקימערט וועגען דער פראקטי־שער זייט פון איהר, וועגען די פראקטישע מצוות.

דעם רמב"ם'ס געגנער קענען אויך איינגעטיילט ווערען אין צוויי קלאסען. איין קלאס איז בעשטאנען פון מענשען, וועלכע זיינען ניט געווען פרעמד מיט דער פילאזאפיע. ניט געגען דער פילאזאפיע בכלל האבען זיי געקעמפפט, נאר זיי האבען געזוכט צו בעקעמפפען דעם רמב"ם'ס פילאזאפיע. זייער פילאזאפיע איז געווען די פילאזאפיע פון די „מדברים", ווי דער רמב"ם רופט זיי. דאס איז געווען א פילאזאפיע, וואס איז געווען א געמישעכץ פון פיטהאגאריי־אישע, פלאטאנישע, ניי־פלאטאנישע און אנדערע לעהרען. די דאזיגע פילאזאפיע האט זיך שוין געהאט איינגעוואוינט און צוגעפאסט צו דער רעליגיאן; זיא איז ניט געווען אין ווידערשפרוך מיט די רעליגיעזע לעהרען. די דאזיגע פילאזאפיע איז געווען א דיענסט ביי דער רעליגיאן, וועהרענד דער רמב"ם האט געמאכט די רעליגיאן א דיענסט צו דער פילא־

ז אָ פ י ע. אויך דער רמב"ם האָט געמיינט צו פערשטאַר־קערען די רעליגיאָן, וועלענדיג איהר בעגרינדען אויף דעם, וואָס ער האָט בעטראַכט פאַר אונבעשטרייטבאַרע אמת'ן. זיינע געגנער האָבען אָבער איינגעזעהען, „אז וועלענדיג פער־שטאַרקערען איהר, גראָבט ער אונטער איהרע יסודות".

דער אַנדערער קלאַס פון רמב"ם'ס געגנער איז בעשטאַ־נען פון מענשען, וואָס האָבען אין גאַנצען ניט געוואָלט וויסען פון דער פילאָזאָפיע; זיי זיינען געווען געגנער פון אירגענד וועלכער פילאָזאָפיע. זיי זיינען ארויסגעטראָטען אַזוי שאַרף געגען דעם רמב"ם, ווייל זיי האָבען אין איהם געזעהן אַ ביישפּיעל אין וועלכע קרומע וועגען די פילאָזאָפיע קען פערפיהרען אפילו אַזאַ גרויסען תלמודיסט און גרויסען פרומאַק ווי דער רמב"ם איז געווען. מאַנכע פון זיי, ווי ר' מ ש ה ת י ק ו, האָבען זיך זאָגאַר ערלויבט אַנצוגרייפען ר ב ס ע ד י ה ג א ו ן, בעשולדיגענדיג איהם, אַז ער איז דער ערשטער, וואָס האָט אריינגעבראַכט די פילאָזאָפישע צרה ביי אידען.

* * *

די אונצופריעדענהייט מיט'ן רמב"ם און זיינע ספרים האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך ביי זיין לעבען. דער שטאַרקסטער און וויכטיגסטער געגנער אין יענער צייט איז געווען דער דריטער ר א ב " ד אָדער ווי ער איז בעקאַנט אַלס דער „בעל השגות" (דער קריטיקער).

דער דאָזיגער ר א ב " ד איז געווען אַ רייכער און אָנגעזעהענער מענש, איינער פון די גרעסטע תלמודיסטען פון זיין צייט, בשום אופן ניט קלענער פאַר דעם ר מ ב " ם גופא אַלס תלמודיסט. ווי עס ווייזט אויס איז ער אויך ניט געווען אין גאַנצען אונבעקאַנט מיט דער פילאָזאָפיע. ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער קבלה. דער ראב"ד איז געווען ביי אַ צעהן יאָהר עלטער פון דעם רמב"ם און איז געשטאָרבען מיט זעקס יאָהר פריהער. אין איינעם פון זיינע בריעף צו ר' ש מ ו א ל א ב ן ת ב ו ן דערמאָנט איהם דער רמב"ם און רופט איהם אָן „הרב הגדול".

דער ר א ב " ד האָט, ווי עס ווייזט אויס, ניט געזעהן דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים", אָבער ער איז געווען בעקאַנט מיט זיינע פילאָזאָפישע אַנזיכטען פון דער „משנה תורה". אין זיינע „השגות" זעצט ער אויס ניט בלויז געגען דעם רמב"ם'ס דינים, נאָר אויך געגען זיינע פילאָזאָפישע מיינונגען. אויף וויפיעל דער רמב"ם האָט זיי אריינגענומען אין דער „משנה תורה". דער ראב"ד איז ניט צופריעדען. וואָס דער רמב"ם שטעלט אַוועק דעם גלויבען אין אַן אונקערפּערליכען גאָט אַלס א ד א ג מ א און ער פּסקענט, אַז דער וואָס גלויבט אַנדערש איז אַן אפּיקורס. ער גרייפט איהם אויך אָן דערפאַר, פאַר וואָס ער, דער רמב"ם, זאָגט זיך ניט אַרויס קלאָהר וועגען „תחית המתים". ווען דער רמב"ם רעדט אין זיין „משנה תורה" וועגען דער פראַגע פון פאָראויס-בעשטימונג און מענשליכען פרייען ווילען (ידיעה ובחירה), ענדיגט דער רמב"ם: „אונזער וויסען איז ניט ווי גאָט'ס וויסען און מיר דאַרפען ג ל ו י ב ע ן, אַז גאָט ווייס אַלץ". מערקט אויף דעם אָן דער ראב"ד סאַרקאַסטיש: „ער האָט אָנגעפאַנגען מיט קשיות און האָט געענדיגט מיט אמונה. צו וואָס זיינען נויטיג געווען די אַלע קשיות און פראַגען?"

דער ראב"ד צייכענט זיך אויס מיט זיין גרויסע בקיאות אין דער תלמודישער ליטעראַטור און מיט זיין שאַרפען, דורכדרינגענדען שכל. זיינע „השגות" זיינען געשריבען שאַרף, קורץ און צום פּונקט. עס איז אמת, ער געברויכט געגען רמב"ם זעהר אָפט גראָבע אויסדריקע, ווי צום ביישפּיעל: „ער ווייס ניט וואָס ער רעדט"; „ער רעדט ווי א אינגעל"; „ער רעדט נאַרישקייטען"; „ער איז ניט בעקאַנט מיט דעם ענין" און עהנליכע. דאָס איז אָבער א פּנים דאַמאָלס געווען אַזאַ מאָדע, ווייל דער רמב"ם גופא איז ניט פיעל בעסער אין דער הינזיכט. אויך דער רמב"ם רופט זיינע געגנער „הסכלים שבאדם", די נאַרישע צווישען מענשען. וואַרפט מען אָבער אַראָפּ די גראָבע אויסדריקע, געפינט מען אַז דער ראב"ד איז אין פיעלע פעלע גערעכט.

מיט דעם ערשיינען פון דעם „מורה נבוכים" איז נאַטירליך די אונצופריעדענהייט געשטויגען. דער קריג וועגען „מורה נבוכים" האט אַם שטאַרקסטען אויסגעבראָכען נאָך'ן רמב"ם'ס טויט. דער ערשטער וואָס איז געגען איהם אַרויסגעטראָטען איז געוועזען ר' מאיר אבולאפיא.

ר' מאיר אבולאפיא, וועמען דעם רמב"ם'ס אַנהייגער האָבען שפּעטער אָנגערופען „פינסטערלינג" און האָבען אויף איהם פערפאַסט אַ שפּאָט־ליעדעל, איז געוועזען איינער פון די אָנגעזעהענסטע מענשען אין זיין צייט. אַ גרויסער יחסן, בעקרוינט מיט'ן טיטול „נשיא", איז ער אויך געוועזען אַ גרויסער תלמודיסט און אַ בעדייטענדער געלעהר־טער, און איז אויך געוועזען בעקאַנט מיט דער פילאָזאָפיע. די אַנהייגער פון רמב"ם האָבען אַ פּנים ערוואַרטעט, אַז ער וועט זיך שטעלען אויף זייער זייט און זיי זיינען זעהר שטאַרק ענטוישט געוואָרען, ווען ער האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין אַלס איינער פון די ביטערסטע געגנער פון רמב"ם. איינער פון דעם רמב"ם'ס אַנהייגער, אברהם ב"ר שמואל חסדאי, רעדט וועגען אבולאפיא מיט'ן גרעסטען כבוד, און דריקט אויס זיין וואונדער, וואָס אויך ער איז צווישען דעם רמב"ם'ס געגנער. אבולאפיא ווערט פון איהם בעשריבען אַלס „דער וואונדער פון זיין צייט, דער העכסטער שכל, דער זיו פון כבוד, דער קרוין פון שעהנ־קייט, דער גרויסער חכם. *) דער פּאָעט יהודה אלחריזי רופט זיך אויך אָפּ זעהר גוט וועגען איהם, און זאָגט אַז „אין חכמה קען זיך קיינער צו איהם ניט פער־גלייכען".

ר' מאיר אבולאפיא האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר'ן רמב"ם אַלס תלמודיסט און זאָגט, „אַז מיט זיין „משנה תורה" האָט דער רמב"ם בעלויכטען די פינסטער־ניס", אָבער ער איז זעהר שטאַרק געגען זיין פילאָזאָפיע,

*) „מופת הדור ופלאו. רום השכל ושיאו, מושב היקר וכסאו, גליל ההוד וצבאו, החכם הגדול הנשיא הלוי ר' מאיר ב"ר טודרוס".

טהיילוויין געגען דעם „ספר המדע", אבער הויפטזעכליך געגען דעם „מורה נבוכים". ער דערצעהלט, אז ווען ער האט געקראגען דעם „מורה נבוכים" האט ער איהם גענוי געשטודירט, און האט איהם געפונען פאר שעדליך. „ער איז מקרב מיט דער לינקער האנד און פערשטויסט מיט דער רעכטער... דער וואס ריהרט איהם אן בלייבט ניט ריין". ער געפינט, אז מען דארף דעם „מורה נבוכים" ניט לייענען, כאטש עס איז מעגליך אז דער מחבר האט ניט געמיינט אזוי שלעכט. ער בעקלאגט זיך: „די פאלשע מזבחות זיינען ניט צושטערט געווארען, און דער עולם לייענט דעם „מורה נבוכים". זיינע הויפט טענות זיינען געריכטעט געגען דעם רמב"ם'ס מיינונגען וועגען דעם לעבען נאך'ן טויט (עולם הבא) און „תחית המתים".

ר' יהודה אבן אלפאכאר איז געווען א בעריהמטער געלעהרטער און דאקטאר, דער ארצט פון דעם קעניג פערדינאנד דעם דריטען. ער איז אויך געווען תלמודיסט און פילאזאף. דעם רמב"ם'ס אנהייגנער מיט דעם אלטען ר' דוד קמחי אן דער שפיצע האבען געזוכט איהם צו געווינען אויף זייער זייט, אבער דאס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען. אין זיינע בריעף צו ר' דוד קמחי מאכט אלפאכאר קלאהר זיין שטאנדפונקט און גיט אן זיינע טענות געגען דעם „מורה נבוכים".

אויך אלפאכאר רעדט מיט גרויס דרך־ארץ פון רמב"ם אלס תלמודיסט און פרומער מענש, און ער זאגט: „ווי קום איך, ארעמער מענש, ריידען געגען דעם קעניג?" אבער וואו עס האנדעלט זיך וועגען דעם כבוד פון גאט און דער תורה, קוקט מען ניט אויף דעם כבוד אפילו פון דעם גרעסטען מענשען. דער רמב"ם איז אויך ניט מעהר ווי א מענש, ער קען אויך זינדיגען און האבען א טעות. גרעסערע פאר איהם זיינען בעגאנגען פעהלערען. זיין פילאזאפיע איז ניט אידיש; זיא איז א פרעמדער צווייג אין אידישען גארטען.

זיינע לעהרען זיינען די לעהרען פון די גריכען, אָבער בשום אופן ניט קיין אידישע. גאַנץ אָפט גנב'ענען זיך אריין אין זייער לאָגיק און פילאָזאָפעריען נאַר פוסטע סאָפיזמען, און ניט צוליעב זיי דאַרף מען פערוואָרפען די אידישע תורה. אלפאכאר ברייננט אין זיין בריעף שטעלען פון דעם „מורה נבוכים", וואו דער רמב"ם זוכט אויסצוטייטשען געוויסע פלעצער פון דער ביבעל, אז זיי זאָלען זיך פּאַסען מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע; ער ברייננט דאָרטען אויך אַנדערע שטעלען און פרעגט: „וואָס וועט ער טהאָן מיט זיי, ווי אַזוי וועט ער זיי ערקלעהרען?" ער געפינט אַז עס איז ניט מעהר ווי רעכט וואָס מען האָט פערבאָטען צו לערנען דעם „מורה נבוכים", ווייל מען דאַרף איהם פערברענען (הואיל ולשרפה הוא עומד). ער מוסרט די אנהייננער פון רמב"ם און ער זאָגט, אז עס איז שוין צייט, זיי זאָלען תשובה טאָהן פון זייערע שלעכטע וועגען און זיך צוריקקעהרען צו דער תורה.

אלפאכאר און אבולאפיא זיינען אליין אויך געווען געלעהרטע און פילאָזאָפען, נאַר זיי זיינען געווען געגנער פון דעם אַריסטאָטעליאַניזם. דער אנפיהרער פון דעם קריעג איז אָבער געווען אַ מענש, וואָס האָט פיינט געהאַט אירגענד וועלכע פילאָזאָפיע בכלל, וואָס איז בלויז געווען אַ גרויסער תלמודיסט און פרומאַק. דאָס איז געווען ר' שלמה פון מאָנפעליע מיט זיינע צוויי תלמידים ר' יונה און ר' דוד. זיי זיינען אַלע דריי געווען גרויסע תלמודיסטען און צדיקים. סאַי אבולאפיא און סאַי אלפאכאר האָבען אַ הויכע מיינונג פון זייער לומדות, פרומקייט און עהרליכקייט.

צווישען די אנהייננער פון רמב"ם פערנעהמט דעם ערשטען פּלאַץ דער בעריהמטער ביבעל־קאָמענטאַטאָר און גע־לעהרטער ר' דוד קמחי (רד"ק); ר' שמואל אבן תבון, דער איבערזעצער פון „מורה נבוכים"; אברהם ב"ר שמואל חסדאי; בחיי

ב"ר משה און פילע אנדערע. בכלל קען מען זאגען, אז די אידען פון דרום־פראנקרייך און זייערע פארשטעהער זיינען כמעט אלע געווען אויף דער זייט פון דעם רמב״ם, וועהרענד צווישען די תלמודיסטען פון צפון־פראנקרייך האבען זיך געפונען פילע, וואס זיינען געווען געגען דעם רמב״ם.

פון אנפאנג איז די מחלוקה געווען מעהר אדער וועניגער א „ליטעראַרישע". באלד האט זי זיך אבער פערנאנדער־געפלאקערט אין א העלישען פייער. וואס מעהר די מחלוקה האט אנגעהאלטען אלץ פערביטערטער איז זי געווארען. עס האבען זיך געפונען מענשען, וואס האבען פון רמב״ם מצבה אפגעמעקט די שבחים און האבען אנשטאט דעם אויפגע־שריעבען: „דא ליגט משה דער „מין".

ביידע צדדים זיינען געווארען אלץ מעהר און מעהר פער־ביטערט איינער געגען אנדערען. עס האבען זיך אנגעפאנגען „חרמות" פון ביידע זייטען, איין צד האט דעם אנדערען ארייגעלייגט אין חרם. דער בריהמטער תלמודיסט, מקובל, און ביבעל־קאמענטאטאר, דער רמב"ן (נאחמאנידוס), וועמעס סימפאטהיען עס זיינען געווען מיט ר' שלמה'ן, האט זיך געפרובירט אריינווארפען צווישען די צדדים און מאכען שלום, אבער דאס איז איהם ניט געלונגען.

די וואפע פון ארייגלייגען אין חרם איז אבער פאר די געגנער פון רמב״ם ניט געווען גענוג, און זיי האבען זיך גענומען צו מסירה. ר' שלמה פון מאנפעליע האט פער'מסור'ט דעם „מורה נבוכים" פאר די דאמיני־קאנישע מאנאכען. היות און בכן, אזוי ווי איהר פרומע קריסטען פערברענט אייגענע אפיקורסים און אפיקורסישע ספרים, ווארום קוקט איהר צו גלייכגילטיג, ווי די אפיקורסים פערמעהרען זיך ביי די אידען? ווארום זעהט איהר ניט צו פערברענען דעם „מורה נבוכים"?

די דאמיניקאנער צדיקים האבען זיך ניט געלאזט לאנג בעטען. זיי האבען צוזאמענגעקליבען אזוי פיעל עקזעמפלארען פון „מורה נבוכים" וויפיעל זיי האבען געקענט קריגען, און

האָבען זיי געלאָזען פערברענען מיט גרויס צערעמאָניע און פּאראַד. דערביי איז עס אָבער ניט געבליבען. די שווארצע דאָמיניקאַנער האָבען זיך דערמיט ניט בעגנוגענט. דער עסק פון ברענען אידישע ספרים איז זיי געפעהלען געוואָרען, און אין פערציג טעג שפּעטער האָט מען אויף'ן זעלבען פּלאַץ געלאָזט פערברענען דעם תלמוד, צוועלף טויזענד בענדער. פיעלע פון די פרומע געגנער פון רמב"ם האָבען אין דעם געזעהן א שטראָף פון גאָט, און די מחלוקה איז אויף א צייט שטילער געוואָרען.

די אנהייגער פון רמב"ם האָבען נאַטירליך ניט געשוויגען. זיי האָבען געזוכט צו בעווייזען פאַר די קריסטליכע בעלי דעות, אַז דער „מורה נבוכים" איז ניט קיין אפּיקורסישער בוך, און אַז די בעשולדיגונג איז א מיאוסע מסירה. זיי האָבען אויסגעפיהרט דאָס זייעריגע, און די מוסרים זיינען בעשטראָפט געוואָרען, ווי עס איז דאמאָלס געוועזן דער מנהג, אַז מען זאָל זיי אויסשניידען די צינגער. די ליעבהארציגע קריסטליכע מאָנאַכען האָבען אויף אַזאַ אופן געהאַט א דאָפּעלטען נחת; אי אידישע ספרים פערברענט אי א פּאָר אידישע צינגער אויסגעשניטען...

וועגען דעם פערברענען פון דעם „מורה נבוכים" איז געבליבען א קורצער עפּיגראַם פון דעם רמב"ם'ס אנהייגער:

מה בערו האומרים כי בערו
דברי חמדות יקרו מזהב;
אש אכלה המה, — ואיך אש תאכלם?

(די נארען, זיי מיינען אַז זיי האָבען פערברענט די ווערטער וואָס זיינען טייערער ווי גאָלד. דאָס זיינען ווערטער פון ברענענדער פייער, — ווי קען זיי פייער פערברענען?)

* * *

דער רמב"ם האָט זיך שטענדיג בעטראַכט פאַר א שפּאַניער, כאָטש ער איז געצוואונגען געוועזן צו פערלאָזען שפּאַניען, ווען ער איז נאָך געוועזן א יונגער איינגעל. ביז

זיין סאמע עלטער שרייבט ער זיך אונטער „משה הספרדי", כישה פון שפאניען. ער האט ליעב געהאט שפאניען און איז געוועזן שטאלץ אויף איהר, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער און זיין פאמיליע זיינען דארטען אזוי שלעכט בעהאנדעלט געווארען.

ער איז געוועזן דער לעצטער, אויב ניט דער גרעסטער. פון די גאונים וואס דאס שפאנישע יודענטום האט פון זיך ארויסגעגעבען אין זיין גלאנץ עפאכע. מיט איהם קען יענע גלאנץ־עפאכע געשלאסען ווערען.